STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03260

YISRAEL FAYNBERG

Melech Epstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל פיינבערג

ישראל פיינבערג

ישראל פיינבערג

קעמפער פאַר פרייהייט
און סאָציאַלער גערעכטיקייט

פון

מלך עפּשטיין

מיט אַן אַריינפיר פון

דוד דובינסקי

פרעזידענט, אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואוירקערס יוניאָן



ניו-יאָרק

1948

ישראל פיינבערג יובל־קאָמיטעט
צו זיינע 40 יאָהריקע אַקטיוויטעט
אין דער אַרבייטער באַוועגונג

דזשאָינט באָארד פון קלאָוק, סוט, סקוירט און ריפער מייקערס׳ יוניאָן
גרעיטער ניו יאָרק
אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט װאוירקערס יוניאָן

•

בוך־קאָמיטעט

טשערמאַן
בענדזשאַמין קאַפּלאַן
מענעדזשער, קלאָוק אָפּערייטאָרס׳ לאָקאַל 117

מאָו דיימאָנד
פּרעזידענט, קלאָוק דזשאָינט באָארד

לואיס ריעס
מענעדזשער, סקוירט און ספּאָרטסוועיר לאָקאַל 23

מאָרים דזש. אַשבעס
(געשטאָרבן)
סעקרעטאַר־טרעזשורער
קלאָוק דזשאָינט באָארד

יוסף ברעסלאַוו
מענעדזשער, קלאָוק פּרעסערס׳ לאָקאַל 35

לואיס ע. לאַנגער
רעקאָרדינג סעק., קלאָוק דזשאָינט באָארד

עדוואַרד מאָליסאַני
מענעדזשער, איטאַליען קלאָוקמייקערס׳ לאָקאַל 48

לואיס הײמאַן
מענעדזשער, קלאָוק פינישערס׳ און טיילאָרס׳ לאָקאַל 9

איזידאָר שיפּמאַן
מענעדזשער, באָטאָנהאָל מייקערס׳ לאָקאַל 64

איזידאָר נאַגלער
מענעדזשער, קאַטערס׳ לאָקאַל 10

טשאַרלס בערנשטיין
מענעדזשער, עקזאַמינערס׳ און פלאָור װאוירקערס׳ לאָקאַל 82

אינהאַלט פאַרצייכענונג

זייט

פאָרוואָרט 6

אַריינפיר 8

1. קינדער יאָרן אין בערדיטשעוו 11

2. יוגענט אין ענגלאַנד 16

3. נייע האָריזאָנטען 28

4. אין מאַנטשעסטער 34

5. אין ניו יאָרק 47

6. די קלאָוקמאַכער יוניאָן 54

7. רייפקייט 66

8. אין שטורם 75

9. אויפלעבונג 93

10. אויף נייע וועגען 101

11. גאַנצקייט און אָפּטימיזם 115

פאָרוואָרט

אין 1947 איז געוואָרן געענדיקט 40 יאָר זינט ישראל פיינבערג, גענעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוק, סוט, סקוירט און ריפּער־מאַכער יוניאָן און וויִיס־פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, האָט אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל און אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג בפרט.

ביי אַזאַ אָפּשלוס פון פרוכטבאַרע, אַקטיווע יאָהרען האָט זיך געפּאַסט און געפאָדערט אַ יובל־פייערונג אויף דעם געהעריגען אופן.

די ישראל פיינבערג 40 יאָהריקע יובל־פייערונג איז פאָרגעקו־מען אין „טאַון־האָל,״ ניו יאָרק, דעם 7־טען סעפּטעמבער, 1947; וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון דעם „קלאָוק דזשאָינט באָארד יובל־קאָמיטעט,״ וואָס איז באַשטאַנען פון טרייד־יוניאָנס, קולטורעלע, פּראָטערנאַלע און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס. אויף יענער פיי־ערונג האָבן די 4 צענדליק יאָרען פון ישראל פיינבערגס פרוכטבאַרער אַקטיוויטעט, געקראָגן פולקאָמענעם אויסדרוק.

אין פאַרבינדונג מיט יענער פייערונג, האָט זיך אויך פאָרמירט אַ בוך־קאָמיטעט, אַרויסצוגעבען ישראל פיינבערגס לעבענס ביאָגראַפיע.

דאָס דאָזיקע בוך פון מלך עפּשטיין, געשריבן אָריגינאַל אין דער אידישער שפּראַך, און וואָס איז איבערזעצט געוואָרען אין אַ פאַר־קירצטער פאָרם אין ענגליש און איטאַליעניש, — באַשטעטיגט ישראל פיינבערג איבערגעבענהייט צו די ליבעראַלע אידייען אין זייער טיפסטער און ברייטסטער פאָרם; וואָס האָט אים געוואונען די ליבע און פאַרעהרונג פון יעדן וואָס האָט געהאַט די פּריווילעגיע מיט אים זיך צו באַקענען.

מיר ווילן דורך די עטליכע שורות ביי דער געלעגענהייט אויס־דריקן אונזער האַרציקען דאַנק צו אַלע וואָס האָבען מיטגעאַרבעט אין דעם „ישראל פיינבערג יובל קאָמיטעט.״

אין נאָמען פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, באַגריסען מיר ישראל פיינבערג, פאַר זיין קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, וועלכע האָט גע־בראַכט פרוכט אויף פאַרשידענע געביטען פון געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען.

מיר קוקען מיט דערוואַרטונג פאָראויס צו די נייע קאַפּיטלען, וועלכע ער וועט אַריינשרייבען דורך זיינע ווייטערע דערגרייכונגען נאָך אַ סך, אַ סך געזונטע יאָרען.

בענדזשאַמין קאַפּלאַן,
פאָרזיצער בוך־קאָמיטעט

יוסף ברעסלאוו,
פאָרזיצער יובל־קאָמיטעט

אַריינפיר

עס פרייט מיך זעהר דער באַשלוס פון קלאוקס דזשאָינט באָארד און פון דעם פיינבערג יובילייי קאָמיטעט, צו עהרען דעם גענעראַל מענעדזשער פון קלאָוק דזשאָינט באָארד און וויס־פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, דורך אַרויסגעבען זיין ביאָגראַפיע אין אַ בוך. דאָס איז ניט נאָר די שענסטע מתנה, וואָס איר האָט געקענט צוטראָגען דעם חשוב׳ען יובילאַר צו דער פייערונג פון זיין פערציג יאָהר טעטיגקייט אין און פאַר דער אַרבעטער און פרייהייטלעכער באַוועגונג, נאָר דאָס בוך וועט אויך לייסטען אַ וויכטיגע דינסט דער באַוועגונג, וועלכער ברודער ישראל פיינבערג האָט די אַלע יאָרען געווידמעט זיין האַרץ, זיין נשמה, זיינע גרויסע פיהיגקייטען און זיין אומאויסשעפּליכע ענערגיע.

אייך, די פירער און בויער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק, איז ניט נויטיג צו דערצעהלען וועגען דעם גרויסען בייטראַג, וואָס ברודער פיינבערג האָט געמאַכט צו דער טרייד יוניאָן באַוועגונג בכלל און צו אונזער אינטערנעשאָנאַל און דער קלאָוקמאַכער יוניאָן בפרט. פינף און דרייסיג פון די פערציג יאָר, וואָס אונזער יובילאַר איז טעטיג אין דער אַרבעטער באַוועגונג, האָט ער אָפּגעגעבען דער יוניאָן פון די פרויען קליידער אַרבעטער אין אַמעריקאַ און קאַנאַדאַ און מער ווי העלפט דערפון, — דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק. ברודער פיינבערג׳ס אַרבייט און ענערגיע האָט פיל בייגעטראָגען צו יעדען שריט פאָראויס, וואָס די ניו־יאָרקער קלאָוק־מאַכער האָבען געמאַכט אין לעצטען פערטל יאָרהונדערט. פילע פון די וויכטיגסטע פאַרבעסערונגען וואָס זיי האָבען זיך דערשלאָגען, ווי די רעגיסטראַציע און באַגרענצונגען פון קאָנטראַקטאָרס, די עטאַבלירונג פון עלטער פענסיע פאָנד, באַצאָלטע וואַקאַציעס און געזונט פאַרזיכערונג אויפן חשבון פון דער אינדוסטרי, זיינען פון אים פאַרטראַכט און דורכגעפירט געוואָרען.

און ניט נאָר די ניו־יאָרקער קלאָוקמאַכער, נאָר אויך די קלאָוק־מאַכער, דרעסמאַכער און די אַרבעטער אין אַנדערע צווייגען פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע אין אַמעריקאַ, פון מאָנטרעאָל אין צפון־

מזרח ביז לאָס אַנדזשעלעס, אין דרום־מערב ביים פּאַסיפיק, האָט פיינבערג געדינט מיט זיין גרויסען אָרגאַניזאַטאָרישען טאַלאַנט, מיט זיין פייהיגקייט אַלס אַרבעטער פירער וועמען די געזעלשאַפט, איינגעשלאָסען אויך אַרבעטס־געבער, רעספּעקטירען און הערען זיך צו צו אים.

ווידמענדיג אַלע זיינע פייהיגקייטען און כחות דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, האָט וויס־פּרעזידענט ישראל פיינבערג קיינמאָל ניט באַטראַכט זיין באַרוף אַלס פּראָפעסיע. די טרייד יוניאָן טעטיגקייט איז ביי פיינבערג׳ן געווען אַ טייל פון זיין אידעאַל פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם. עס איז געווען אַ טייל פון דעם בנין פאַר אַ נייעם וועלט־סדר. געבויט אויף די יסודות פון פרייהייט און מענשלעכע חשיבות, אויף עקאָנאָמישע זיכערקייט און שפע פאַר אַלעמען. פיינבערג איז דעריבען געווען טעטיג און געהאָלפען יעדע פּראָגרעסיווע און פרייהייטלעכע באַוועגונג און געקעמפּט קעגען יעדע רעאַקציע און דיקטאַטור, צי פון רעכטס אָדער פון לינקס, ניט אַכטענדיג אויף געפאַרען פאַר זיין פּערזענלעכע באַקוועמליכקייט. עס איז געווען אָט דער אידעאַליזם, וואָס האָט געטריבען פיינבערג׳ן, אין די ערשטע רייען, אין קאַמף קעגען קאָמוניסטישער דאָמינאַציע פון אונזער יוניאָן, און ווען עס איז זיי געלונגען, פאַר אַ שטיקל צייט צו פאַרכאַפּען די פירערשאַפט אין איינינע לאָקאַלס, האָט ער רעזיגנירט פון זיין אַמט און אַוועק צוריק אַרבעטען אין שאַפּ און געקעמפּט פאַר אַ ריינער יוניאָן אַלס פּראָסטער סאָלדאַט.

זיינע פערציג יאָר איבערגעגעבענע און פייהיגע דינסט פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג, האָבען ברודער פיינבערג׳ן מער ווי באַרעכטיגט צו דעם כבוד און אָנערקענונג פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, פון קלאָוק דזשאָינט באָארד און פון דער אַרבייטער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין אַלגעמיין. דאָס אַרויסגעבען פון זיין ביאָגראַפיע איז אַ שעהנער, פּאַסיגער אופן ווי אַזוי אָט־די פאַרדינטע אָנערקענונג אויסצודריקען. וויכטיגער אָבער פון דער פּערזענליכער באַפרידיגונג איז דער איינפלוס וואָס פיינבערגס ביאָגראַפיע וועט אויסאיבען אויף די יונגע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן, וועלכע האָבען אַליין ניט דורכגעמאַכט די שווערע און אָפט בלוטיגע קאַמפען, וואָס זיינען געפאָכטען געוואָרען אין די ערשטע יאָהרען פאַר יוניאָן אָנערקענונג און די מינדסטע פאַרבעסערונג אין לעבען פון די אַרבעטער. פיינבערגס ביאָגראַפיע וועט זיי געבען אַ בעסערע פאַרשטענדניש פון דעם געוואַלדיגען פאָרשריט, וואָס אונזער יוניאָן האָט געמאַכט אין די לעצטע דריי־

צענדליג יאָר און פון די מי, שווייס און קרבנות מיט וועלכע די יוניאָן איז אויפגעבויט געוואָרען. פיינבערגס ביאָגראַפיע וועט זיי אויך ווייזען אַז אידעאַליזם און מסירת־נפש איז דער איינציגער צע־מענט וואָס האַלט צוזאַמען אונזער באַוועגונג און איז דער פּאַנצער, וואָס באַשיצט זי געגען אַלע אָנגריפען פון שונאים אויסערהאַלב און אין אונזערע רייען.

ווינשענדיג אייך דעם גרעסטען דערפאָלג אין אייער אונטערנעמונג און האָפענדיג, אַז יעדער מיטגליד פון אונזער יוניאָן און טויזענדער אַרבייטער פון אַנדערע טריידס וועלען לייענען דעם בוך און ציהען נוצען און פאַרגעניגען דערפון.

דוד דובינסקי, פּרעזידענט
אינטערנעשאָנאל לעידיס גאַרמענטס וואָרקערס יוניאָן.

ערשטער קאַפּיטעל

קינדער יאָרן אין בערדיטשעוו

פאָטער אַ גוטער שניידער, מוטער האַלט אַ געשעפט. — עלטערענס באַגער, זון זאָל אויסוואַקסען אַ רב. — דער שטרייגער מלמד. — אַ לוסטיגער שטיפערישער אינגעל. — פאַרמאָגט אַ גוטען קאָפּ נאָר וויל ניט לערנען. — טאַטע, מאַמע ווילען אים אָנלערנען. — ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט צאַרי־שער פּאָליציי. — פאָטער אימיגרירט אין לאָנדאָן. — פאַמיליע באַזעצט זיך דאָרטען אין 1902.

איזראַעל (ישראל) פיינבערג, איז געבאָרען געוואָרען דעם 25־טען דעצעמבער 1886, אין בערדיטשעוו, אַן אַלטע און טיפּיש אידישע שטאָט, אין אוקראַינא. זיין פאָטער איז געווען אַ שניידער פון פרויען קליידער, אָדער ווי מען האָט עס גערופען, אַ דאַמסקער שניידער. אַ גוטער בעל־מלאכה, האָט דער פאָטער פיינבערג געהאַט גענוג באַשעפטיגונג, פונדעסוועגען האָט ישראל׳ס מוטער, וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ סוחרישער פאַמיליע, געהאַלטען אַ געשעפט פון אַלטע קליידער.ביידע מלאָכות, שניידעריי און דער געשעפט האָבען ניט רייך געמאַכט די פיינבערג פאַמיליע, אָבער פרנסה איז געווען גענוג. צו האָבען פרנסה האָט געמיינט צו געניסען אַ זאַטען כאָטש ניט קיין רייכען לעבען.

ישראל איז געווען דער עלטסטער פון זעקס קינדער. אַזוי ווי ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטען קאָפּ צום לערנען, האָבען זיינע עלטערען ניט געזשאַלעוועט קיין געלד און אים אָפּגעגעבען צו די בעסטע מלמדים. באַ זיי אין האַרצען האָט געטליעט די זיסע האָפנונג אַז זייער בכור וועט אויסוואַקסען אַ רב אָדער ווייניגסטענס אַ גרויסער בן־תורה. אַ זון אַ רב איז געווען די העכסטע שטרעבונג פון פרומע עלטערען, אַ אידעאַל וואָס האָט געוואַרעמט זייער שווערען לעבען. ישראליק האָט באַדאַרפט פאַרווירקלאַכען אָט די הייסע שטרעבונג.

צו פערצען יאָר איז ישראל אַריינגעגעבען געוואָרען צו אַ באַרימ־טען מלמד, וואָס איז פאַרעכענט געווען פאַר דעם בעסטען אין בער־דיטשעוו. דער מלמד האָט אָבער פאַרמאָגט אַ שטרייגע נאַטור. ער האָט אויפגעהאַלטען אַן אייזערנע דיסציפּלין צווישען זיינע תלמידים. אין דער זעלבער צייט, ווי אַ נויג צו וועלטלאַכקייט, איז

דער אינגעל אויך געשיקט געוואָרען צו אַ לערער צו לערנען רוסיש און אַריפמעטיק.

אַ לוסטיגער און שטיפערישער אינגעל

שווער צו זאָגען אין וועלכער ריכטונג ישראל׳ס קינפטיגע קאַריערע וואָלט זיך פאַרקערעוועט, ווען ניט די שטרייגקייט און די דיסציפלין וואָס האָט געהערשט אין דעם באַרימטען מלמד׳ס חדר. דער יונגער פיינבערג איז געווען אַ לוסטיגער אינגעל, און אַ גרויסער שטיפער. די אויסערגעוויינלאַכע שטרייגקייט אין חדר האָט אים געטריבען אַפצוטאָן פאַרשידענע שטוקעס דאָרטען. דער מלמד האָט זיך געקלאָגט פאַר די עלטערען.

— „אייער בחור׳על פאַרמאָגט אַ גוטען קאָפּ אויף די אַקסלען; ער קען אויסוואַקסען אַ גוטע כלי, אָבער וואָס טויג זיין גוטער קאָפּ, אַז ער איז אַ גרויסער לאָבוס און איך קען זיך מיט אים ניט געבען קיין עצה.״

ישראל׳ס עלטערען האָבען דענטסמאָל פאַרטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו ברייגען זייער בכור צום שכל. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין „אָנלערנען אים״ מיט דער הילף פון שווערער אַרבעט. זיי האָבען אים אַרויסגענומען פון חדר, אַפגעשטעלט דאָס לערנען רוסיש און אים אַריינגעגעבען פאַר אַ פריקאַזטשיק אין אַ האַרטאַוונעם (האָלסייל) געשעפט אויף דער גאָלדענער גאַס. זיי האָבען אָפגעמאַכט מיט דעם פאַרוואַלטער פון געשעפט אַז ער זאָל זייער זון ניט שאָנעווען און אים אָנלאָדען מיט שווערער אַרבעט. די עלטערען זיינען זיכער געווען, אַז דאָס שווערע אַרבעט און שטענדיגע אַרומלויפעניש וועט פאַלען שווער אויפ׳ן פערצען יאָריגען אינגעל. ער וועט מיד ווערען און קומען זיך בעטען צו באַנייען דאָס לערנען. אָט די האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרען. דעם אינגעל פיינבערג איז גראָדע געפעלען געוואָרען זיין אַרבעט אין דעם האָלסייל געשעפט. ער האָט זיך שנעל אַריינגעפּאַסט אין דער נייער אומגעבונג און האָט אַרויסגעוויזען גרויסע סמנים פון דערפאָלג. דאָס באַוועגלאַכקייט וואָס זיין אַרבעט האָט געפאָדערט פון אים, איז אים גרינגער געווען ווי דאָס זיצען אויפ׳ן ביינקעל און לערנען די טיפענישען פון תלמוד.

מאַטעריעלע לאַגע ווערט ערגער

אין געשעפט האָט פיינבערג געאַרבעט אַ יאָר און אַ האַלב. דערווייל איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג, צום ערגערען, אין דער

מאַטעריעלער לאַגע פון זיין פאַמיליע. אימיצער האָט אויסגעדונגען זיין פאָטער'ס געוועלב, וואו ער האָט אָנגענומען די באַשטעלונגען צו נייען קליידער. אין יענעם פלאַץ איז דער פאָטער פיינבערג גע־שטאַנען אַ סך יאָרען און דער פארלוסט האָט אים געטראָפען שווער און שטאַרק. ער האָט זיך געפילט טיף נידערגעשלאָגען ווי אימיצער וואָלט אים אויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל. ער האָט באַשלאָסען אויס־צוואוואַנדערען און האָט אויסגעקליבען לאָנדאָן, ענגלאַנד, ווי דאָס פלאַץ וואו צו בויען אַ נייע היים. די גאַנצע פאַמיליע איז פון אָנ־הויב ניט מיטגעפאָרען. פאַר דעם יונגען פיינבערג איז שפּעטער דאָס אימיגראַציע אין לאָנדאָן געוואָרען פון דער גרעסטער באַדייטונג. עס האָט איבערגעשטעלט זיין לעבען אויף אַ יסוד וואָס ניט זיינע עלטערען און ניט ער אַליין האָבען זיך דענטסמאָל געריכט.

פיינבערג'ס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַרבעטער קאַמפען...

דאָס אידישע בערדיטשעוו איז באַרימט געוואָרען פון שלום עליכם, דעם אומפאַרגעסלאַכען הומאָריסט און קינסטלער. שלום עליכם האָט טיף און שאַרף זיך אַריינגעשניטען אין דעם אינגעווייד פון דער אידישער שטאָדט, וועלכער ער האָט אָנגערופען קאַסרי־לעווקע. איר לעבענס שטייגער, איהרע מנהגים, דאָס אָרימקייט פון דער גרויסער מערהייט און די אויפגעקומענע עשירות פון דער קליי־נער מינדערהייט, איז פון אים געשילדערט געוואָרען מיט טיפער פאַרשטענדעניש און ליבע צום פשוט'ן איד. די באַרימטע קאָנקע (פערד טראַמוואַי), די קאַסרילעווקער גאַסען און זייער בלאָטע, די האָטעלען און רעסטאָראַנען, די קאַסרילעווקער באַלעבאַטים, אָרימע־לייט, האָרעפאַשניקעס און לופט מענשען זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אידישער געזעלשאַפטלאַכער און ליטעראַרישער ירושה. דעריבער איז ניט נויטיג זיך אָפּצושטעלען אויף דער סביבה וואָס האָט אַרומגערנגעלט דעם יונגען ישראל. גענוג צו זאָגען, דאָס איז געווען אַ באַהענטע, היימישע סביבה, איינגעשלאָסען אין איהרע אייגענע גרענעצען און באַוועגט פון איהר אייגענעם פּולס, אַ פּולס, וואָס האָט מיט קנאַפּע ענדערונגען, געשלאָגען מיט דעם זעלבען ריטם פאַר אַ סך דורות.

ווען דאָס אינגעל פיינבערג איז אַלט געוואָרען צו קענען באַמער־קען זאַכען און פּאַסירונגען אַרום אים, איז בערדיטשעוו נאָך געלעגען איינגעשלעפערט אין די קרומע הייזלאַך און שמאָלע גאַסען. דאָס

לעבען האָט געשטראָמט ווי אַלעמאָל, אָן איבעראַשונגען און אָן אויסערגעוויינלאַכע דערוואַרטונגען. אויב די ערשטע שפּורען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג וואָס האָט אָנגעהויבען רייף צו ווערען אין די גרעסערע אינדאָסטריעלע שטעדט, האָבען דערגרייכט בערדיטשעוו — און זיכער האָט עס אין אָנהויב פון 20טען יאָהרהונדערט געמוזט דערגרייכען — האָט דאָס אינגעל פיינבערג דערפון ניט געוואוסט. דאָס זעלבע וועגען דער השכלה באַוועגונג וועלכע איז פיל עלטער. אָן צוויפעל זיינען אין בערדיטשעוו צו יענער צייט געווען משכילים און סאָציאַליסטען, נאָר פיינבערג האָט פון זיי ניט געהערט. ער איז געווען אַ רעליגיעזער אינגעל, כאָטש ער האָט ניט געוואָלט לערנען. זיין אומיטעלבאַרע סביבה איז געווען פרום און קאָנסערוואַטיוו.

פונדעסוועגען האָט ער ניט אויסגעמידען אַ פיינלאַכען צוזאַמענשטויס מיט דער צאַרישערווירקלאַכקייט. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס אינגעל פיינבערג איז בלויז געווען אַ צוזעהער און ניט קיין אָנטיילנעמער, האָט דער בלוטיגער עפּיזאָד זיך טיף און ווייטאָגדיג אַריינגעדרונגען אין זיין מאָרך. צום ערשטען מאָל האָט ער אָנגעהויבען שטעלען פראַגען און זיך פילען באַאומרוהיגט.

צאַרישע פּאָליציי צומאַזיקט סטרייקער

איין טאָג האָט זיך איבער׳ן שטאָדט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז אין דער שטולען פאַבריק ווערט פאַרקומען אַ „זאַבאַסטאָווקע״. וואָס אַ „זאַבאַסטאָווקע״ איז האָבען זייער ווייניג מענשען געוואוסט. די פאַבריק איז געווען אין פאַרשטאָדט, אויף יענער זייט באַן־סטאַנציע. פיינבערג מיט נאָך אינגלאַך און מיידלאַך זיינען פון נייגעריקייט אַוועק צו דער פאַבריק צו זען וואָס דאָרטען וועט זיך טאָן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום פּלאַץ, איז שוין געווען פאַרנאַכט און פינסטערלאַך. אָן אַרבעטער איז געשטאַנען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעל אויף אַ ביינקעל און געהאַלטען אַ רעדע פאַר אָן עולם מענשען. די שפּראַך האָט פיינבערג׳ן געקלונגען אומבאַקאַנט, אָבער דאָס בילד וואָס דער רעדנער האָט געמאָלען און די גאַנצע סצענע האָט אים שטאַרק צוגעצויגען. דער רעדנער האָט געהאַלטען די עלעמענטאַרע און רירענדיגע רעדע וואָס, אין יענער צייט, איז געווען דער וועג פון אַגיטאַציע צווישען רויע אַרבעטער. ער האָט געשילדערט די אָרימקייט פון די אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס און די רייכקייט און דעם לוקסוס־לעבען פון די באַלעבאַטים וועלכע פאָרען אין קאַרעטעס,

זומער וואוינען זיי אויף דאַטשעס און ווינטער פאָרען זיי אין „קוריר־פלעצער". „מיר אַרבעטען שווער און לאַנגע שטונדען און האָבען קוים אויף זופּ" — האָט דער רעדנער אויסגעשריען; „זיי די באַלעבאַטים טוען גאָרניט און האָבען אַ סך". „איינציקייט און אָרגאַניזאַציע זיינען די איינציגע מיטלען צו פאַרבעסערען דעם אַרבעטער'ס לאַגע".

דאָ איז עטוואָס געשעהען וואָס האָט טיף אויפגערודערט דעם אינגעלס געפילען. אין מיטען פון דער רעדע, ווען דער מאַן מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבעל האָט דערגרייכט די הויכע שטופע פון באַגייסטערונג, איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסען אַ מחנה פּאָליציי, רייטער און פוסגייער און מיט רציחה זיך געוואָרפען אויף דעם פאַרזאַמעלטען עולם מיט זייערע שווערדען און נאַגייקעס. די פּאָליציי האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישען מענער און פרויען, דערוואַקסענע און יונגוואַרג; בלוט האָט געשטראָמט און מענשען זיינען צוטראָטען געוואָרען פון די פּאָליציי פערד.

יענע נאַכט האָט פיינבערג שוין ניט געשלאָפען; די גאַנצע בלוטיגע סצענע האָט זיך ניט באַטופּעט אין זיין קאָפּ. ער האָט ניט געקענט באַגרייפען וואָס פאַר אַ פאַרברעכען דער רעדנער איז באַגאַנגען. ער האָט דאָך גערעדט אַזוי קלאָר, שכלדיק און יושרדיק, אָט דאָס ערשטע פיינלאַכע באַרירונג מיט אַרבעטער קאַמף האָט אויפגערודערט פיינבערג'ס איינגעבאָרענע געפילען פאַר גערעכטיקייט און מענשלאַכער חשיבות. די ברוטאַליטעט פון פּאָליציי אָנפאַל האָט אַ שטויס געגעבען זיין געדאַנק. ער האָט געשטעלט זיין מאַמען פראַגען, וועלכע יענע האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו ענפערען. אויך זיינע באַקאַנטע האָבען ניט געקענט צופרידענשטעלען זיין עגבויערדיגען געדאַנק. די שטאָדט איז אים געוואָרען מיאוס. ווען עס איז אָנגעקומען דער בריוו פון זיין טאַטען פון לאָנדאָן מיט דער גוטער בשורה, אַז די פאַמיליע קען צו אים קומען, האָט זיך פיינבערג דערפרייט מיט דעם אָנבאָט. צוזאַמען מיט דער פאַמיליע פאַרלאָזט ער בערדיטשעוו און באַזעצט זיך אין דער ענגלישער הויפּטשטאָדט. דאָס איז געווען סוף 1902.

צווייטער קאַפּיטעל

דער שטאַרקער רושם פון לאָנדאָן. — די געשיכטע מיט'ן פּאַרקערטען אַר־בעל. — ווערט אַן אָפּערייטאָר. — לאָנדאָנ'ס טיכטיגע ראָלע אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. — אַ עיר מקלט פאַר רעוואָלוציאָנערען פון אַלע לענדער. — די אומגעלונגענע באַמיהונגען צו אָרגאַניזירען אידישע אַרבעטער. — אַהרון ליבערמאַן, מאָריס ווינטשעווסקי און זייערע פריינד. — די ערשטע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין אידיש. — די רייבונגען מיט די רייכע און מיט דער אָרטאָדאָקסיע. — לאָנדאָן אַן „אַכסניה" פאַר ניו־יאָרק.

יוגענט אין ענגלאַנד.

לאָנדאָן האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף דעם זעכ־צעניאָריגען פיינבערג. צום ערשטען מאָל האָט ער געזעהן אַזאַ ריזיגע שטאָדט. לאָנדאָנ'ס פאַרנעם, איר קאָלאָסאַלער שטח, דער רוישיגער פאַרקער אויף אירע גאַסען האָט אים באַרוישט.

די פאַמיליע האָט זיך באַזעצט אין ווייטשעפּעל אויף דער איסט־ענד, דאָס האַרץ פון דער אידישער באַפעלקערונג. ווייט־טשעפּעל פאַרמאָגט אַ היבשע צאָל „סלאָמס" (פינסטערע געסלאַך). זייער אויס־זעהן איז ניט געווען צו חנודיק אַפילו פאַר דעם יונגען אימיגראַנט פון בערדיטשעוו. די איינוואוינער פון ווייט־טשעפּעל האָבען געלעבט אין איינגשאַפּט. די קליינע הויפען זיינען אָנגעפילט געווען מיט טור־מעלדיגע פרויען און קינדער. קיין באַזונדערע ריינקייט איז דאָרטען ניט געווען. עס האָט אפילו געקענט דערמאָנען אַ הויף אין בערדיט־שעוו. אויך דאָס עסען און אפילו די קליידונג איז געווען ווייט פון אָנציהענדיג. אָבער דערפאַר דאָס פרייקייט אַרום, די מעגליכקייט אומגעשטערט זיך צו באַוועגען, זיך צו לערנען, האָט פאַרהילט די שווערע ניט־אָנגענעמע מאָמענטען פון דאָס לעבען אין ווייט־טשע־פּעל. די זיכערקייט מיט וועלכע מענטשן זיינען געגאַנגען אויף די גאַסען, די אָבוועזענהייט פון מורא פאַר דער פּאָליציי, וועלכע האָט געדריקט די מענטשען אין בערדיטשעוו, האָט געשאַפען דעם איינ־דרוק אַז די אידען אין לאָנדאָן לעבען זאַטער און בעסער.

אין דער ווירקלאַכקייט איז דאָס טאַקע אַזוי געווען: ניט געקוקט אויף די אומגעזונטע איבערבלייבאַכצען פון סוועט־שאַפּ און די אומ־זיכערקייט פון באַשעפטיגונג; ניט געקוקט אויף די אומסאַניטאַרישע

באַדינגונגען אין וועלכע די מערסטע הײזער אין ווײטשעפּעל האָבען זיך געפונען, איז דער לעבענס־סטאַנדאַרד פון די אידישע אײנגעוואַנדערטע אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָדט געווען אַ העכערער ווי אין צאַרישען רוסלאַנד. דאָס זעלבע איז נאָך ריכטיגער בנוגע די פּאַראײניגטע שטאַאטען, וואו די גרויסע מערהײט פון דער אידישער באַפעלקערונג איז צו יענער צײט באַשטאַנען פון קרבנות פון סוועט־שאַפּ. ניט בלויז די מעגליכקײטען וואָס די קינדער פון די אימיגראַנטען האָבען באַקומען זיך צו לערנען און אויך שטײגען אין לעבען, נאָר אַפילו דער סך הכל פון דער מאַטעריעלער עקזיסטענץ איז געווען אַ העכערער ווי אין די ערטער און שטעט פון וואַנען די אײנגעוואַנדערער זײנען געקומען.

אין לאָנדאָן איז פײנבערג׳ס פאָטער געוואָרען אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ. אויפצוהאַלטען זײן פריהערדיגע זעלבסטשטענדיקײט איז געווען אומעגלאַך. ווי אַ גוטער שנײדער האָט דער עלטערער פײנבערג ניט געהאַט קײן שוועריקײט צו קריגען אַרבעט אין אַ קלאָוק שאַפּ. אין דער אַלטער הײם איז אָבער אויך די מוטער געווען אַ פאַרדינער. אין לאָנדאָן איז אָט דער קוואַל פון פרנסה אָפּגעפאַלען. אַ פאַמיליע פון אַכט נפשות האָט געמוזט לעבען פון די פאַרדינסטען פון אײן קלאָוקמאַכער. די עלטערען זײנען דעריבער געצוואונגען געווען זיך אָפּצוזאָגען פון זײער באַגער צו שיקען זײער בכור זיך צו לערנען. מיט אַ שווער האַרץ האָבען זײ באַשלאָסען אים שיקען אין שאַפּ זיך אויסצולערנען אַ פאַך. נאָר אין אָוונט האָט ער געקענט גײן אין אַ שולע, דאָס האָט דער יונגער פײנבערג טאַקע גערן געטאָן.

ער נײט אַרײן דעם פאַרקערטען אַרבעל.

דער פאָטער אַ גוטער בעל מלאכה, מײנט נאָך ניט אַז דער עלטסטער זון וועט גרינג און שנעל זיך אויסלערנען דעם טאַטענס פאַך. ישראל׳ן איז שנײדערײ אָנגעקומען גאַנץ שווער. ווי ער דערצײלט איצט מיט אַ שמײכעל, האָט ער די ערשטע פאָר מאָנאַטען קאַליע געמאַכט אַ היבשע צאָל דזשעקעטס. (זשאַקעט). דער טאַטע האָט אים אַרײנגענומען אין זײן שאַפּ אים צו לערנען. אַ פאָר מאָנאַטען שפּעטער, האָט ער אים געגעבען אַ דזשעקעט, ער זאָל אײננײען דעם לינקען אַרבעל. דער זון האָט טאַקע אײנגענײט, אָבער אנשטאָט דעם לינקען — האָט ער אײנגענײט דעם רעכטען אַרבעל... דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ שטיקל אינצידענט מיט׳ן טאַטען, וועמענס שנײדערישער שטאָלץ האָט ניט געקענט פאַרטראָגען אַזאַ אומדער־

הערטע נאַכלעסיגקייט פון זיין זון, — און נאַכלעסיגקייט איז דאָס טאַקע געווען. דער זון האָט ניט באַוויזען איינצושפּאַנען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף נאָדעל און פאָדעם; אים איז שוין דענסטמאָל אין קאָפּ געקראָכען אַנדערע, מער אינטערעסאַנטערע זאַכען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסען אין לאָנדאָן.

נאָך דער געשיכטע מיט'ן אייניען דעם פאַרקערטען אַרבעל, האָט דער פאָטער אַריינגעגעבען זיין עלטסטען זון אין אַ שאָפּ וואו מען נייט אוניפאָרמען. אויך דאָרטען איז דעם יונגען פיינבערג ניט געגאַנגען גרינג און גלאַט. ער האָט די ערשטע צייט „באַגראָבען" עטלאַכע טוץ מאַנטלען. פונדעסטוועגען איז דער שאָפּ געווען אַ פּלאַץ פון אַ סך דערפאַרונג פאַר אים. ער האָט געזעהן ווי אַזוי מאַנטלען ווערען געניייט און זיך אויסגעלערנט ווי צו אַרבייטען אויף אַ נייימאַשין, — אַזוי האָט ער יעדענפאַלס געדיינקט. אין דעם דריטען שאָפּ איז ער געוואָרען אַן אַרויסהעלפער צו אַן אָפּערייטאָר (אַ נייער אויף אַ מאַשין). גלייכצייטיג איז ער געגאַנגען אין אָוענט־שולע און זיך געלערענט ענגליש און זיך באַקאַנט מיטן ענגלישען לעבענסשטייגער און דער עיקר מיט דער אַרבעטער און ראַדיקאַלער באַוועגונג. וואָס איז פאַר אים ביז דאַן געווען לחלוטין פרעמד. זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ראַדיקאַלע ענינים, האָט טאַקע שפּעטער געפירט, ער זאָל פאַרלאָזען זיין עלטערענס הויז און ווערען זעלבסט־שטענדיג.

לאָנדאָן אַ וויגעלע פון אידישען ראַדיקאַלען געדאַנק.

בערדיטשעוו און די אידישע אוקראַינא בכלל, אָנהייב פון צוואַנציגסטען יאָר־הונדערט, פאַרנעמט אַן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער אידישער ליטעראַטור. אַ סך פון די פּראָמינענסטע שרייבער האָבען געשילדערט דאָס לעבען אין די אַלטע אידישע שטעדט און שטעדטלאַך. עס איז דאַריבער ניט נויטיג אין אָט דער ביאָגראַפיע זיך אָפּצושטעלען אויף דעם כאַראַקטער און אויסזעהן פון דער שטאָדט וואו פיינבערג האָט פאַרבראַכט זיין ערשטע צענדליג און אַ האַלב יאָרען. דער אידישער לייענער האָט מער ווייניגער אַ פאַרשטעלונג פון אַן אידישער שטאָדט אין אוקראַינאַ. אַנדערש איז די לאַגע בנוגע ענגלאַנד בכלל און לאָנדאָן בפרט. דער אידישער לייענער ווייסט ווייניג וועגען ענגלאַנד פון יענעם פעריאָד. אין לאָנדאָן האָט פיינבערג פאַרבראַכט בלויז אַ צענדליג יאָרען. אָבער דאָרטען איז ער רייף געוואָרען; דאָרטען איז אויסגעפורעמט געוואָרען, אויב ניט זיין כאַראַקטער, איז ווייניגסטענס זיין געזעלשאַפטלאַכע פערזענ־

לאַכקייט. דער צענדליג יאָר אין ענגלאַנד איז דעריבער פון טיפער באַדייטונג פאַר אַ שטודיום פון פיינבערג דעם מענש, דעם טוער און דער אַרבעטער פירער.

אַ באַקאַנטשאַפט כאָטש זייער אַ קורצע איז דורכאויס נויטיג. ענגלאַנד האָט פאַרנומען אַ וויכטיגע פּאָזיציע אין דער אידישער אַר־בעטער באַוועגונג. לאָנדאָן איז אַפילו געווען אַ וויגעלע — כאָטש ניט דאָס וויגעלע — פון אידישען ראַדיקאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער אָנהויב פון אויפקלע־רונג און אָרגאַניזאַציע צווישען די אידישע מאַסען איז פּאַקטיש אָנ־געגאַנגען פּאַראַלעל איןביידע לענדער — מיט'ן אויסנאַם פון אהרון ליבערמאַן פעריאָדע — האָט אָבער לאָנדאָן צוליב אַ רייע אורזאַכען פאַרנומען דעם אויבען־אַן אין דעם ערשטען פעריאָד פון דער אי־דישער אַרבעטער באַוועגונג. לאָנדאָן האָט אַפילו צוגעשטעלט אַ היבשען טייל פון דער גייסטיקער יניקה מיט וועלכער ניו־יאָרק האָט זיך געמוזט שפּייזען. די העכערע פּאָזיציע וואָס לאָנדאָן האָט פאַר־נומען דערקלערט זיך ניט בלויז צוליב איר פריהערדיגען אָנהויב נאָר אויך פון אַ רייע דרויסענדיגע פּאַקטאָרען וועלכע שטאַמען פון דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון דער ענגלישער געזעלשאַפטלאַכקייט.

לאָנדאָן אַ עיר מקלט פאַר רעוואָלוציאָנערען.

איינער פון די פּאַקטאָרען וועלכע האָבען גורם געווען צו פאַר־וואַנדלען דעם מזרח־אייראָפּעאישען אידישען ישוב אין לאָנדאָן, צום סוף פון פאָריקען יאָרהונדערט, אין אַ מין גייסטיגער צענטער פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג, איז אַן צווייפעל די אָנזאַמלונג דאָרטען פון אַ קאָלירפולער מחנה פון רעבעלען און רעוואָלוציאָנערען פון אַלע טיילען פון אייראָפּע.

דער דורכפאַל פון די רעוואָלוציעס אין מערב אייראָפּע אין 1848, דער טראַגישער סוף פון דער קאָמונע אין פּאַריז אין 1871, די ביסמאַרק אַנטי־סאָציאַליסטען געזעצען אין 1878 און די צאַרישע פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד האָבען געבראַכט אין דער ענגלישער הויפּטשטאָדט די וואָרט־זאָגער און טעאָרעטיקער פון אַ רייע ראַדי־קאַלע ריכטונגען. זיי האָבען געפונען אַן עיר מקלט אין לאָנדאָן. עס זיינען געווען צייטען ווען לאָנדאָן איז פאַרבליבען פּאַקטיש די איינציגע גרויסע שטאָדט, און ענגלאַנד די איינציגע מאָדערנע לאַנד, וואו אַנטלאָפענע פּאָליטישע פאַרפאָלגטע האָבען געקענט געפינען אַ באָדען אונטער זייערע פיס, אויסער אין אַ טורמע. אויך די פאַרשטייער

פון די רעוואָלוציאָנערע־נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, ווי איטאַליע, די באַלקאַנען, האָבען געקענט אָנגיין מיט זייער מינדלאַכער און שריפטלאַכער טעטיקייט בלויז פון לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט געלעבט קאַרל מאַרקס, און דאָרטען האָט ער אָנגעשריבען זיינע וויכטיגסטע ווערק. אין מאַנשעסטער, ענגלאַנד, האָט געלעבט זיין נאָהענסטער מיטאַרבייטער און פריינד, פרידריך ענגעלס. אַ קורצע צייט האָבען זיך געפונען אין דער ענגלישער הויפטשטאָדט אַזעלכע וועטעראַנען פון מאַרקסיזם ווי: ווילהעלם ליב־קנעכט, קאַרל קאָוטסקי, דער גרעסטער פּאָפּוליזיאַטאָר און באַגרינדער פון דער מאָדערנער סאָציאַל דעמאָקראַטיע און עדוואַרד בערנשטיין, וועלכער האָט שפּעטער זיך אָפּגעצויגט פון אָרטאָדאָקסישער מאַרקסיס־טישער קלאַסען־קאַמף טעאָריע און איז געוואָרען דער פאָטער פון רעוויזיאָניזם, די טעאָריע פון דער עוואָלוציאָנערער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די רוסישע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען זיינען פאַרטראָטען געווען אין לאָנדאָן דורך אַלעקסאַנדער הערצען, איינער פון די ערשטע פאָלקס סאָציאַליסטען; פּיאָטער לאַוראָוו, דער גייסטיגער פאָטער פון די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, האָט אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבען דעם באַוואוסטען זשורנאַל „וופּעריאָד". אין לאָנדאָן האָבען אויך געלעבט, טשאַיקאָווסקי, סטעפּניאַק און אַ סך אַנדערע אַנטלאָפענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען.

אַלע ריכטונגען זיינען פאַרטראָטען.

אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָדט זיינען שטאַרק פאַרטראָטען געווען אַלע ריכטונגען אין סאָציאַליזם. אַ געוויסע צייט האָט דאָרטען געלעבט מיכאַאיל באַקונין, דער שאַפער פון דעם רעוואָלוציאָנערען אַנאַרכיזם וואָס טראָגט זיין נאָמען. אַ פּאָר יאָרען איז דאָרט געווען טעטיג דער פייערדיגער יאָהאַן מאָסט, וואָס האָט אָנגעהויבען זיין געזעלשאַפטלאַכע קאַריערע ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט אין רייכסטאַג און איז שנעל געוואָרען דער פריידיגער פון אַנאַרכיס־טישען „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט". מאָסט האָט אויסגעאיבט אַ שטאַר־קע עמאָציאָנעלע ווירקונג אויף אידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניגטע שטאַאטען וואו ער האָט אָנגעפירט אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע.

שפּעטער איז אין לאָנדאָן געקומען פּיאָטער קראָפּאָטקין, אַנאַר־כיסטישער טעאָרעטיקער און געלערענטער. קראָפּאָטקינס לערע ווי

אויך זיין רייגע, ליבע פּערזענלאַכקייט האָט צוגעצויגען היבשע טיילען פון דער אידישער יוגענט. די אַנאַרכיסטישע ריכטונג אין לאָנדאָן איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרען פון פּראַנצויזישען געאָגראַף רעקליו, דער רוסישער אַנאַרכיסט טשערקעסאָוו, דער איטאַליענישער מאַלאַטעסטאָ און אַנדערע, אין דעם אַנאַרכיסטישען לאַגער האָט שפּעטער געווירקט אַנאַנדער דייטש, רודאָלף ראָקער. מאָסט און ראָקער, צוויי געגענזעצלאַכע כאַראַקטערען זיינען הויפּטזעכלאַך טעטיג געווען צווישען אידען.

אַזאַ אָנזאַמלונג פון סאָציאַליסטישע פּערזענלאַכקייטען האָט ניט געקענט אויסמיידען די איינגעוואַנדערטע אידען. יעדער סאָציאַליסטישער וואָרטזאָגער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך איבערגעבענע תלמידים. יעדער פּראָפּאַגאַנדיסט האָט געצויגען צו זיך זיין מחנה אָנהיינגער. די שטראָמען און געגען שטראָמען האָבען זיך געדרייט אין אָן ענגען קרייז, צווישען די אימיגראַנטען, הויפּטזעכלאַך. די ענגלישע אַרבעטער באַוועגונג האָט געשפּאַנט מיט אירע אייגענע טריט, ווינציג באַווירקט פון דעם הייסען טומעלדיגען אידעאָלאָגישען געראַנגעל צווישען די ריזען פון ראַדיקאַלען געדאַנק. די גרופּעס וועלכע האָבען זיך געריסען צו רייפקייט און ווירקונג, אָדער פּינקטלאַכער, צו באַהערשונג פון מוחות און באַוועגונג, האָבען געמאַכט לאָנדאָן פאַר אַ מין לאַבאָראַטאָריע. אידען האָבען צוגעשטעלט די גרעסטע צאָל מיטאַרבעטער פון אָט דער לאַבאָראַטאָריע, כאָטש ניט אירע הויפּט כעמיסטען.

אידישע איינוואַנדערונגען אין לאָנדאָן.

ענגלאַנד איז פיל נאָהנטער צו מזרח אייראָפּא ווי די פאַראייניגטע שטאַאטען, במילא איז זי געוואָרען דער ערשטער צוציהונג צענטער פאַר אידישע אויסוואַנדערער. ענגלאַנד האָט אויך געהאָט אַ שם אין דער אידישער וועלט ווי אַ רייכע און פרייע לאַנד. ווען יונגע אידען איז ענג געוואָרען אין זייער אַלטער היים, האָבען זיי זיך געלאָזט אין לאָנדאָן, אַ סך פון זיי מיט דער האָפנונג, צו דערגרייכען שפּעטער די ווייטע ברעגען פון דער נייער וועלט.

מזרח־איירָאָפּעאישע אידען האָבען אָנגעהויבען צו אימיגרירען אין ענגלאַנד אין די זיבעציגער יאָרען פון נייצענטען יאָרהונדערט. פּונקט ווי אין די פאַראייניגטע שטאַאטען, האָבען די איינגעוואַנדערטע זיך גענומען הויפּטזעכלאַך צו דער פּרנסה פון נייען קליידער, כאָטש דער פּראָצענט קליידער־אַרבעטער אין לאָנדאָן איז געווען קלענער ווי

אין אַמעריקאַ. אַט די קאָנצענטראַציע אין איין אינדאָסטרי, האָט אין ביידע לענדער געהאַט די זעלבע גרונט־ווירקונג: אידען האָבען אינדוסטריאַליזירט די פּראָדוקציע פון קליידער, זי אַרויסגענומען פון די היימען און זי געבראַכט אין די פאַבריקען. זיי האָבען געמאַכט קליידער מער צוגענגלאַך צו ברייטע שיכטען פון דער באַפעלקע־רונג. גלייכצייטיג איז די אינדוסטריאַליזירונג דורכגעפירט געוואָרען — אין ביידע לענדער — אויפ׳ן חשבון פון אוממענשלאַכע אַרבעט־באַדינגונגען, באַקאַנט אונטער דעם „ליבען" נאָמען: סוועט שאָפּ.

פּאַראַלעל מיט דער אינדוסטריעלער ענלאַכקייט פון די יונגע אידישע ישובים אין די ענגליש רעדעוודיגע לענדער, איז אויך ענלאַך געוועזן די ערשטע פּאַרזוכען פון אויפקלערונג און אָרגאַניזאַציע. אין ביידע לענדער איז זייער לאַנגזאַם, שווער און מיט מאַטערניש, צו־געגאַנגען די באַמיהונגען צו שאַפען סטאַבילע און דויערהאַפטע עקאָנאָ־מישע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע אַרבעטער. יוניאָנס זיינען אויפגעקומען שנעל און פונקט אַזוי שנעל פאַרשוואונדען. פאַרהעלטניס־מעסיג גרינגער און דערפאָלגרייכער זיינען געוועזן די אידעאָלאָגישע באַמיהונגען. דאָ איז דער קרייז אָנהייגער אַ געקליבענער און במילא אַ קלענערער. אַ סאָציאַליסטישע ריכטונג קען זיך האַלטען אויף אַ קליינער גרופּע מענשען, אַ יונגע טרייד יוניאָן פאָדערט ווייניגסטענס אַ שטאַרקע מינדערהייט אויב טאַקע ניט אַ מערהייט פון באַטרעפענדי־גען פאַך. אַנדערש קען זי ניט לעבען. דעריבער איז ניט קיין וואונדער וואָס אין דער צייט ווען אידישע ראַדיקאַלען אין לאָנדאָן האָבען פאַר־אורזאַכט טומעלדיגע צוזאַמענשטויסען מיט דער אָרטאָדאָקסיע אָדער צווישען זיך גופא, האָבען זיי ניט באַוויזען אויפצוהייבען מיט זיך די נויטיגע אַרבעטער שיכטען פאַר שטאַנדהאַפטיגע יוניאָנס.

אהרון ליבערמאַן, דער זיידע ווינטשעווסקי און זייערע תלמידים

ווי אין אַלע אימיגראַנטען שטראָמען, באַוועגט פון נויט ווי אַ טרייב־קראַפט, זיינען אויך אַריינגעפאַלען אין שטראָם געציילטע מענ־שען וועלכע זיינען שוין אָנגעגרירט געוועזן פון דער סאָציאַליסטישע אי־דעאָלאָגיע, כאָטש זייער נעבעלהאַפט אָדער אוטאָפּיסטיש. אַט די יחידי־הסגולה זיינען געוואָרען די פּערזאָנען אויף וועמענס גורל עס איז אין אַ רויער סביבה, אויסגעפאַלען די היסטאָרישע ראָלע פון פּיאָ־נערען. זיי האָבען באַדאַרפט זיין די ערשטע צו פאַראַקערען און צו פאַרזייען אַ פעלד וואָס איז ביז איצט געוועזן אומבאַרירט. אהרון

ליבערמאַן, דער ערשטער אידישער סאָציאַליסט — אַזוי ווייניגסטענס איז אָנגענומען געוואָרען — האָט אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אין לאָנ־דאָן אין מיטען פון די זיבעציגער יאָרען. זיין ערשטע פראָקלאַמאַציע, אין העברייאיש, צו דער אידישער אינטעליגענץ האָט ער פאַרעפענט־לאַכט אין 1876. מיט צוויי יאָר פריהער, האָט אַ קליינע גרופּע אי־מיגראַנטען, לואי סמיט צווישען זיי, אָרגאַניזירט דעם ערשטען שניי־דער פאַראיין. (סמיט איז שפּעטער געווען טעטיג אין אַמעריקאַ.) ניט נויטיג צו באַטאָנען, אַז ליבערמאַנ׳ס אויפרוף, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען גערודער צווישען דער משכילישער אינטעליגענץ, האָט ניט דערגרייכט די אידיש־רעדענדיגע מאַסען, וואָס האָבען ניט גע־קענט לייענען העברייאיש.

אין 1879, פאַרטריבען פון דייטשלאַנד, איז מאָריס ווינטשעוו־סקי אָנגעקומען אין לאָנדאָן. אהרון ליבערמאַן האָט דענסטמאָל גע־גרינדעט דעם ערשטען אידישען אַרבעטער פאַראיין. די מאָטאָ פון דעם פאַראיין איז געווען — כל בעלי־מלאכה חברים. דאָס האָט גע־דאַרפט זיין אַ געגענגיפט צו כל ישראל חברים. ליבערמאַנ׳ס מיטאַר־בייטער זיינען געווען: א. זונדעלעוויטש, ח. סאַפּיר. עטוואָס שפּעטער זיינען טעטיג געווען די שניידער ראָזענטאַל און סטאָון; די סטאָליער וויינער און שאול לעווין; דער רעגענמאַנטעל מאַכער נתן בערלין און אַנדערע. דער אַרבייטער פאַראיין האָט זיך אָפּגעגעבען מיט פּראָ־פּאַגאַנדע. ער האָט אויך געזוכט צו טאָן טרייד יוניאָן אַרבייט. אָבער אַלע באַמיהונגען פון ליבערמאַן און זיינע פריינד אויפצוהאַלטען דעם פאַראיין ביים לעבען זיינען ניט געווען געראָטען; ער איז שנעל פאַר־נאַנדערגעפאַלען.

אַנאַרכיסטישע גרופּע איז איינפלוסרייכער.

מיט ווינטשעווסקי׳ס אָנקומען אין לאָנדאָן איז די גרופּע ערשטע סאָציאַליסטען באַדייטענדיג פאַרשטאַרקט געוואָרען. ווינטשעווסקי האָט ניט פאַרמאָגט ליבערמאַנ׳ס משכילישען צוגאַנג. ווינטשעווסקי איז געווען אַ פאָלקס מענש. ער האָט געקענט און ליב געהאַט די פאָלקס מענשען. ער האָט געשריבען לייכט, איראָניש און פאָלקס־טימלאך. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צום גייסטיגען צושטאַנד פון זיינע לייענער. אין לאָנדאָן האָט ווינטשעווסקי אַרויסגעגעבען זיין באַרימ־טען זשורנאַל „דאָס פּוילישע אידעל". דאָרטען האָט ער אויך אָנגע־שריבען אַ טייל פון זיינע אַרבייטער לידער און פּראָזע, וועלכע זיינען שפּעטער אויפגעכאַפּט געוואָרען פון טויזענדער אידישע האָריפּאַשני־

קעס און זיינען געוואָרען באַליבטע לידער און דעקלאַמאַציעס. ווינט־שעווסקי'ס אויפקלערונג אַרבייט איז סוף כל סוף געפאַלען ווי זוימען אין אַ צוואַקערטען פעלד און געבראַכט פלאַנצונגען.

שפּעטער זיינען געקומען אין לאָנדאָן פיליפ קראַנץ, ב. פייגענבוים און מ. באַראַנאָוו. זיי האָבען פאַרשטאַרקט די מאַרקסיסטישע גרופּע. ש. יאַנאָווסקי און אַנדערע אימיגראַנטען האָבען פאַרגרעסערט דעם ווירקונגס קרייז פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע פריהער, אין 1885 איז דערשינען די ערשטע אידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפט „אַרבעטער פריינד" וואָס איז שפּעטער געוואָרען דער אָרגאַן פון אַנאַרכיסטישען געדאַנק.

צוליב אַ רייע סבות, אויף וועלכע מיר האָבען ניט דאָס פלאַץ דאָ זיך אָפּצושטעלען אויף זיי, האָט די אַנאַרכיסטישע ריכטונג געהאַט די אויבערהאַנד אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ענגלאַנד. עס וועט וואַרשיינלאַך זיין ניט איבעריג צו באַמערקען אַז דער אידישער אַנאַרכיזם אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, מיט זייער קנאפּע אויסנאַמען ,איז בלויז אין טעאָריע געווען ענלאַך צום אייראָפּייאישען אַנאַרכיזם. די אידישע אַנאַרכיסטען, בכלל גענומען, האָבען זיך ענערגיש באַטייליגט אין בויען טרייד יוניאָנס, אָרגאַניזאַציעס פון געגענזייטיגער הילף, (ווי דער אַרבעטער רינג) קולטור אינסטיטוציעס און דאָס גלייכען. זיי האָבען ניט פּראַקטיצירט די „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט" טעאָריע. זייער אונטערשייד פון סאָציאַליסטען איז באַשטאַנען הויפּטזעכלאַך אין דער פּרינציפּיעלער געגנערשאַפט צו דער מלוכה; אין פאַרלייקענען דעם פּאָליטיש־פּאַרלאַמענטאַרישען קאַמף און אין אונטערשטרייכען די חשיבות פון דעם איינצעלנעם און זיין אומשטרייטבאַרע רעכט. צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטען האָבען זיי ניט פאַרפעלט צו שטרעבען און צו אַרבעטען פאַר טעגלאַכע פאַרבעסערונגען אין דער לאַגע פון די אַרבעטער.

מיר האָבען אויבען באַמערקט, אַז די ענגלישע אַרבעטער באַוועגונג, באַזונדערס דער טרייד יוניאָן טייל, איז ווינציג וואָס באַאיינפלוסט געוואָרען פון די סאָציאַליסטישע אימיגראַנטען־גרופּען. די ענגלישע אַרבעטער באַוועגונג איז ניט דורכגעדרונגען געוואָרען פון מאַרקסיזם און נאָך ווייניגער פון אַנאַרכיזם. געקליבענע גרופּעס אינטעליגענטען־ראַדיקאַלען זיינען אָבער ניט געבליבען אויסער דער השפעה פון די סאָציאַליסטישע ריכטונגען וואָס זיינען אידעאָלאָגיש רייף געוואָרען אין זייער הויפּט־שטאָדט. וויליאַם מאָריס, דער באַוואוסטער שרייבער, פּאָעט און עסעאיסט; היינדמאַן, דער פירער פון די מאַרקסיסטען; דזשאָן בורנז, ק. האַרדי, בויער פון דער ליי־

באַר פּאַרטיי און אַנדערע האָבען געטרונקען פון דעם קוואַל וואָס האָט געשטראָמט ניט ווייט פון זיי. זיי זיינען באַאיינפלוסט געוואָרען און האָבען באַאיינפלוסט אַנדערע, אַגב וויליאַם מאָריס האָט אויך געהאַט אַ קענטיגע ווירקונג אויף אידישע ראַדיקאַלע גרופּעס.

די רייבונגען מיט די רייכע אידען און דער אַנטי־רעליגיעזער קאַמף.

עס איז פאַראַן אַ סך ענלאַכקייט צווישען די גלגולים וואָס דער ערשטער פעריאָד פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין ענגלאַנד האָט דורכגעמאַכט און דעם זעלבען אַנהויב אין אונזער לאַנד. אָבער די ענלאַכקייט טאָר ניט פאַרשטעלען די פאַרשידענאַרטיקייט וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסען צוליב דער טיפער אַנדערשקייט פון די צוויי לענדער אַזוי צום ביישפּיל, האָט דער זייער קלענערער געאָגראַפישער און באַפעלקערונג־שטח פון ענגלאַנד געבראַכט צו אַ שאַרפערען צוזאַמענשטויס צווישען די אידישע ראַדיקאַלען און די אידישע גבירים וואָס זיינען געוועזן די עכט־ענגלישע „יאַהודים”. דאָס אויסברייטונג פון דעם סוועט שאָפּ אין דער קליידער אינדוסטריע האָט אַרויסגערופען דעם צאָרן פון געוויסע טרייד יוניאָן קרייזען. די רייכע אידען האָבען זיך דערשראָקען פאַר דעם וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבען אויך מיט אומרו זיך צוגעקוקט צום אויפשטייג פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישען די מזרח איראָפּיאישע אידען. אין גרונט גענומען, איז דיזעלבע דערשיינונג אויך אויפגעקומען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען, אָבער דאָ, איז איבער דעם אָפגרונט צווישען דעם איינגעוואַנדערטען ראַדיקאַלען איד און דעם אַלט געזעסענעם רייכען איד, שפּעטער אַריבערגעוואָרפען געוואָרען אַ בריק וואָס האָט געפירט צו אַ כאַראַקטעריסטישער דערנענטערונג אין געוויסע געביטען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט.

דער נידעריגער קולטור צושטאַנד פון די מאַסען.

דער געוויכט פון די אַנאַרכיסטען אין די ראַדיקאַלע קרייזען האָט אַן צוויפעל געשטויסען צו דער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע אין שריפט און טאַט. גלייכצייטיג טאָר עס ניט צוגעשריבען ווערען אויסשליסלאַך צו אַנאַרכיסטישער טראַציגקייט אָדער רעוואָלוציאָנערער אַטעאיסטישער קאַמפסלוסטיגקייט. אויך איבער דער טשיקאַווער דערשיינונג וואָס האָט געווירקט איןביידע לענדער, איז ניט דאָ דער

פלאָץ זיך אָפּצושטעלען. עס איז אָבער שווער צו פאַרבייגעהן דעם פאַקט אַז די ערשטע אידישע סאָציאַליסטען האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף דעם אַלגעמיין קולטורעלען נידעריגען מצב פון די אימיגראַנטען ווי אויף אַ שווערער מניעה אַפילו אויף דעם וועג צו אָרגאַניזאַציע. די שול אין לאָנדאָן איז בכלל געווען אַ קליינע פעסטונג פון פאַבריקאַנ־טען און קאָנטראַקטאָרס, אָפּט מיט דעם רב אַלס זייער אַרויסהעלפער. ענטוזיאַסטיש און אומגעדולדיג, האָבען די יונגע ראַדיקאַלען באַטראַכט די שול ווי אַ שטערונג צו וועלטלאַכער אויפקלערונג און אַרבעטער פאַראייניגונג. אַזוי ווי לאָנדאָן איז אויך געווען אַ נעסט פון מיסיאָנע־רען, דער גרעסטער און רייכסטער נעסט אין דער וועלט, איז די אָרטאָדאָקסישע געגנער פון סאָציאַליזם און אַרבעטער פאַראיינען ניט שווער געווען אויפצוהויבען געגען די ראַדיקאַלען דעם בלבול: מי־סיאָנערען, משומדים! דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ סך בייז בלוט און האָט פאַרערגערט די באַציהונגען צווישען די ראַדיקאַלען און די פרו־מע אידען. דער אַנטי רעליגיעזער קאַמפף מוז אויך באַטראַכט ווערען ניט דורך מאָדערנע ברילען נאָר פון די באַדינגונגען אין דער עקזיס־טירענדיגער סאָציאַל־קולטורעלער סביבה אין יענער צייט. גלייכ־צייטיג דאַרף מען צוגעבען, אַז די אַנטי־רעליגיעזע אַרויסטרעטונגען זיינען געווען אומבאַהאָלפען, שטעכעדיג, אויפרייצענדיג. זיי האָבען געפירט ניט צו דערנענטערונג מיט די האַרעפּאַשנע פרומע אידען, נאָר פאַרקערט; עס האָט זיי פאַרשטויסען.

לאָנדאָן אַן „אכסניה״ פאַר ניו־יאָרק.

די גלגולים פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין ענגלאַנד האָבען אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט. די ערשטע יאָרען איז לאָנדאָן געווען אַ צענטער צו וועלכען די ראַדיקאַלען פון ניו־יאָרק האָבען אַרויפגעקוקט און פון וואַנען זיי האָבען געשעפּט אַ סך פון זייער גייסטיגער שפּייז. שפּעטער איז לאָנדאָן גייסטיג פאַראָרימט געוואָרען. די ענגלישע הויפּט־שטאָט איז געוואָרען אַן אימיגראַציע סטאַנציע פאַר די פאַראייניגטע שטאַאטען. ניט בלויז האָבען פּשוטע אידען פון ענגלאַנד אויסגענוצט די געלעגענהייט אַריבערצושניידען דעם אַטלאַנטיק, נאָר אויך די אינטעליגענץ האָט געטאָן דאָס נעמלאַכע, גרעסטענטייל אויף איינלאַדונג פון ניו־יאָרק׳ער גרופּעס. פון לאָנדאָן איז אַוועקגעפאָרען דער זיידע ווינטשעווסקי, ש. יאַנאָווסקי, פיליפּ קראַנץ, ב. פייגענבוים, מ. באַראַנאָוו און הונדערטער רענק און פייל טוער. אויך מאָסט און ראָקער האָבען אין באַזונדערע צייטען פאַר־

לאָזט ענגלאַנד. אָט די אויסוואַנדערונג האָט שטאַרק אויסגעצערט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג פון ענגלאַנד און האָט זיך שווער אָפגערופען אויף די באַמיהונגען אויפצוהאַלטען דאָרט טרייד יוניאָנס און קולטור אָרגאַניזאַציעס.

לאָנדאָן איז געווען דער לעצטער עטאַפ־פונקט פאַר דער ערשטער אידישער מאַסען־אימיגראַציע. אין די שפעטערדיגע יאָרען, ווען אַ צווייטע כוואַליע אידישע אויסוואַנדערער האָט זיך אָנגעהויבען פון רוסלאַנד, נאָך דעם קעשענעווער פאָגראָם און דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רעוואָלוציע, (1905־1906) האָט זי שוין אויסגעמידען לאָנדאָן. די אימיגראַנטען זיינען געפאָרען גלייך אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. דאָסזעלבע האָט פאַסירט מיט די אימיגראַנטען פון גאַליציע, אונגאַרען און רומעניע. אָט די אימיגראַנטען האָבען שוין אין זייער גרויסער מערהייט געהאַט צו וועמען צו קומען אין דער נייער וועלט און האָבען זיך ניט מער גענויטיגט אין לאָנדאָן ווי אין אַ צייטווייליגען אָפשטעל פלאַץ. אָבער אין לעצטען צענדליג פון פאָריגען יאָר־הונדערט און אין די ערשטע יאָרען פון ערשטען צענדליג פון היינטיקען יאָר־הונדערט, האָט לאָנדאָן נאָך פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם פלאַץ אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. אַ גרויסער טייל פון יענע אידישע איינוואַנדערער זיינען געווען יונג און די אויפגעקלערטע צווישען זיי, באַגייסטערט און פול מיט גלויבען אין די אומיטעלבאַרע צילען פון דער אַרבעטער באַוועגונג און אין איר ענדגילטיגען נצחון איבער די כוחות פון פינסטערניש, אונטערדריקונג און עקספלואַטאַציע.

דריטער קאַפּיטעל

ערשטע באַרירונג מיט'ן ראַדיקאַלען געדאַנק און מורא פאַר מיסיאָנערען. — באַזוך אין אַנאַרכיסטישען קלוב און רושם פון זייער ליטעראַטור. — אַנאַרכיסטען האָבען די אויבערהאַנט צווישען די אימיגראַנטען. — דער איינדרוק פון דיסקוסיעס אין הייד־פּאַרק. — מוטער פאַרטראָגט ניט זונס נייע וועגען, פאַרברענט זי זיינע ביכער. — זון אויפגעבראַכט, פאַרלאָזט הויז פון עלטערן.

נייע האָריזאָנטען.

ווען דער בחור פיינבערג איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, האָט די אידישע אַרבעטער באַוועגונג זיך נאָך שווער געראַנגעלט פאַר אַ שטאַנדהאַפטיגער און פעסטער פּאָזיציע. געווען אַ יוניאָן, די אַמאַלגאַמייטעד יוניאָן פון טיילאָרס און טיילאָרעס, אָבער קיין קאָנטראָלירענדיגע דעה איבער אַרבעט באַדינגונגען האָט זי ניט פאַרמאָגט. פון דער צווייטער זייט האָט שוין געפלאַקערט דער אינערלאַכער קאַמפּף צווישען פאַרשידענע ריכטונגען אין דער אַרבעטערשאַפט. דער יונגער פיינבערג האָט דערפון נאָך ניט געהאַט קיין אהנונג; דערצו איז ער נאָך געווען רעליגיעז.

די מערהייט פון דער איינגעוואַנדערטער אידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַרבעטער. אַ ציילונג מיט אַ יאָר פריהער — 1901, האָט געוויזען העכער 38,000 אידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד. דערפון איבער 31,000 שניידער. אין גאַנץ ענגלאַנד זיינען דענסמאָל געווען בלויז 5,372 אידישע פעדלער, וואָס זיינען אייגענטלאַך געווען קליינע סוחרים.

פונקט ווי אויף דער איסט סייד אין ניו־יאָרק אַזוי האָט אויך דאָס אידישע ווייט־טשעפּעל געהאַט אַ בירזשע וואו די שניידער פלעגען זיך צונויפקומען שבת נאָכמיטאָג. די בירזשע האָט געדינט פאַר אַ פּלאַץ פון נייעס אויסטויש און דער עיקר — אַן אָרט וואו צו באַקומען אַ דזשאַב אין שאַפּ. פיינבערג איז אויך געווען אַן אָפטער גייער צו דער בירזשע. דאָרטען האָט ער זיך באַקענט מיט אַ געוויסען סאַפּירשטיין וואָס איז טעטיג געווען אין דער שניידער יוניאָן. סאַפּירשטיין אַן אַנאַרכיסטישער נשמה פאַנגער, האָט דעם בחור פאַרטשעפּעט אויף דער טעמע: רעליגיע, — אַן אָנגעווייטיגטער ענין ביי ישראל פיינבערג.

ווי פיינבערג אַליין דערציילט, וואָלט סאַפּערשטיין שלעכט אָפּגע־שניטען פון אים. ניט ווייט פון דער בירזשע, אין האַרץ פון ווייט־טשעפּעל, איז געשטאַנען אַ מיסיאָנערסקע קירך. אין דער קירך האָט מען די אידישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלען דאָרטען געטיילט קאַפע און באַגליקט איינציייטיג מיט דרשות. לאָנ־דאָן, ווי שוין דערמאָנט, האָט פאַרמאָגט די רייכסטע מיסיאָנערען אין דער וועלט. זיי האָבען געטריבען אַן ענערגישע טעטיגקייט צווישען אידען.

„פון אָנהויב — דערציילט פיינבערג — האָב איך אין געדאַנק פאַר־בונדען סאַפּירשטיין מיט די פאַרהאַסטע מיסיאָנערען און געוואָלט זיך אָפּטרייסלען פון אים. אָבער דער מענש האָט אויסגעזעהן מילד און גוטהאַרציג און איז געווען זייער צוגעלאָזט. עס איז שווער געווען צו גלויבען אַז ער האָט עטוואָס אַ שייכות מיט די אָפּנאַרער, די מיסיאָנערען. סאַפּירשטיין האָט פאַרפירט מיט פיינבערג׳ן אַ דיס־קוסיע און האָט אים אַריינגעפירט אין דעם אַנאַרכיסטישען קלוב. דאָרטען איז זיין באַקאַנטשאַפט אויסגעברייטערט געוואָרען. אין קלוב האָט ער געהערט די ערשטע אַנטי־רעליגיעזע רעדע פון סעם קאַפּ־לאַן. געווען איז דאָס ערב־יום־טובים, אַ „פּאַסיגע״ צייט פאַר אַטע־איסטישער אויפקלערונג. קאַפּלאַן האָט געפירט דעם קאַמף געגען גאָט אויף דעם אַלטען משכילישען שטייגער מיט פסוקים פון תנ״ך. פיינבערג געדיינקט גוט די פראַזע: — השם לא היה ולא נברא, וואָס דער רעדנער האָט באַנוצט צו באַשטעטיגען זיין טעאָריע פון גאָטלאָ־זיגקייט. פיינבערג׳ס רעליגיעזקייט איז אַ ביסעל אונטערגעטרייסעלט געוואָרען.

הויבט אָן לייענען ראַדיקאַלע בראָשורען.

אַ פּאָר וואָכען שפּעטער, האָט ער אין דעם זעלבען קלוב — דער דזשובלי סטריט קלוב, געהערט אַ דעבאַטע צווישען אַן אַנאַרכיסט און אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. דער אַנאַרכיסט, רודאָלף ראָקער, איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם „אַרבעטער פריינד״. לעבען אַריינגאַנג איז גע־שטאַנען אַ גרויסער טיש מיט ליטעראַטור. דער טיש מיט ליטעראַטור האָט געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק אויף פיינבערג׳ן ווי די דעבאַטע, וועלכע ער האָט אַלץ איינס ניט פאַרשטאַנען צוליב דער פרעמדער טערמינאָלאָגיע. פון דער נאַטור אַ ליבהאָבער פון לייענען, האָט פיינבערג זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער ליטעראַטור וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַנאַרכיסטישע בראָשורען און צייטשריפטען. דורך אַ

צופאַל האָט ער אויסגעקליבען צו קויפען קראָפּאָטקינס „אַפּיל צו דער יוגענט", וואָס איז צום ערשטען מאָל דערשינען אין אידיש אין 1891.

די בראָשורע האָט אין דעם יונגען פיינבערג אַרויסגערופען אַ גאַנצע אינערלאַכע איבערקערעניש. דאָס איז געווען זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם ראַדיקאַלען געדרוקטען־וואָרט. ער האָט אין קלוב אויסגעפונען פון דער „פריי דענקער באַוועגונג", אַן עכט ענגלישער פּראָדוקט, און גענומען באַזוכען אירע פאַרזאַמלונגען. ער איז אויך געוואָרען אַ שטענדיגער אַריינגייער אין דעם אַנאַרכיסטישען קלוב. דער עיקר: ער האָט זיך געוואָרפען אויף די בראָשורען און ביכלאַך וואָס האָבען געעפענט פאַר אים נייע האָריזאָנטען און פאַר־אורזאַכט אים זיך צו פאַרטראַכטען אויף די סאָציאַלע עולות און אומ־גלייכהייטען.

פיינבערג איז אויך געוואָרען טעטיג אין דער יוניאָן וואוהין סאַפירשטיין האָט אים אַריינגענומען. אין דער זעלבער צייט האָט ער פלייסיג שטודירט ענגליש אין דער אָווענט שולע.

מוטער געפעלט ניט זון'ס נייער גאַנג.

ישראל איז דענסמאָל אַלט געווען 16־17 יאָר. אויסער לייענען האָט ער אַנטוויקעלט אַ שוואַכקייט אָדער ליבע צו זעהן אַרבעטער פּאַראַדען און בייצוואוינען די אָפענע פאַרזאַמלונגען אין דעם וועלט־באַרימטען הייד פּאַרק.

די אַבסאָלוטע פרייהייט פון רעדע, די אָבוועזענהייט פון פּאָליציי אויף אַרבעטער אַרויסטרעטונגען און די אויסערגעוויינלאַכע טאָלע־ראַנץ וואָס האָט געהערשט אויף די פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס אין הייד פּאַרק, האָט פיינבערג'ן באַצויבערט. באַזונדערס טיף איז געווען דער רושם פון דעם ערשטען מאַי פּאַראַד. די הויפּט רעדנער אויף דער אַנאַרכיסטישער פאַרזאַמלונג פון ערשטען מאַי זיינען געווען קראָפּאָטקין און טשערקאַסאָוו — צום ערשטען מאָל האָט פיינבערג געהערט די טעמפּעראַמענטפולע רעדע פון דעם רוסישען רעוואָלו־ציאָנער. קראָפּאָטקין ווידער האָט אים צוגעצויגען מיט זיין וויסענ־שאַפטלאַכען צוגאַנג און זיין ליבע פערזענלאַכקייט.

אָט די פרייוויליגע און פערזענלאַך־צופרידענשטעליגע טעטיקייט האָט זיך ניט שטאַרק געפּאָרט מיט דער אַרבעט אין שאָפּ. פיינבערג'ס וועכענטלאַכע פאַרדינסטען דענסמאָל זיינען געווען צווישען 12 און 14 שילינג אַ וואָך; ניט קיין סך אָבער אויך ניט שלעכט — ווען

מען וואוינט ביי די עלטערען. די אַרבעט אין שאַפּ האָט אָבער נאָכ־אַנאַנד געליטען וואָס גרעסער פיינבערג'ס נייגיר צו לייענען און זיין אַנטייל אין דער אַרבעטער באַוועגונג איז געוואַקסען. זיין פאַר־דינסט איז געפאַלען. פיינבערג האָט זיך אָבער ווייניג געקימערט דערפון. ווי איינער וואָס לערענט זיך נאָר וואָס אויס צו שווימען האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען אין די גרויסע מעגלאַכקייטען וואָס לאָנדאָן האָט אים געגעבען. ווי לאַנג אָט די פּער־יאָדע פון זיין לעבען וואָלט אַזוי אָנגעגאַנגען — ווייסט ניט פיינבערג. אַריינגעמישט האָט זיך דאָ זיין מוטער און געמאַכט אַ סוף צו זיין זאָרגלאָזיקייט.

פיינבערג'ס פאָטער איז געווען אַ טאָלעראַנטער מענש און זיך ניט געקימערט שטאַרק פון דעם זון'ס נייעם גאַנג. אַנדערש די מוטער, זי איז געווען אַ קנאַי, אַ פאַנאַטישע רעליגיעזע פרוי. פריהער איז איר שווער געווען זיך צו שיידען מיט דער האָפנונג אַז איר בחור וועט אויסוואַקסען אַ רב בישראל. זיין איצטיגער וועג האָט אַרויסגערופען אין איר אַ וועהטאָג געמישט מיט צאָרן. איר זון האָט אין אַ קורצער צייט אָנגעזאַמעלט אַ היבשע ביבליאָטעק פון ראַדי־קאַלע און וועלטלאַכע בראָשורען און ביכער. איינמאָל קומענדיג אַ היים אין אָוונט, האָט ער געפונען, אַז די ביבליאָטעק, זיין שטאָלץ און גייסטיקע וועלט, איז פאַרשוואונדען פון זיין צימער. די מוטער האָט פאַרברענט אַלע ביכער און בראָשורען.

דער עלטערער זון איז געווען דער מאַמע'ס ליבלינג; דאָס האָט פאַרטיפט איר אויפרעגונג. אין אַן אימפּולסיווער מינוט האָט זי באַשלאָסען צו פאַרברענען די „טריף פּסול'ס". צו זי האָט געהאָפט אַז דאָס וועט ווירקען אויף איר זון, ער זאָל צוריק זיך קערען צו גאָט, אָדער די סאַמע ביכער אין איר זון'ס צימער האָבען זי שטאַרק אויפ־געבראַכט, איז פיינבערג קיינמאָל ניט דערגאַנגען. ער איז געוואָרען שטאַרק דערצאָרענט, זיך צוקריגט מיט דער מוטער און פאַרלאָזען דאָס הויז פון די עלטערן.

לייבאָר פּאַרטיי ווערט טעטיג אין ווייט־טשעפּעל

אין יענעם קורצען, אָבער פאַר פיינבערג'ן־פול מיט באַדייטונג פּעריאָד, האָט די לייבאָר פּאַרטיי זיך באַוויזען אין דער אידישער ווייט־טשעפּעל. אַ גרופּע סאָציאַליסטען, מער אַנגלאַציזירט, האָבען געבראַכט די יונגע אַרבעטער פּאַרטיי צו דער אידישער באַפעלקע־רונג. פיינבערג איז געגאַנגען צו לייבאָר פּאַרטיי מיטינגען, גע־

לייענט די בראָשורען און געבליבען גלייכגילטיג. די פּראָגראַם פון
דער לייבאָר פּאַרטיי האָט אים ניט פאַרנומען. אים האָבען מער צוגע־
צויגען די אַנאַרכיסטען. (די לייבאָר פּאַרטיי האָט אָבער יע פאַר־
צייכענט אַ סך פאָרשריט צווישען אידען.)

קוקענדיג צוריק אויף יענע יוגענטלאַכע יאָרען דענקט פיינבערג,
אַז זיין אַנאַרכיזם איז ניט געווען אידעאָלאָגיש טיף איינגעוואָרצעלט,
נאָר גיכער אַ צופאַל אָדער אַ נייגונג וואָס האָט געשטאַמט הויפּטזעכלעך
פון זיין באַגריף פון „פרייהייט אָן אַ צאַם". יונג, זאָרגלאָז און ענטוזי־
אַסטיש, איז ער צוגעצויגען געוואָרען פון דער אַנאַרכיסטישער באַ־
טאָנונג פון פּערזענלאַכער פרייהייט. דיסציפּלין איז געווען אַ שווערע
זאַך פאַר אים. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט פאַרמאָגט אַ צווייטע
אַטראַקציע, איר שוואונג און פאַרנעם. די בעסטע אינטעליגענטע
כוחות האָבען אין יענעם פּעריאָד באַלאַנגט צו די אַנאַרכיסטען. די
איינציגע אידישע וועכענטלאַכע צייטונג איז געווען זייערע. לעקציעס,
דעבאַטען, בעלער, טראָציגע אַרויסטרעטונגען געגען מאַכט און אָטאָ־
ריטעט, דאָס אַלץ האָט צוגעצויגען יונגע, אומרוהיגע הערצער. דער
סאָציאַל דעמאָקראַטישער וועג האָט אויסגעזעהן צו לאַנג, טרוקען, ניט
אימפּאָזאַנט און ווייניג פרייהייטלאַך.

וואַרפענדיג אַ בליק אויף יענע יאָרען, גלויבט פיינבערג, אַז ער
איז דאַן בכלל ניט געווען קיין פּאַסיגער מאַטעריאַל פאַר אַ מאַרקסיסט.
די מאַרקסיסטען האָבען געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער מאַטעריאַליס־
טישער אויסטייטשונג פון געשיכטע. עקאָנאָמישע נויטען און מאַ־
טעריעלע מאָטיווען האָבען ביי זיי פאַרנומען דעם אויבען־אָן. די אַנאַר־
כיסטען פלעגען אָפּלאַכען פון דעם אַזוי גערופענעם מאַרקסיסטישען
איינשטעל, „אויפ'ן בויך", מיינענדיג נאָר די נויטען פון מאָגען. דער
יונגער פיינבערג איז געווען אַנדערש געשטימט. אים האָט געצויגען
צו ברייטע, באַפליגעלטע, ווייט־גייענדיגע צוקונפט־פלענער און האָ־
ריזאָנטען. דער מענשלאַכער גייסט האָט אין זיינע אויגען געשפּילט
אַ פיל וויכטיגערע ראָלע ווי די מאַרקסיסטען זיינען געווען גרייט
צו אַנערקענען, האָט ער זיך געהאַלטען ביי די אַנאַרכיסטען, כאָטש
קיין אַקטיווער אַנאַרכיסטישער טוער איז ער ניט אויסגעוואַקסען.

די אומיטעלבאַרע אויפגאַבע פון אַלע ראַדיקאַלען אין ווייט־
טשעפּעל איז דענסמאָל געווען: די אָפּשאַפונג פון דעם הפקר־צו־
שטאַנד אין די שעפּער. די מערסטע באַלעבאַטים זיינען געווען קאָנ־
טראַקטאָרען, די אַרבעט־שטונדען זיינען געווען לאַנג און באַשעפטי־
גונג ניט זיכער. די אונערמידלאַכע טעטיקייט פון די אַנאַרכיסטען אויף
דעם טרייד יוניאָן געביט האָט געשאַפען אַ טיכטיגע קאָנסטרוק־



ישראל פיינבערג און זיין פרוי נעלי
אין ענגלאַנד

טיווע אַטמאָספערע אַרום דער נייער באַוועגונג. די מחלוקות אַרום דעם ענד־ציל האָבען פאַרנומען דעם צווייטען אָרט. דאָס האָט אויך גע־געבען יונגע מענשען אַ געלעגענהייט אויסצונוצען זייער אָנגעזאַמעלטע ענערגיע אין אַ טעטיקייט, וואו מען האָט זיך געקענט ריכטען אויף באַלדיגע רעזולטאַטען. אַזאַ סיטואַציע האָט באַפרידיגט דעם שטאַרקען רעבעל אין פיינבערג'ן, געשפייזט זיין פילבאַרקייט געגען טעגלאַכע עולות און סאָציאַלע אומגערעכטיקייטען און גלייכצייטיג אים געלי־פערט געגוג רוים פאַר זיין באַפליגעלטען געדאַנק.

פערטער קאַפּיטעל

גרויסער טעקסטיל צענטער מיט היבשער אידישער באַפעלקערונג. — שווערע מאַטעריעלע לאַגע. — די אָנגעשטריינגטע באַמיהונגען צו אָרגאַניזירען אי־דישע אַרבעטער. — דער בעקער קאָאָפּעראַטיוו אין סטרייק. — פיינבערג „קנעט די דיידזשע.״ — דער אינצידענט מיט דער פּאָליציי. — קאָנטאַקט מיט דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג. — די ווירקונג פון איבסען׳ס און בערנאַרד שאָ׳ס דראַמעס. — באַטראַכט זיך ווי אַ קראַפּאָטקין אָנהייגער. — די פריינדלאַכע באַציהונג מיט די סאָציאַליסטען. — איז שטאַרק באַ־ווירקט פון טאָלעראַנץ און גוטען טאָן וואָס הערשען אין ענגלאַנד. — זיין באַקאַנטשאַפט מיט נעלי.

אין מאַנטשעסטער.

אויף מאָרגען נאָך דעם אָווענט ווען פיינבערג האָט געפונען זיין ביבליאָטעק פאַרברענט, האָט ער פאַרפּאַקט דאָס ביסעל זאַכען און פאַרלאָזט דאָס הויז אין לאָנדאָן. געפאָרען איז ער אין מאַנטשעסטער. פאַרוואָס דוקא אין מאַנטשעסטער, האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

מאַנטשעסטער איז דער צענטער פון דער ענגלישער טעקסטיל אינדוסטריע און דאָס וויגעלע פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם אין ענג־לאַנד און אין אייראָפּע בכלל. פרידריך ענגעלס האָט אין זיין באַרימ־טען בוך*) אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט פון האַרטקייט, געלד־גייציקייט פון די ענגלישע טעקסטיל פאַבריקאַנטען אין מאַנטשעסטער אין דעם ערשטען העלפט פון דעם אַכצענטען יאָרהונדערט. מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקעלט בוכשטאַבלאַך אויף דעם בלוט און שוויס פון די אַרבעטער. מאַנטשעסטער איז געווען באַרימט מיט אירע סלאָמס; אָבער ווען פיינבערג איז אַהין געקומען האָט ער שוין געפונען אַן אַנדער שטאָדט. דאָס חושך און אָרעמקייט פון ענגעלס׳עס באַשרייבונג איז אין דער גרעסטער מאָס געווען אַ זאַך פון דער פאַר־גאַנגענהייט. מאַנטשעסטער האָט אויסגעזעהן אין פיינבערג׳ס אויגען ווי אַ פּראָגרעסיווע אינדוסטריעלע שטאָדט מיט אַ לעבעדיגער שווי־בעלדיגער אַרבעטערשאַפט, באַגלייט פון אַ הויכען פּאָליטישען און גייסטיגען לעבען.

---

*) קאַפּיטאַליזם אין ענגלאַנד, 1848.

אין דער טעקסטיל שטאָט איז דענסמאָל געווען אַ היבשע אידישע באַפעלקערונג פון מזרח איראָפּע. די מערהייט איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון רב און שול. פונקט ווי אין לאָנדאָן זיינען אידען הויפּטזאַכלאַך געווען באַשעפטיגט אין שניידעריי. די באַלעבאַטים זיינען ניט געווען קיין פאַבריקאַנטן, נאָר קאָנטראַקטאָרס פון גרויסע געשעפטען. די לעצטע האָבען אָנגענומען באַשטעלונגען פון די קאַסטומער (קונדען) און האָבען עס אַרויסגעגעבען צו די קאָנטראַקטאָרס אויפצוניייען. די קאָנטראַקטאָרס זיינען געווען אָפּהיינגיג פון די געשעפטען און די באַלמעלאָכעס פון ביידע:. די עקאָנאָמישע לאַגע איז ניט געווען בעסער ווי אין ווייט־טשעפּעל. אויך אין די איבעריגע אידישע פאַכען איז די לאַגע געווען ניט קיין גוטע, די נייקייט און באַזונדערס די אָבגעשטאַנענקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט בייגעטראָגען צו דער עקאָנאָמישער הילפלאָזיקייט פון די אַרבעטער.

פיינבערג׳ס שווערע מאַטעריעלע לאַגע.

פיינבערג האָט געמוזט גלייך קריגען אַרבעט כדי אויסצומיידען הונגער. עס זיינען אַריבער עטלעכע וואָכען ביז וואַנען ער האָט געפונען באַשעפטיגונג אין אַ רעגען־מאַנטעל שאָפּ. דאָרטען איז שוין די פּראָדוקציע געווען אינדוסטריאַליזירט. פיינבערג׳ס דזשאָב איז באַשטאַנען אין שטעפּען די שפּיצען און מאַכען די קליינע קעשענעס אין די רעגען מאַנטלען. דאָס איז געווען ניט שלעכט. אים איז אָבער אויך אויסגעקומען צו טראָגען עטלאַכע הונדערט מאַנטלען מיט איינמאָל צום צעמענטער. דאָס איז אַ גרינגער און שנעלער וועג צו אַ געוויסער קראַנקייט... פיינבערג האָט באַשלאָסען אַז עס לוינט זיך ניט אַוועקצוגעבען דאָס געזונט. נאָך אַ פּאָר טעג אַרבעט איז ער אַוועק פון שאָפּ. עס האָט אים גענומען אַ שטיקעל צייט ביז וואַנען ער האָט געקראָגען באַשעפטיגונג ביי זיין פאַך שניידעריי. אין דער צווישען צייט האָט ער גאַנץ אָפּט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ניט געגעסענעם מאָלצייט...

אין מאַנטשעסטער האָט פיינבערג געטראָפען אַ היבשע גרופּע יונגע ראַדיקאַלען; דאָרטען האָט ער אויך געטראָפען דאָס מיידעל נעלי, וועלכע איז געוואָרען זיין לעבענס־באַגלייטער.*)

מרס. פיינבערג געדענקט גוט די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט איר קינפטיגען מאַן. זי איז געווען אַ טעטיגער מיטגליד אין דעם סאָציאַליסטישען קלאָב. אין דער היים, אין ריגע, איז זי געווען אַ בונדיסטקע. פיינבערג איז איינגעלאַדען

דאָרטען האָט ער זיך צום ערשטען מאָל באַקענט מיט לואיס היימאַן. ער האָט זיך אויך באַפריינדעט מיט אַ פאַמיליע פון ריגע, רוסלאַנד, די יאַקובאָוויטשעס. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ מוטער, צוויי זין און אַ טאָכטער. די יאַקובאָוויטשעס זיינען געווען אינטעליגענטען פון דער היים, מיט גוטע אידעלע מאַנירען. זיי האָבען געהאַט אויף פיינבערג׳ן אַ גוטען איינפלוס. די יאַקובאָוויטשעס האָבען גערעדט רוסיש און דייטש, האָבען פאַרמאָגט אַ גוטע ביבליאָטעק און די אַריינגייער אין זייער הויז זיינען באַשטאַנען פון מענשען, וועלכע האָבען געקראָגען אַ סיסטעמאַטישע בילדונג, אַ זאַך וואָס האָט געפעלט פיינבערג׳ן און זיינע ראַדיקאַלע פריינד. איינער פון די יאַקובאָוויטשעס איז געווען אַ מאָלער. די טאָכטער איז געגאַנגען אין אוניווערזיטעט. אין זייער הויז האָט געהערשט אַ פריינדלאַכע אַטמאָספערע. די פאַמיליע האָט געזוכט צו זיין באַהילפיג צו פיינבערג׳ן.

די ערשטע ניט געהאַלטענע רעדע.

אונטער דעם איינפלוס פון די יאַקובאָוויטשעס, האָט פיינבערג באַנייט זיין לערנען. ער איז אויך געוואָרען טעטיג אין דעם דאָרטיגען אַנאַרכיסטישען קלאָב. אַזוי ווי די אידישע באַפעלקערונג איז ניט געווען גרויס, זיינען די באַציהונגען מיט די סאָציאַליסטען געווען נאָהענטער און פריינדלאַכער ווי אין לאָנדאָן. סיי די טרייד יוניאָן טעטיגקייט און סיי די אַלגעמיינע אויפקלערונג און קולטור אַרבעט, האָט געמוזט געפירט ווערען אין אַ גרויסער מאָס בשותפות פוןביידע ריכטונגען.

איינמאָל איז אויסגעקומען פיינבערג׳ס רייע צו האַלטען אַ רעדע אויף אַ געמיינזאַמען מיטינג פון אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען. פיינ־

געוואָרען פון סאָציאַליסטישען קלוב צו האַלטען אַ לעקציע. איינע פון די פּאָפּולערסטע טעמעס צווישען די אַנאַרכיסטען איז דענסמאָל געווען — פרייע ליבע; וואָס האָט אייגענטלאַך געמיינט, געגען קאָנוועגציאָנעלער הייראַט.

פיינבערג האָט געהאַלטען זיין לעקציע. נעליין איז דער אויספיר ניט געפעלען געוואָרען. פונדעסטוועגען אַז פיינבערג האָט פאָרגעשלאָגען זי אָפּצופירען אַ היים, איז זי געגאַנגען מיט אים. אויפן וועג האָט ער אָנגעבאָטען צו געבען איר ליטעראַטור צו לייענען און בכלל העלפען איר גייסטיגער אַנטוויקלונג. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו איר היים האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זיי וואוינען טיר לעבען אַ טיר. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבען זייער באַקאַנטשאַפט. צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען די חתונה.

בערג האָט צוגעגרייט אין געדאַנק זיין טעמא מיט דער נויטיגער באַ־גרינדונג, אָבער אַזוי שנעל ווי ער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָר־מע און געזעהן עטלאַכע הונדערט פּאָר אויגען אָנגעשטעלט אויף אים, האָט ער פאַרלאָרען דאָס לשון.. די ווערטער זיינען געבליבען אים שטעקען אין מויל. אַלע באַמיהונגען זיך צו באַהערשען — זיינען געווען אַרויסגעוואָרפען. לואיס היימאַן, אַ געבאָרענער רעדנער, איז אַרויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע און געהאַלטען די רעדע אָנשטאָדט פיינבערג'ן. פיינבערג פאַרזיכערט אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל וואָס ער איז געווען אַ קרבן פון „לאַמפּען־פיבער", אָדער ווי מען רופט עס, בינע־שרעק. די שפּעטערדיגע רעדעס האָט ער שוין געהאַלטען גלאַט און אָן פאַרוויקלונגען.

די פאַרזוכען צו אָרגאַניזירען אַ שניידער יוניאָן

צוזאַמען מיט לואיס היימאַן, זיין קינפטיגע פרוי, און אַנדערע יונגע מענשען, האָט זיך פיינבערג אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבעט צו בויען אַ יוניאָן אין שניידער־פאַך. דאָס איז געווען אַ מוז זאַך און זיין ערשטער פאַרזוך ווי אַ יוניאָן אָרגאַניזאַטאָר. די שניידער זיינען געווען אַלע אידען און עס איז געלונגען אַריינצונעמען אַ היבשע צאָל אין דער יוניאָן וואָס איז געוואָרען אַן אָפּטיילונג פון די אַמאַלגאַמייטעד טיילאָרס.

דאַרף פאַסירען אַז איין שאָפּ האָט ניט אויסגעהאַלטען און איז אַרויס אין סטרייק, דערביי פאַרברעכענדיג געוויסע יוניאָן רעגולאַ־ציעס. אַ באַאַמטער פון דער יוניאָן העדקוואַדערס אין לאָנדאָן איז אַרונטערגעקומען צו זעהן וואָס די גרינע פראָווינציאַלען טוען. דעם באַאַמטען איז ניט געפעלען געוואָרען די גאַנצע לאַגע און ער איז געקומען צום שלוס אַז די שניידער אין מאַנטשעסטער, איז ניט דער פאַסיגער „מאַטעריאַל" פאַר זיין יוניאָן. די אַמאַלגאַמייטעד האָט זיך דאַריבער אָפּגעטרייסעלט פון דער מאַנטשעסטער אָפּטיילונג; די יוניאָן איז שנעל צופאַלען געוואָרען.

דער בעקער סטרייק און דער קאָאָפּעראַטיוו.

דער ערשטער דורכפאַל מיט דער שניידער יוניאָן האָט פיינ־בערג'ן מיט זיינע פריינד ניט געמאַכט פעסעמיסטיש. ווידער האָבען זיי זיך גענומען צו בויען אַ שניידער יוניאָן און ניט בלויז אַ שניי־דער יוניאָן, נאָר אויך אַ יוניאָן פון בעקער אַרבעטער. די בעקער

האָבען געליטען נאָך ערגער פון די שניידער און געאַרבעט אונמענשליך לאַנגע שטונדען.

אין יענער צייט האָבען די סאָציאַליסטען און אַנאַרכיסטען שטאַרק געהאַלטען פון קאָאָפּעראַטיוועז. יונג איז מען געווען, האָט מען פאַר־קוקט די אונגעהויערע שוועריגקייטען און שטרויכלונגען וואָס ליגען אויפ׳ן וועג פון פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוועז. פיינבערג׳ן איז דענסטמאָל איינגעפאַלען צו אָרגאַניזירען אַ בעקער קאָאָפּעראַטיוו פון די סטרייקער.

פיינבערג׳ס פרוי נעלי, איז געווען אַן אויסגעצייכענטע נייטאָרין און האָט גוט פאַרדינט. זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעל געלד. איר געלד און דאָס געלד פון אַנדערע יונגע ראַדיקאַלען איז אַריינגע־לייגט געוואָרען אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקערײַ. דער ערשטער קלאַפּ איז געקומען גלייך די ערשטע נאַכט, ווען דאָס ברויט איז פאַר־ברענט געוואָרען אויף קוילען. די איבעריגע נעכט זיינען ניט געווען פיל געראָטענער. *)

די אָפּגעשטאַנענע בעקער סטרייקער זיינען אָבער ניט געווען דער פּאַסיגער עלעמענט פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטער אונטערנעמונג ווי אַ פּראָצודיר קאָאָפּעראַטיוו. די יונגע אָרגאַניזאַטאָרען האָט אויך געפעלט די נויטיגע דערפאַרונג פאַר אַזאַ אונטערנעמונג.

דער אינצידענט מיט דער פּאָליצײַ.

דערווייל האָט זיך דער סטרייק פאַרצויגען און די נויט צווישען די סטרייקער איז געשטיגען. פיינבערג פלעגט ריידען פאַר די סטרייקער יעדען פרייטאָג נאָכמיטאָג אויפצוהאַלטען זייער מוט. די בעלי־בתים ווידער, האָבען גענומען „בויערען פון אינעווייניג”, דורך עטלאַכע פרויען פון סטרייקער, וועמען זיי האָבען אָנגעהעצט. איינ־מאָל אין מיט׳ן אַ רעדע האָט אַ פרוי איבערגעריסען פיינבערג׳ן און מיט חוזק און ביטערקייט אויסגעשריען: — „וואָס וויסט דער שנעק, דער עק דרייט זיך נאָך ביי אים!” די סטרייקער האָבען געוואוסט פיינבערג׳ס איבערגעבענקייט און זיין אונערמידלאַכער אַרבעט און דער פרוי איז ניט געלונגען אויפצורייסען דעם מיטינג.

*) דער בעקער סטרייק איז אויסגעבראָכען גלייך נאָכדעם ווי פיינבערגס ערשטער זון, בייזעל, איז געבוירען געוואָרען. איינמאָל איז פיינבערג ניט גע־קומען אַ היים פון דער אַרבעט. דאָס קינד איז דאַן אַלט געווען פיר וואָכען. פונדעסטוועגען האָט מרס. פיינבערג, באַזאָרגט, אַוועק זוכען איר מאַן. זי איז אַריינגעקומען אין דער קאָאָפּעראַטיוו און געטראָפען פיינבערג׳ן אין אַ פאַרטוך, איינגעבויגען איבער דער דיידזשע, קנעטענדיג טייג פאַר די זעמעל. . .

צו שאַפען די געהעריגע שטימונג צווישן דער אידישער באַ־פעלקערונג און זאַמלען געלד פאַר די סטרייקער, האָט פיינבערג און זיינע פריינד איינגעאָרדענט אָפענע גאַסען מיטינגען. איינמאָל, אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג איז צוגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט און זיך גענומען טשע־פּען צו פיינבערג'ן אינמיטען רעדען. דער פּאָליציאַנט האָט פאַר־לאַנגט ער זאָל גיין מיט אים אין פּאָליציי צירקעל. פיינבערג איז באַשטאַנען אויף זיין רעכט צו ענדיגען די רעדע. דאָס האָט ער אויסגעפירט. אין פּאָליציי־צירקעל האָט ער אויסגעפונען אַז בעלי־בתים האָבען גע'מסר'ט צו דער פּאָליציי, אַז אויף די גאַסען־מי־טינגען באַליידיגט מען דעם קעניג, — אַ זאַך וואָס איז באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכען. נאָכדעם ווי פיינבערג האָט דערקלערט דעם צוועק פון די מיטינגען, וועלכע זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין אידיש, האָט די פּאָליציי ווייטער ניט געשטערט. אָט דער אומוויכ־טיגער אינצידענט איז דער איינציגער צוזאַמענשטויס וואָס פיינבערג האָט געהאַט מיט דער פּאָליציי אין ענגלאַנד. ער באַטראַכט דאָס ווי אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ענגלישער פרייהייט.

דער בעקער סטרייק איז געוואונען געוואָרען. די בעלי־בתים האָבען נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון די סטרייקער. אָבער קיין יוניאָן איז ניט פאַרבליבען. אָט דער אומעטיגער סוף איז געווען אין האַרמאָניע מיט דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטער, אין ביידע ענגליש־רעדענדיגע לענדער, צום אָנ־הויב פון דעם איצטיגען יאָרהונדערט. סטרייקס זיינען געוואונען גע־וואָרען, אָבער די יוניאָנס וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען אין סטרייק — זיינען פאַרדאַרט געוואָרען; במילא זיינען די געווינסען אויסגע־רונען.

קאָנטאַקט מיט ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג.

אין יענער צייט האָט פיינבערג פאַרקניפּט זיינע ערשטע באַ־ציהונגען מיט דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג. מאַנטשעסטער איז שוין געוואַקסען ווי אַ פעסטונג פון דער יונגער לייבאָר פּאַרטיי. די אַרבעטערשאַפט דאָרטען האָט פאַרמאָגט קאַמף־טראַדיציעס און איז געווען פילבאַר צו פּאָליטישע און סאָציאַלע דערשיינונגען. די שניידער יוניאָן וועלכע איז אויף דאָס ניי אָרגאַניזירט געוואָרען, האָט געשיקט פיינבערג'ן, ווי איר דעלעגאַט, צום לייבאָר קאָונסיל, די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די אָרטיגע יוניאָנס. דאָס זיינען געווען

בליהענדיגע יאָרען, פול מיט ליכטיגע האָפנונגען און הערלאַכע דער־וואַרטונגען.

טשערמאַן פון לייבאָר קאָונסיל איז געווען פוירסעל, אַ פּראָמי־נענטע פּערזענלאַכקייט אין טרייד יוניאָן קאָנגרעס און אין דער לייי־באָר פּאַרטיי. פוירסעל איז אין מיט'ן פון די צוואַנציגער יאָרען גע־ווען טשערמאַן פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס און האָט אויך באַ־זוכט אַמעריקא. ווי די מערסטע פירער, איז פוירסעל געווען אַן אַר־בעטער און זיך אַנטוויקעלט און געוואַקסען מיט דעם אויפשטייג פון דער אַרבעטער באַוועגונג. דער לייבאָר פּאַרטיי דעפּוטאַט איז דענסמאָל געווען וויקטאָר גרייסאָן, אַן אידעם פון דעם רעדאַקטאָר פון דער סאָ־ציאַליסטישער צייטשריפט „קלאַריאָן", אַן אויסגעצייכענטער, טעמ־פּעראַמענטפולער רעדנער.

דער לייבאָר קאָונסיל האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיטעט צוצו־גרייטען דעם ערשטען מאַי פּאַראַד. פאַר פיינבערג'ן איז דאָס געווען אַ פריידיגע געשעהעניש, — זיין ערשטע נאָהנטע דערפאַרונג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער יום־טוב. דער פּאַראַד איז דורכ־געגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג. די אידישע שניידער און יונגע אידישע אַרבעטער האָבען מאַרשירט אונטער זייערע אייגענע פאָנען. פיינבערג האָט זיך געפילט גליקלאַך.

זיינע פאַרדינסטען אין יענע יאָרען זיינען ניט געווען קיין גרויסע. מער ווי 16 שילינג אַ וואָך איז געווען אומעגלאַך צו פאַר־דינען. דערפאַר איז דאָס לעבען געווען אינטערעסאַנט און פריילאַך. די טעטיקייט אין קלוב און אין דער יוניאָן, דאָס גיין צו פאַרזאַמ־לונגען און דעבאַטען — האָט פאַרנומען אַ סך צייט; פונדעסטוועגען האָט פיינבערג באַוויזען זיך צו לערנען און לייענען.

איבסען, בערנאַרד שאָ און דער שעקספּיר טעאַטער.

ער האָט געלייענט אַ סך און ווי דער פאַל איז מיט אַ סך יונגע מענשען, ניט אַלעמאָל צו איבערקלייבעריש. זיין גייסטיגער האָרי־זאָנט איז געוואַקסען. זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער סאָציאַלער ליטעראַ־טור פון יענעם פעריאָד האָט באַפרוכפּערט זיין געדאַנק; און גע־לייענט האָט ער פון די „געהיימנישען פון פּאַריז", ביז די ווערק פון זיין ליבלינג קראָפּאָטקין, און פון קאַרל קאַוטסקי, דעם איינציגען מאַרקסיסטישען טעאָרעטיקער, וועמען ער האָט ליב געהאַט צו לייע־נען. קאָוטסקי'ס אָנצייכנונגען פון דער קינפטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין האַרץ.

פיינבערג האָט אויך געשלונגען די אויפרייסענדיגע דראַמעס פון איבסען און די בייסענדיגע זאַכען פון בערנאַרד שאָ. איבסען האָט אַרונטערגעריסען די קאָנווענציאָנעלע רוטינע און שימעל פון דער בירגערלאַכער געזעלשאַפט; און שאָ האָט אויסגע׳חוזק׳ט דעם היפּאָ־קריטישען לעבענס שטייגער פון די ענגלישע מיטעל־קלאַסען. ביידע שרייבער האָבען פיינבערג׳ן געהאַלטען געשפּאַנט מיט זייער בונטאַ־רישען, טראַציגען אַרויסטרעט געגען די אָנגענומענע מאָראַלישע און סאָציאַלע זיילען פון רעספּעקטאַבעלער געזעלשאַפט.

דאָס איז אויך געווען די גאָלדענע פעריאָדע פון ענגלישען דראַ־מאַטישען טעאַטער. אין מאַנטשעסטער זיינען געקומען און געשפּילט אַזעלכע „שטערן" פון דער ענגלישער בינע ווי: — אירווינג בוט, טערי א. א. פאַר די בחורים און מיידלאַך פון די שטעטלאַך פון מזרח איירופּא, איז דער ענגלישער טעאַטער וואָס האָט אויפגעפירט שעקס־פּירס טראַגעדיעס, געווען אַ קולטורעלע באַרייכערונג. אין ענגלאַנד איז איינגעפירט, אַז ווען מען קומט פרי, גלייך ווי די קאַסע עפנט זיך, קריגט מען בילעטען צו ביליגערע פּרייזען. די פיינבערגס און זייערע פריינט האָבען ניט געזשאַלעוועט קיין צייט. זיי זיינען גע־קומען אין טעאַטער מיט סענדוויטשעס אין די הענט און ניט אַדורכ־געלאָזט קיין פאָרשטעלונג. פאַרשטעהט זיך, זיי זיינען געזעסען אָדער געשטאַנען אויף דער אויבערשטער גאַלערע, אָבער ווען מען איז יונג, איז די אויבערשטע גאַלערע אויך גוט.

גוטער טאָן אין דעבאַטען אימפּאָנירט אים.

געווען אַ קלוב אין מאַנטשעסטער וואָס האָט געהייסען: — דער קלוב פון וואַגאַבונדען. צום קלוב האָבען באַלאַנגט אינטעלעקטואַלען און האַלבע וואַגאַבונדען. יעדען שבת זיינען געהאַלטען געוואָרען דע־פּעראַטען און דיסקוסיעס. די רעפּערענטען, באַוואוסטע פּערזאָנען, זיי־נען געקומען פון אַלע טיילען פון דער געזעלשאַפט, פון עקסטרעמע קאָנסערוואַטאָרען ביז אַנאַרכיסטען. די דעבאַטען זיינען געווען שאַרף אין אינהאַלט אָבער טאָלעראַנט אין טאָן. פיינבערג, ניט געוואוינט אויף דער אידישער גאַס צו אַזוינע מאַניערען, איז שטאַרק אימפּאָנירט געוואָרען פון דעם גוטען טאָן וואָס האָט געהערשט אין קלוב, ניט געקוקט אויף דעם טיפען מיינונג־אונטערשיד צווישען די מיטגלי־דער. אַ סך מיטגלידער פון דעם טשיקאַווען קלוב זיינען שפּעטער געוואָרען באַוואוסטע פיגורען אין ענגלישען לעבען.

פיינבערג געדיינקט אַ היציגע וואַל־קאַמפּאַניע אין מאַנטשעסטער. ווינסטאָן טשוירטשיל, דענסטמאָל אַ מיטגליד פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, איז געלאָפן צום פּאַרלאַמענט אין פיינבערג׳ס דיסטריקט. טשוירטשיל׳ס גרויסער רעדנער־טאַלאַנט האָט אים ניט געהאָלפן; ער איז דורכגעפאַלן. צוויי קינפטיגע שטאַטסלייט זיינען געווען דעפּוטאַטען פון מאַנטשעסטער, לאָיד דזשאָרדזש און אַסקוויט. ביידע ליבעראַלען, ביידע, שפּעטער, פּרעמיערען פון ענגלאַנד. לאָיד דזשאָרדזש וועלכער האָט געשטאַמט פון פּשוטן פאָלק, האָט שטאַרק געשניטען די מאַכט פון לאָרדען הויז. פיינבערג האָט זיי אַלעמען געהערט. זיין דרך ארץ פאַר דער פרייהייט, טאָלעראַנץ און מענש־לאַכער חשיבות וואָס האָט דורכגעפּעדעמט אין יענע יאָרען די פּאָלי־טישע סטרוקטור אין ענגלאַנד, איז געשטיגען. נאַטירלאַך פיינבערג׳ס אויג, האָט ניט פאַרפעלט צו באַמערקען די שלעכטע זייטען פון עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטלאַכען לעבען; די מאָראַלישע היפּאָ־קריטסטווא און אימפּעריאַליסטישע באַהערשונג, מיט וועלכער ענג־לאַנד איז באַקאַנט אין אויסלאַנד, דאָס האָט ער צוגעשריבען ווי די חסרונות בלויז פון די מיטעל קלאַסען.

אַזאַ אנערקענונג פון די בירגערלאַכע מעלות פון ענגלאַנד האָט זיך ניט אַזוי געגנוי אַריינגעפּאַסט אין דער אַנאַרכיסטישער לערע, פון וועלכע פיינבערג איז וויניגסטענס פאָרמעל געווען אַן אַנהייננער. קענטיג, די ווירקלאַכקייט איז אָפּט שטאַרקער פון טעאָריע. עס איז אויך מעגלאַך, אַז דער אַנאַרכיזם איז ניט געווען אַזוי איינגעפונדע־וועט אין פיינבערג׳ס געדאַנק ווי אים האָט זיך געדאַכט.

באַטראַכט זיך ווי אַ קראָפּאָטקין אַנהייננער.

בכלל האָט פיינבערג זיך באַטראַכט אין יענער צייט ווי אַ קראָ־פּאָטקין אַנהייננער. באַקונינ׳ס טעאָריע וועגען געוואַלדטאַט האָט אים ניט צוגעצויגען און באַקונינ׳ס פּאַן־סלאַוויזם האָט אים אַפילו אָפּגע־שטויסען. קאַרל מאַרקס איז אויך געווען ווייט פון דעם געמיט, אין וועלכען פיינבערג האָט זיך געפונען. עס איז אינטערעסאַנט צו באַ־מערקען, אַז די ערשטע אידישע ראַדיקאַלען, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין לאָנדאָן אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָרען פון פאָריגען יאָר הונדערט, זיינען אויך ניט צוגעצויגען געוואָרען צו מאַרקס. ליבערמאַן, ווינטשעווסקי און זייערע פריינד און אַנהייננער, האָבען זיך מער געטוליעט צו לאַווראָוו און צו די איבעריגע רוסישע פאָלקסיסטען־סאָציאַליסטען ווי אויך צו די דייטשע און ענגלישע

סאָציאַליסטען. אַנאַנדער גרופּע איז אַוועק צו די אַנאַרכיסטען. ווינטשעווסקי דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז ער האָט ניט געהאַלטען פאַר וויכטיג אַפילו איינמאָל צו באַזוכען מאַרקס'ן, וועל־כער האָט געוואוינט אין דער זעלבער שטאָדט. שפּעטער האָט ער זיך ניט געקענט פאַרגעבען אַזאַ פאַרזען...

אין דער זעלבער צייט, איז אויך ווערט צו באַטאָנען, אַז דער אָנפאַנג פון דעם אידישען ראַדיקאַליזם אין ענגלאַנד איז געווען אַ סך ווינציגער פאַרקניפּט מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג ווי דער פאַל איז געווען אין אַמעריקא, וואו די יונגע אינטעלעקטואַלען זיינען דערצויגן געוואָרען און זיינען פאַרבליבען הייסע אָנהייגער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און אירע שעפער. אין ענגלאַנד, איז די אידישע אַרבעטער באַוועגונג געווען מער מערב־אייראָפּעאיש גענויגט.

פיינבערג באַוועגט פון יוגענטלאַכען אימפּעט און שטאַרק צוגע־צויגען פון דער ענגלישער פרייהייט, האָט פּראָבירט באַ זיך אין געדאַנק צו ציהען אַ פּאַראַלעל און טאַקע אויך צו שאַפען אַ סינטעז צווישען קראָפּאָטקינ'ס לערע פון קאָאָפּעראַטיוו־פעדעראַטיווען צוזאַ־מענלעבען און די פיינע זיטען פון ענגלישען פּשוט'ן פאָלק. נאָך אַלעמען איז באַ ביידע שטאַרק באַטאָנט די חשיבות פון יחיד. פיינ־בערג האָט געגלויבט אַז עס איז מעגלאַך אויפצושטעלען אַ האַרמאָניע צווישען די צוויי.*)

אין יענער צייט איז פיינבערג אויך געווען דער מאַנטשעסטער קאָרעספּאָנדענט פון דעם „לאָנדאָנער אַרבעטער פריינד". דער אידי־שער וועכענטלאַכער אָרגאַן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

ווען פיינבערג האָט זיך צוריקגעקערט אין לאָנדאָן איז אויסגע־בראָכען אַן אינערלאַכער קאַמף אין אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע. צוויי צדדים זיינען אויסגעוואקסען און עס האָט געהאַלטען באַ אַ שפּאַל־טונג. אין אָוועגט איז די גרופּע וואָס האָט געוואָלט זיך אָפּשפּאַלטען אַוועק מיט דער ביבליאָטעק פון דעם קלוב. די קריגערייִ איז פאַר־שטאַרקט געוואָרען. ביז וואַנען די צדדים האָבען באַשלאָסען זיך צו פאַרלאָזען אויף קראָפּאָטקין, ער זאָל פּסק'ענען.

דער קאָמיטעט פון די צוויי צדדים איז געקומען צום אַלטען

---

*) פיינבערג קען זיך ניט אָפּלויבען פון קראָפּאָטקינס גוטסקייט און אידע־אַליזם. אַלע אידישע אַנאַרכיסטען האָבען אים שטאַרק ליב געהאַט. קראָפּאָטקינס הויז איז שטענדיג געווען אָפען פאַר די וועלכע האָבען געוואָלט קומען צו אים כאָטש די באַזוכען האָבען געשטערט זיין וויסענשאַפטלאַכער אַרבעט.

אַנאַרכיסטישען געלערענטען און געבראַכט אים דעם גאַנצען ענין. איינער פון דעם קאָמיטעט האָט דערביי באַשולדיגט דעם צווייטען צד אין גנב'ענען די ביבליאָטעק.

— וואָס טוט איר חבר, האָט קראָפּאָטקין אויסגעשריען, וואָס הייסט איר רופט אַן חברים: גנבים! מען דאַרף זאָגען: „זיי האָבען גענומען, אָבער ניט גע'גנב'עט".

לואיס היימאַנ'ס דערינערונגען וועגען פיינבערג.

לואיס היימאַן, מענעדזשער פון דער קלאָוק פינישערס יוניאָן, לאָקאל 9, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם מאַנטשעסטער פעריאָד צוזאַמען מיט פיינבערג'ן, גיט צו די פאָלגענדיגע שטריכען.

לויט היימאַנ'ס אָפּשאַצונג, האָבען אין מאַנטשעסטער געלעבט צווישען 10 און 15 טויזענט אידען צווישען זיי עטלאַכע טויזענד יונגע מענשען וועלכע זיינען געווען דערווירקונג־געביט פון די ראַדיקאַלען. די מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען פרום און אָפּגעשטאַנען. די ראַדיקאַלע יוגענט איז געווען צוטיילט אין אַנאַר־כיסטען און סאָציאַליסטען. היימאַן איז איבערצייגט, אַז די אַנאַרכיס־טען זיינען ניט געווען גרעסער אָדער שטאַרקער פון די סאָציאַליסטען, נאָר אַ סך טומלדיגער. ביידע ריכטונגען האָבען געהאַט קלובען. ביידע קלובן האָבען קאָאָפּערירט אין גרעסערע קולטורעלע אונטער־נעמונגען, ווי קאָנצערטען, פאָרשטעלונגען און דאָס גלייכען.

די קלובען האָבען אַרונטערגעבראַכט רעדנער פון לאָנדאָן, ווי ראָקער, קאַפּלאַן, מאָריס מייער. זיי האָבען אויך איינגעאָרדענט קאָנ־צערטען און בעלער מיט אייגענע כוחות. פיינבערג איז געווען אַ טיכטיגער אָנטיילנעמער פון די קאָנצערטען און דעקלאַמירט אַרבע־טער און פאָלקס־לידער. באָוושאָווער, עדעלשטאַדט און ראָזענפעלד זיי־נען געווען די באַליבטע פּאָעטען. בכלל איז פיינבערג געווען אַ פריילאַכער, לוסטיגער, רירעווודיגער בחור. ער איז אויך געווען אַ טעטיגער אַנאַרכיסט. היימאַן ווידער איז געווען אַ טעטיגער סאָצי־אַליסט. זיי האָבען געהאַט צווישען זיך אָפטע און היציגע דעבאַטען. אָבער די פּערזענלאַכע באַציהונגען זיינען פאַרבליבען פריינדלאַכע, ניט ווי אין די פאַראייניגטע שטאַאטען, וואו אידעאָלאָגישע אונטער־שידען האָבען פאַראורזאַכט פּערזענלאַכען ברוגז און אפילו שנאה. היימאַן שרייבט צו אָט דעם פּערזענלאַכען טאָלעראַנץ צו דער בע־סערער געזעלשאַפטלאַכער לופט וואָס האָט געהערשט אין ענגלאַנד.

יוגענט אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט.

די יוגענט איז געווען פּאַקטיש איזאָלירט פון דעם רעליגיעזען גייסטיגען לעבען פון דער מערהייט אידען. אויפצוהאַלטען איר ווירקונג קרייז און זיך אויסצולעבען קולטורעל, האָט די יוגענט געמוזט אָנהאַלטען אַ טיכטיגע קולטור־טעטיקייט.

צווישען דער ראַדיקאַלער יוגענט זיינען אין יענער צייט ניט געווען קיין ציוניסטען. דער ראַדיקאַלער עולם איז בכלל געווען אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט. איינמאָל האָט דער קלוב אַרונטערגעבראַכט חיים וויצמאַן צו אַ לעקציע. וויצמאַן איז דענסטמאָל געווען אַ יונגער פּראָפעסאָר אין מאַנטשעסטער און אַ באַקאַנטער ציוניסט. וויצמאַנ׳ס לעקציע איז געווען דער אויסדרוק פון טאָלעראַנץ וואָס האָט געהערשט אין די ראַדיקאַלע קרייזען. די פריינדלאַכע באַציהונגען צווישען די אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען זיינען אויפגעהאַלטען געוואָרען אפילו נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ניט געקוקט אויף די ליידענשאַפטלאַכע דיסקוסיעס וועלכע פּאַרטיי איז שולדיג אין דעם דורכפאַל.

די שטיינער אין דעם קאַפּען מאַכער סטרייק.

פיינבערג, זיין פרוי און היימאַן דערמאַנען זיך אָן דעם סטרייק פון די קאַפּען מאַכער וואָס האָט אויפגערודערט די אידישע באַפעלקערונג אין מאַנטשעסטער. דער סטרייק איז פאָרגעקומען נאָך פאַר דעם בעקער קאַמף.

ווען דער סטרייק איז אויסגעבראָכען, איז די בעלי־בתים געלונגען צו קריגען אַ ביסעל סטרייק־ברעכער. די סטרייקער און זייערע פריינד האָבען דאָס ניט געקענט צוזעהן און דולדען. געשלעגען זיינען געווען אַ טעגלאַכע דערשיינונג. פיינבערג האָט ניט איינמאָל געקראָגען אָן אונטערגעשלאָגענע אויג, (אַזוי דערציילט היימאַן.) מרס. פיינבערג האָט צוגעגעבען נאָך אָן אינצידענט. איינמאָל אַ פאַרנאַכט האָבען זיי אָפּגעוואַרט די סטרייק־ברעכער באַם פאַרלאָזען אַ שאַפּ. איר „פונקציע” איז באַשטאַנען אין אויפהויבען די שטיינער ; און פיינבערג׳ס, — צו וואַרפען זיי אויף די סקעבס...

אין 1910 האָט פיינבערג חתונה געהאַט מיט נעלי. זייער ערשטער זון איז געבאָרען געוואָרען אין מאַנטשעסטער. דער אויסוואַנדערונגס פיבער וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ סך אויסגעוואַנדערטע אין ענגלאַנד, האָט אים ניט אויסגעלאָזט. די

פיינבערגס פאַרלאָזען מאַנטשעסטער און קומען אין לאָנדאָן. נאָך עטלאַכע מאָנאַטען פון אַרומדרעהען זיך אין דער ענגליי־שער הויפּטשטאָדט, נעמען זיי אַ שיף קיין אַמעריקא. אין ניו־יאָרק האָבען זיי געלאַנדעט אין יולי 1912.

פינפטער קאַפּיטעל

אין ניו־יאָרק.

ערשטער איינדרוק פון ניו־יאָרק ניט קיין גינסטיגער. — בייגקט נאָך ענג־לאַנד און טראַכט פון הייד פּאַרק. — די פּיינע האַנדלונג פון לאָקאַל איינס. — סאָול מעץ אַ האַרטער טשערמאַן. — קריגט דערמוטיגונג צו ווערען טעטיג אין דער יוניאָן. — באַקאַנטשאַפט מיט דובינסקי אין קאָאָפּעראַטיווען רעס־טאָראַן. — זוכט יושר באַ טעמעני פּאָליטישען. — גיט זיך אָפּ מיט יוניאָן אַרבעט.

אונזער ניו־יאָרק האָט אין אָנהויב ניט געמאַכט קיין גינסטיגען איינדרוק אויף פיינבערג׳ן, ער איז ניט געקומען אַהער פון אַ קליין שטעדטעל אין מזרח אייראָפּא. די ענגלישע הויפּטשטאָדט איז אויך ניט קיין פאַרוואָרפענער ווינקעל; פונדעסטוועגען האָט דער טומעל און גערודער, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון ניו־יאָרק, אים איבערראַשט און אַ ביסעל דערשראָקען. דער ראַשיגער פּאַר־קער אויף די גאַסען און דאָס איילעניש פון די פאַרבייגייער האָט אים פאַרוואונדערט.

— וואוהין איילען זיך אַזוי די מענשען, האָט ער זיך געפרעגט, וואָס טראָגט זיי מיט אַזאַ אימפּעט? פיינבערג האָט געהאַט דעם איינדרוק אַז די ניו־יאָרק׳ער ווילען אַנטלויפען פון עטוואָס און פון ערגעץ. אין ענגלאַנד איז ער ניט געוויינט געווען צו אַזאַ איילע־ניש. אים האָט זיך געדאַכט אַז דער איינצעלנער מענש ווערט דאָ פאַרלאָרען און דאָס האָט אים באַאומרוהיגט. אויף די הימעל־קראַצער האָבען געשטאַכען זיינע אויגען מיט זייער משונה׳דיגער הויך וואָס רייסט זיך צום הימעל. אין לאָנדאָן ווייסט מען ניט פון אַזעלכע הויכע געביידעס.

אָט דער ערשטער ניט גינסטיגער איינדרוק פון טומעלדיגער, איילענדיגער ניו־יאָרק איז ניט באַשריינקט געווען אויף פיינבערג׳ן. די מערסטע יונגע אימיגראַנטען האָבען געהאַט אַן ענלאַכען ערשטען איינדרוק. עס האָט געדויערט אַ שטיקעל צייט ביז וואַנען זיי האָבען באַוויזען זיך צוצופּאַסען צום שנעלען אימפּעט וואָס באַוועגט ניו־יאָרק. פיינבערג האָט די ערשטע צייט געבייגקט נאָך מאַנטשעסטער און נאָך ענגלאַנד און אַפילו ערנסט געטראַכט וועגען פאָרען צוריק

אַהין. איז ער אויך אין דעם געפיל ניט געווען דער איינציגער; אַ סך פון די איינוואַנדערער האָבען דורכגעמאַכט דעם זעלבען גראַנגעל און בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים.

ערשטער שריט אין ניו־יאָרק.

פיינבערג׳ס ערשטער שריט אין דער נייער וועלט איז געווען אַ בונטאַרישער און האָט אָפּגעשפּיגעלט זיין צוגאַנג צו זאַכען אין יענער צייט. באַם אַרונטערגיין פון שיף האָט דער פּאַרטרעטער פון דער „האַיאַס״, לויט זיין שטייגער מיט „גרינע״, צוגעבונדען אַ קאַרטעל צו פיינבערג׳ס לאַפּעל און אים אָנגעזאָגט צו וואַרטען אין אַ ווינקעל ביז וואַנען ער וועט צונויפזאַמלען די אַנדערע אידישע אימיגראַנטען. פיינבערג׳ס שטאָלץ און אַנאַרכיסטישע דערציהונג האָט רעוואָלטירט געגען אַזאַ „ביוראָקראַטישער״ באַהאַנדלונג. דאָס קאַר־טעל אויפן לאַפּעל האָט אים דערנידעריגט; האָט ער זיך צוקריגט מיט דעם האַיאַס־פּאַרטרעטער און איז אַרויס אין גאַס אָן שוץ און אָן פּראָטעקציע. פיינבערג שמייכעלט ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם אינצידענט. נאַטירלאַך זיין קענטעניש פון ענגליש האָט אים געמאַכט צו פילען זיכערער, ווען ער אַליין האָט באַטראָטען די גאַסען פון ניו־יאָרק צום ערשטען מאָל.

פיינבערג האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ וואַרעמע רעקאָמענדאַציע פון דער ענגלישער שניידער יוניאָן. ער איז אַוועק אין לאָקאַל 17 ריפער מאַכער יוניאָן און דאָרטען האָט מען אים געשיקט צו לאָקאַל איינס, קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן. די מיטגלידערשאַפט קאָמיטע פון לאָקאַל איינס האָט אים גוט אויפגענומען. זיין יוניאָן ביכעל און רעקאָמענדאַציע פון מאַנטשעסטער איז אים בייגעשטאַנען. ער איז אַריינגענומען געוואָרען אין דער יוניאָן אָן איינטריט געלד. פאַר פיינבערג׳ן איז דאָס געווען ניט קיין קליינער אויפטו. דאָס איינטריט געלד דענסמאָל איז געווען גאַנץ הויך און פיינבערג וואָלט געהאַט היבשע שוועריקייטען אין אויסצאָלען דאָס געלד. אָט די האַנדלונג באַטראַכט פיינבערג פאַר אַ שעהנעם אויסדרוק פון אַרבעטער סאָלי־דאַריטעט. עס האָט געדויערט זייער ווייניג צייט, און דער אימיגראַנט פיינבערג איז געוואָרען טעטיג אין לאָקאַל איינס, אַ לאָקאַל, וואָס האָט פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אַפילו אין דער אינטערנעישאָנעל; און איז געווען דער קוואַל פון הייסע און שטורמישע געשעהענישען וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט די גרויסע אָרגאַניזאַציע.

אַ וואָרט פון אַ יוניאָן וועטעראַן וועגען פײַנבערג.

איך גלויב ביי דער געלעגענהייט פּאַסט זיך צו ברייגנען עטלאַכע ווערטער פון אַ באַגריסונג פון אַ קלאָוקמאַכער צו פייגבערג'ס פופציג יאָריגען יובילײ וואָס איז געפייערט געוואָרען מיט עלף יאָר צוריק אין לאָס־אַנדזשעלעס. דער קלאָוקמאַכער — ל. באַביטש, איז געווען פּאָרזיצער פון מיטגלידערשאַפט קאָמיטע פון לאָקאַל איינס וואָס האָט אויפגענומען פייגבערג'ס אַפּליקאַציע. זיין קורצע אָפּשאַצונג גיט צו אַ פּאָר שטריכען צו פייגבערג'ס כאַראַקטער און אויפפירונג אין יענער צייט.

„צו אונזער קאָמיטע — שרייבט ל. באַביטש — איז געקומען אַ יונגער־מאַן מיט אַ יוניאָן־בוך און רעקאָמענדאַציע בריוו פון דער ענגלישער קלאָוק־מאַכער יוניאָן. פון זיין ערשטער דערשיינונג פאַר אונז האָבען מיר גלייך געזען אַז דאָס איז אַ מענש מיט אידעאַלען.

„עס איז קיין סוד ניט, אַז איזראַעל פייגבערג איז צו אונז אַריינגעפאָרען אויף אַן אַנאַרכיסטישען פערדעל. זיין ערשטע רעדע אין דער יוניאָן איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע. ער איז מיט קיין זאַך ניט געווען צופרידען, אַלץ האָט ער קריטיקירט, אַלץ האָט ער געוואָלט אויסבעסערען. ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבען גענומען אָפּשאַפען דאָס אַלטע, דאָס אַזוי צו זאָגען פאַרשימעלטע. עס איז אמת אַז ער האָט זיך ביסלאַכווייז אָפּגעקילט און גענומען ווערען אַ פּראַקטישער מענש. אָבער דאָס האָט אים געדויערט אַ היבש ביסעל צייט.

„איך געדענק דעם קאַמף וואָס פייגבערג האָט געהאָלפען פירען אין דער יוניאָן איבער דר. יצחק אייזיק הורוויטש. ער איז שוין דענסטמאָל געווען אַ ביסעל אויסגעגרינט. ער האָט אַרויסגערופען רעספּעקט מיט זיין קאַלטען אויסגערעכענטען שכל און פירערשאַפט. איך האָב מיט אים מיטגעאַרבעט ווען ער איז געווען פּרעזידענט פון דזשאָינט באָארד און שפּעטער דזשענעראַל מענעדזשער."

אין די עטלאַכע שורות פון אַ רענק און פייל טוער זעט מען די עוואָלוציע וואָס פייגבערג האָט דורכגעמאַכט אין אַמעריקאַ. דאָס איז געווען די עוואָלוציע פון אַ סך יונגע ענטוזיאַסטן, וואָס האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג. די האַרטע דערפאַרונג האָט זיי אויסגעניכטערט. זיי זיינען געוואָרען פּראַקטישע טוער. ל. באַביטש איז דורכאויס טרעפלאַך ווען ער שרייבט ווייטער אין זיין באַגריסונג, אַז פייגבערג באַלאַנגט צו די מענשען וואָס זיינען קיינמאָל ניט צופרידען מיט די אויפטואונגען וואָס זיי האָבען דערגרייכט, אַלעמאָל ווילען זיי עטוואָס „בעסערס". צו ווען אַלע־מאָל עטוואָס בעסערס איז פייגבערג'ס וועג אין דער קלאָוקמאַכער

יוניאָן און אין דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל. דאָס איז זיין פונדאַ־מענטאַלע מעלה.

קריגט דאָס ערשטע מאָל דאָס וואָרט באַ אַ מיטינג.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך געוועזן דער אופן ווי אַזוי פיינבערג איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין יוניאָן טעטיגקייט. אָנגעהויבען האָט עס זיך מיט זיין שוועריקייט צו קריגען אַ וואָרט אויף איינעם פון די אַלגעמיינע מיטינגען פון לאָקאַל. לאָקאַל איינס איז געווען דאָס נעסט פון אַלע ראַדיקאַלע באַוועגונגען אין דער יוניאָן און אין דער אינטער־נעשאָנאַל. די אַלגעמיינע מיטינגען האָבען צוגעצויגען גרויסע מאַ־סען קלאָוק־אָפּערייטאָרס. אויך פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל זיי־נען געקומען צו די מיטינגען. אויף איינעם פון יענע סעקשאָן מיטינ־גען איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע פון „אוט־אָוו־טאָון”. די פראַגע איז שוין דענסמאָל אָנגעהויבען אויסצואוואַקסען ווי אַן ערנסטע פראָבלעם פאַר די ניו־יאָרק'ער קלאָוקמאַכער וועלכע האָבען געזעהן ווי זייערע באַנדלאַך „קאַטשען” זיך אַוועק אין די קליינע שטעדט אַרום ניו־יאָרק וואו עס הערשט ביליגע, ניט־יוניאָן אַרבעט.

סאָול מעץ איז געווען טשערמאַן פון יענעם מיטינג. פיינבערג האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטען דאָס וואָרט. ווי אַ נייער מענש איז אים די זאַך ניט קלאָר געווען. סאָול מעץ האָט אָבער געפירט דעם „טשער” (דעם פּאָרזיץ) מיט אַ שטאַרקער האַנט. אויף פיינ־בערג'ס העפלאַכער אָנפראַגע האָט מעץ אויף זיין שטייגער אַ דונער געגעבען: **סיט דאַון**! (זעץ זיך אַוועק!) אין ענגלאַנד איז פיינ־בערג ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ גראָבער באַהאַנדלונג מצד אַ פּאָרזיצער. האָט ער אַ צווייטען מאָל געבעטען דאָס וואָרט און באַ־קומען צוריק נאָך אַ שטאַרקערען סיט דאַון! פיינבערג איז געוואָרען אויפגערעגט.

אַ קלאָוקמאַכער וואָס איז געזעסען לעבען פיינבערג'ן, האָט געגאָסען אויל אויפן פייער מיט אַ חוזק באַמערקונג: אַט אַזוי ווערען די מיטגלידער באַהאַנדעלט. בלויז די באַאַמטע קענעןריידען אויף מיטינגען. מער האָט מען ניט באַדאַרפט. פיינבערג'ס בונטאַרישע דערציהונג האָט צוהיצט זיין בלוט. ער האָט גענומען פאָדערען דאָס וואָרט אין אַן אויפגערעגטען קול. מעץ האָט זיך ניט אונטערגעגעבען און געקלאַפּט מיט דעם האַמער. אָבער פיינבערג האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּלאַטפאָרמע. אין זאַל איז אויסגעבראָכען אַ טומעל. דעם עולם איז געפעלען געוואָרען

די טראַציגע האַלטונג פון דעם אומבאַקאַנטען. געשרייען האָבען זיך געטראָגען: „לאָזט אים ריידען"!

מען האָט נאָכגעגעבען און פיינבערג האָט פון דער פּלאַטפאָרמע געהאַלטען אַ קורצע רעדע פול מיט שאַרפע אויסדרוקען און סאַר־קאַסטיש אין טאָן.

באַקאַנט זיך מיט דייוויד דובינסקי.

נאָכ'ן מיטינג איז פיינבערג אַרומגערינגעלט געוואָרען פון אַ גרופּע אַקטיווע קלאָוקמאַכער, וועלכע האָבען אים באַגריסט פאַר זיין מוט און זיך געוואָלט מיט אים באַקענען. צווישען זיי זיינען געווען: מ. י. אַשביז, וואַגנער און דער אַלטער לעווענטאַל*) זיי האָבען אים דערמונטערט צו ווערען טעטיג אין דער יוניאָן. פיינבערג האָט דענסמאָל געאַרבעט אין איינעם פון די גרעסטע שעפער, דורסט און רובין אויף גרין סטריט. דאָרטען האָבען געאַרבעט קרוב 800 קלאָוקמאַכער. קיין גוטער אַרבעטער איז ער ניט געווען אָבער אַ שנעלער. עס האָט ניט געדויערט קיין לאַנגע צייט און פיינבערג איז געוואָרען טשערמאַן פון שאָפּ. דאָס האָט אים געבראַכט אין נאָהענטע באַציהונג מיט דער יוניאָן העדקוואָדערס און מיט די יוניאָן באַאַמטע. פון די לעצטע האָט אויף אים געהאַט אַן איינפלוס דער פאַרשטאָרבע־נער פּ. קאַפּלאָוויטש. זיין העפליכקייט און סאָלידקייט האָט גע־מאַכט אויף פיינבערג'ן אַ גוטען איינדרוק. עס האָט אים דערמאָנט אָן די ענגלישע יוניאָן־טוער. קאַפּלאָוויטש האָט איינגע'טענה'ט מיט אים צו פאַרגעסען ענגלאַנד און זיך איינשפּאַנען אין דער היגער אַרבעטער באַוועגונג.

אין יענער צייט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דייוויד דובינסקי, איצט פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל. זיי האָבען זיך געטראָפען אין קאָאָפּעראַטיווען רעסטאָראַנט אויף צווייטער עווענו וואו דער יונגער דובינסקי איז דאַן געווען אַקטיוו. דער רעסטאָראַן איז געווען די לעצטע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, באַשאַפען און אויפגעהאַלטען פון אידישע ראַדיקאַלען. אין פיינבערג'ן האָט נאָך געדרעמעלט די ליבע צו ענגלאַנד. ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט'ן

---

*) מ. י. אשפיז האָט אַ קליינע אויסבעסערונג: ער איז ביי יענעם סעק־שאָן מיטינג ניט געווען. זייער באַקאַנטשאַפט איז פאַרגעקומען ווען פיינבערג איז אינסטאַלירט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל איינס, דעם 30־טען דעצעמבער, 1912.

געדאַנק צוריקצופאָרען דאָרטען. דובינסקי פונקט ווי קאַפּלאָוויטש האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט. אין דער קאָטערס יוניאָן לאָקאַל 10, וואו דובינסקי איז געווען אַ מיטגליד, איז דענסמאָל געווען אַ קאָנ־סערוואַטיווע אַדמיניסטראַציע און דובינסקי דער סאָציאַליסט האָט געוואָלט וואָס מער ראַדיקאַלע טוער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. קאַפּלאָוויטש ווידער האָט אין פיינבערג'ן געזעהן אַ שטריינג אָרענט־לאַכען מענש, אָן צושפּיצטע אַמביציעס פון פירערשאַפט זוכעניש.

באַשליסט צו פאַרבלייבען אין אַמעריקאַ.

וואָס און ווער האָט געווירקט איז שווער צו זאָגען. פיינבערג האָט אויפגעגעבען דאָס טראַכטעניש וועגען צוריקפאָרען אין ענג־לאַנד. ער האָט אינערלאַך שלום געמאַכט מיט אַמעריקאַ און זיך אָפּגעגעבען מיט יוניאָן טעטיקייט. די צייט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז, מילד גערעדט, געווען אַ הייסע. פאַר אַ מענש מיט אַ שטאַרקען געזעלשאַפטלאַכען חוש, איז געווען אַ סך אַרבעט און נאָך מער געלעגענהייט צו קעמפען פאַר זאַכען אין וועלכער איינער גלויבט טיף און הייס.

דער אינצידענט מיט שטעלען אַ פראַגע אויף דעם מיטינג פון לאָקאַל איינס איז פאָרגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען פיינבערג האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ צווייטען פאַל וואָס איז דענסמאָל געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאָליטישען לעבען פון ניו־יאָרק.

איינמאָל גייענדיג אויף דער איסט־סייד האָט פיינבערג געזעהן אַ גאַסען־מיטינג. געווען איז דאָס אין דער צייט פון אַ וואַל קאַמ־פּאַניע. דער רעדנער, אַ טעמעני האָל קאַנדידאַט פאַר אַ אַמט, האָט „געבראָקט" זיין סחורה מיט דער זעלבסט־זיכערקייט פון אַ כיטרען פּאָליטישען. דאָס איז געווען פיינבערג'ס ערשטע דערפאַרונג מיט אַ וואַל־מיטינג אין דער נייער וועלט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צו הערען. די רעדע איז אים נאַטירלאַך ניט געפעלען געוואָרען, און אויפן ענגלישען שטייגער האָט ער געשטעלט דעם רעדנער אַ פראַגע.

דער טעמעני האָל קאַנדידאַט האָט געזאָגט אַז ער וועט ענטפערען צום סוף פון דער רעדע. אויף פיינבערג'ס איבערראַשונג, האָט דער רעדנער צום סוף אָנגעטאָן דאָס מאַנטעל און גענומען אַוועקגיין. פיינ־בערג האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און באַשטאַנען אויפן צוגעזאָגטען ענטפער. אַ הויכער פּאָליסמאַן איז צו אים צוגעגאַנגען און דערקענענ־דיג פון פיינבערג'ס אַקצענט, אַז ער איז ניט קיין היגער, האָט ער

אים שטריינג געפרעגט פון וואַנען קומט ער? פיינבערג האָט גאַנץ נאַאיוו געענטפערט: פון ענגלאַנד.

„טראָג זיך אָפּ פון דאַנען" האָט דער „קאָפּ" געוואָרענט. „פּאַרעי־נערס" (אויסלענדער) האָבען זיך ניט וואָס צו מישען אין אונ־זערע מיטינגען". אַזאַ ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ניו־יאָרקער פּאָלי־טישע מנהגים, איז ניט געווען צום האַרצען דעם „גרינעם" פון ענגלאַנד.

פיינבערג געדיינקט נאָך אַ קליינע אַנטוישונג וואָס ער האָט גע־האַט די ערשטע צייט אין אַמעריקאַ. אַב. ביזנאַ, דענסמאָל טשיעף קלערק, פון דזשאָינט באָארד, האָט געהאַלטען אַ לעקציע: — „טרייד יוניאָניזם און סאָציאַליזם". אַלע פּני פון דער יוניאָן זיינען אָנוועזענד געווען. ביזנאָ איז אָנגעשטעקט געווען מיט דעם שמאָלען אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר בליק אויף טרייד יוניאָנס. די לעקציע האָט פיינבערג'ן געוואַלטיג ענטוישט, — כאָטש ער האָט געהאַט דרך ארץ פאַר ביזנאָ'ס אָרגענטלאַכקייט און זיין לאַנג־יאָריגע דינסט אין דער אַרבעטער באַוועגונג. פיינבערג האָט ניט געקענט באַגרייפען דעם אַלטען אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר צוגאַנג צום טרייד־יוניאָניזם. אויף דער לעקציע האָט ער זיך באַקענט מיט דזשאָרדזש ווישניאַק. ביידע זיינען פאַרבליבען אינטימע פריינד, כאָטש זייערע וועגען האָבען זיך שפּעטער עטלאַכע מאָל דורכגעקרייצט פּאָליטיש און אַפילו טרייד יוניאָניסטיש.

פיינבערג'ס טעטיגקייטען אין לאָקאַל איינס האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַפּרייטאָרס. ענדע 1912 איז ער דערוויילט געוואָרען אין דער עקזעקוטיוו באָארד (פאַרוואַלטונג ראַט) פון לאָקאַל. אין 1914 ווערט ער געשיקט אַלס אַ דעלעגאַט פון לאָקאַל צום דזשאָינט באָארד. זיין לעבען איז ענג פאַרבונדען געוואָרען מיט דעם גורל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון דער אינטערנעשאָנאַל. אָט דער ענגער בונד איז געוואַקסען מיט דעם גאַנג פון די יאָרען.

זעקסטער קאַפּיטעל.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן.

די יוניאָן נאָך דעם גרויסען גענעראַל סטרייק פון 1910. — סוועט־שאַפּ אָפּגעשאַפט, אָבער רייבונגען מיט באַלעבאַטים מערען זיך. — פּראַקטאָקאַל אַרבעט ניט ווי דערוואַרטעט. — באַלעבאַטים צו קריגעריש. — עלטערע פירער ווילען ניט אויפרייסען באַציהונגען מיט באַלעבאַטים. — אינגערע טוער שטיצען דר. הורוויטש. — פיינבערג צווישען סטראַטעגיקער פון דר. הורוויטש צד. — באַקאַנטשאַפט מיט ב. שלעזינגער. — העלפט פּאַרטיידיגונג פון א.וו.וו. — סטרייק־פירער פון לאָרענס און פּעטערסאָן. — ש. יאַנאָווסקי, עמאַ גאָלדמאַן און אַ. בערקמאַן.

איזראַעל פיינבערג איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק פונקט צוויי יאָר נאָך דעם אויסברוך פון דעם גרויסען רעוואָלט — דער היסטאָרישער גענעראַל סטרייק פון די קלאָוקמאַכער פון 1910. געטראָפען האָט ער די נאָכווייענישען פון דעם גרויסען זיג; צו זיין פונקטלאָך, די וויטאָגען פון ראַשיגען וואוקס.

ווייניג מענשען אין דער אַרבעטער באַוועגונג האָבען ערב יולי, 1910, געהאַט בטחון אַז די צענדליגער טויזענדער קלאָוקמאַכער, דער גאָר גרעסטער טייל פון זיי אידען, וועלען אויפשטיין און מאַכען אַ סוף צום שאַנד און הפקר פון סוועט שאַפּ. נאָך ווינציגער האָבען זיי געקענט פאָראויסזעהן, אַז די קלאָוקמאַכער, צופּיצעלט און צובערעקעלט און אַן אינדוסטרי פון קאַפּריזער מאָדע, וועלען לעגען דעם גרונדשטיין פאַר אַ נייעם העכערען טיפּ טרייד יוניאָן ווי די אַרבעטער אין אַמעריקאַ האָבען געוואוסט אין יענער צייט. צווישען די געציילטע אָפּטימיסטען איז געווען מייער לאָנדאָן, לאָיער און איבערגעגעבענער פריינד פון דער יונגער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דער אַלגעמיינער סקעפּטעציזם אין ראַדיקאַלע קרייזען האָט גע־שטאַמט פון די אומציילגיע, יאָרען לאַנג ניט געלונגענע, פאַרזוכען אויפצוהאַלטען שטאַנדהאַפטיגע טרייד יוניאַנס צווישען די קלאָוק־מאַכער. די ערשטע באַוועגונגען צו אָרגאַניזירען קלאָוקמאַכער האָבען געהאַט אַ קורצען קיום, ניט קוקענדיג אויף די אַנשטריינגונגען פון די אָרגאַניזאַטאָרען. אָנגעהויבען האָבען נאָך די אירלענדער פון די „נייטס אָוו לייבאָר" (ריטער פון אַרבעט) אין 1882. אין 1886, אין יאָר פון אַרבעטער שוואונג און מיליטאַנטישקייט האָט עס אויסגעזעהן

אַז די קלאָוקמאַכער, פאַרכאַפּט פון דעם אויפשטייג פון מיליאָנען אַרבעטער, וועלען אונטערשטעלען אַ פעסטען פונדאַמענט אונטער זייער יוניאָן. אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש: די רעאַקציע וואָס איז אויסגעבראָכען אין לאַנד, נאָך דער היי־מאַרקעט טראַגעדיע, האָט פאַרטרונקען אויך די יונגע קלאָוקמאַכער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי האָט זיך געצויגען מיט אַ סך אַרויפ׳ס און אַרונטער׳ס אין פאַרלויף פון יאָרען. יוניאָנס זיינען שנעל אויפגעקומען און שנעל אומגעקומען. סטרייקס זיינען געוואונען געוואָרען, אָבער די יוניאָנס האָבען זיך ניט געקענט האַלטען נאָך דעם געווינס; איז במילא דער געווינס אויך שנעל אויסגערונען.

דער נייער מענשען־מאַטעריאַל ברענגט דורך די וואַנט.

דערווייל איז דער סוועט שאַפּ געוואַקסען און זיך אויסגעשפּרייט. האַלז־שניידענדיגע קאָנקורענץ צווישען די באַלעבאַטים גופא און צווישען די אַרבעטער האָט געשאַפען אַן אונערטרעגלאַכע לאַגע. די פאַרדינסטען זיינען געווען קלעגלאַכע. כאַאָס און דעמאָראַליזאַציע איז געשטיגען. ערשט מיט׳ן אָנקומען פון דער צווייטער מאַסען אימיגראַציע, נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע 1905—6, האָבען די טוער פון די קלאָוקמאַכער פאַך־יוניאָנס, מער סקעלעטאָנען ווי יוניאָנס, באַקומען נייעם מוט. די צווייטע מאַסען אימיגראַציע האָט געבראַכט צו די ברעגען פון ניו־יאָרק מענשען וועל־כע זיינען שוין געווען אָנגעשטעקט מיט׳ן עלעמענטאַרען גייסט און געדאַנק פון דער אַרבעטער באַוועגונג. אַרבעטער וועלכע האָבען דורכגעמאַכט די הויכע כוואַליע פון רעוואָלוציע אין צאַרישען רוס־לאַנד אויך די אימיגראַנטען וועלכע זיינען אָנגעקומען פון עסטרייך־אונגאַרן, רומעניע א. פ. א. האָבען שוין פאַרמאָגט אַ שטיקעל באַקאַנט־שאַפט מיט אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

דער נייער און פרישער עלעמענט איז געוואָרען דער אינסטרו־מענט, וועלכען די עלטערע, גרופּע וועטעראַנען, א. ראָזענבערג, דזש. דייטש, ס. פּאָלאָקאָף, מ. זיגמאַן, דזש. ווישניאַק, א. א., האָט באַנוצט, כדי אויפצוהויבען די גרויסע מאַסע קלאָוקמאַכער פון זומפּ פון סוועט שאַפּ און זי אַרויסצופירען אויף דעם ברייטען וועג פון אָרגאַ־ניזאַציע און מענטשלאַכע באַדינגונגען.

דער וואונדער איז געשען: דער רוף צום גענעראַל סטרייק, דער ערשטער אַלגעמיינער אַרויסטרעט פון קרוב צו זעכציג טויזענד קלאָוקמאַכער, האָט אין אַ פּאָר טעג אויסגעליידיגט אַלע שעפּער. די

פיבערישע ענטוזיאַסטישע פּאַרברייטונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין אַ קורצער צייט האָבען געבראַכט די גרעסטע פרוכט. אַ פּאָר טויזענד יונגע קלאָוקמאַכער האָבען מיט זייער באַגייסטערונג און אַנטשלאָסענקייט מיטגעריסען די גרויסע מענשען־מאַסע וואָס איז שווער געווען צו רירען פריהער. נאַטירלאָך די אונטערטרעגלאַכע לאַגע האָט געפאָדערט אַזאַ איבערברוך. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען רייף געווען פאַר אַזאַ געוואַגטען שריט. פונדעסטוועגען אָן דעם נויטיגען מענשען־מאַטעריאַל, אָן דעם טיפען גלויבען אין די כוחות פון די קלאָוקמאַכער מיט וועלכען די ראָזענבערגס, פּאָליאַקאָווס און זיגמאַנס זיינען געווען דורכגעדרונגען, וואָלט אַזאַ גרינדלאַכע איבערקערעניש געווען אומעגלאַך.

די ווערה געבורטען פון קאָלעקטיווען אָפּמאַך.

דער גענעראַל סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען אויף צוויי באַטאַג, יולי דעם 7־טען. פון אָנהויב האָבען די פאַבריקאַנטען ניט גענומען די זאַך צו ערנסט. אָבער גאַנץ שנעל האָבען זיי זיך אַרומגעזעהן, אַז דער גענעראַל סטרייק איז זייער אַן ערנסטער ענין. זיי האָבען פּרובירט די אַלטע מעטאָדען פון העצען די עפענטלאַכע מיינונג מיט דעם געשריי: „אַגיטאַטאָרען בונטעווען”! אָבער דאָס איז ניט געווען ווירקזאַם. די עפענטלאַכע מיינונג איז געשטאַנען אויפן צד פון די סטרייקער. דאָס איז געוואָרען אַ וויכטיגער פאַקטאָר.

די וואונדערבאַרע האַלטונג און סאָלידאַריטעט פון די קלאָוקמאַכער טראָץ דעם הונגער וואָס האָט זיי געקוקט אין די אויגען, די אַקטיווע אַריינמישונג פון סעמועל גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און פון עטלאַכע פּראָמינענטע געזעלשאַפטלאַכע טוער האָט געבראָכען די האַרטנעקיגקייט פון די באַלעבאַטים.*)

דעם צווייטען סעפּטעמבער איז דער סטרייק געווען געענדיגט

*) דער פאַרשטאַרבענער לואיס ד. בראַנדייס איז געווען זעהר טיכטיג אין שליכטען דעם סטרייק. דאָס האָט ער געשאַפן די פאָרמולע פון „פּרעפערענשעל יוניאָן שאָפּ” און די אינסטיטוציע פון „שאָפּ טשערמאַן”. בראַנדייס איז אויך געווען דער פאַרטרעטער אין דער באָארד אָוו אַרביטריישאָן וואָס דער „פּראָטאָקאָל” האָט אויפגעשטעלט. דאָס איז די גאָר ערשטע אַרביטריישאָן קערפּערשאַפט אין אַמעריקא.

און געוואונען. די קלאָוקמאַכער האָבען זיך צוריקגעקערט אין די שעפּער מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

דער קלאָוקמאַכער סטרייק איז געווען דער ערשטער אין אַמע־ריקאַ, וואו דער אַזוי גערופענער דריטער צד, דער פּובליקום איז אַריינגעצויגען געוואָרען ווי אַן אינסטיטוציע פון אויסגלייכער. דער אָפּמאַך וואָס האָט באַקומען דעם אָפיציעלען נאָמען „פּראָטאָקאָל" האָט באַשאַפען צווישען אַנדערע די קערפּערשאַפּט פון באָארד אָוו אַר־ביטריישאָן (אַרביטראַזש קאָמיטעט) וואָס איז באַשטאַנען פון איין מיט־גליד פון יעדען צד: די יוניאָן און די אַסאָסיאיישאָן; און אַ דריטער מיטגליד וואָס פאַרטרעט די געזעלשאַפטלאַכע מיינונג. דערמיט איז געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר דער מאַשינעריע פון אומפּאַר־טייאישער אויסגלייכונג און ענטשיידונג פון סכסוכים. שפּעטער, אין גאַנג פון אַנטוויקלונג, איז דערפון אַרויסגעוואקסען דער אומפּאַרטיי־אישער טשערמאַן.

דער קלאָוקמאַכער סטרייק איז אויך געווען דער ערשטער וואָס איז פאַרענדיגט געוואָרען דורך קאָלעקטיווער־באַרגענינג, (קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען). אַנשטאָט דער איינגעפירטער סיסטעם פון פאַר־האַנדלונגען מיט איינצעלנע אַרבעטער־געבער, האָט די יוניאָן פאַר־האַנדעלט און געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־געבער. אָט דער נייער אויפטו איז שפּעטער איינגעבירגערט געוואָרען אין דער אַרבעטער באַוועגונג און איז געוואָרען די סיסטע־מאַטישע מעטאָדע פון פאַרהאַנדלונגען און אָפּמאַכען צווישען די טרייד יוניאָנס און די אַרבעט־געבער. בלויז עטלאַכע אינדוסטריעס מיט זייערע גרויסע קאָרפּאָריישאָנס זיינען געבליבען אַן אויסנאַם.

דער פעריאָד פון רייבונגען און סכסוכים.

דער גרויסער זיג פון גענעראַל סטרייק האָט געגעבען די קלאָוק־מאַכער אַ סך געווינסען, וואָס האָבען בוכשטאבלאַך געענדערט דעם גאַנצען אויסזעהן פון דער אינדוסטריע. אָבער ווי עס איז געווען צו דערוואַרטען, האָט קיין אינדוסטריעלער פרידען זיך ניט אַראָפּ־געלאָזט אויף די קלאָוקמאַכער. רייבונגען און סיכסוכים זיינען ניט אָפּגעשטעלט געוואָרען; פאַרקערט, זיי זיינען געוואקסען און גע־הויערט איבער דער יונגער יוניאָן ווי געדיכטע דראָענדיגע וואָלקענס.

דער אָפּמאַך האָט ניט איינגעשטעלט אַ יוניאָן שאָפּ ווי די סטרייי־קער האָבען פאַרלאַנגט, נאָר אַ יוניאָן „פּרעפערענשעל שאָפּ". דאָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס. דאָס אויסדרוק „פּרעפערענשעל" (געבען

פאַרצוג) איז ניט קיין קלאָרער און האָט זיך געלאָזט טייטשען. אַ קוואַל פון קאָפּדרייעניש און טראָבעל איז אויסגעוואַקסען פון דעם. עס האָבען אויך ניט געפעלט קיין אַנדערע צוזאַמענשטויסען אין די שעפּער בנוגע פּרייזען. די קאָנפליקטען האָבען זיך געמערט און די באָארד אָוו גריוועַנסעס (קלאַגעס) וואָס איז באַשטאַנען פון פינף פאָרשטייער פון יעדען צד, האָט, צוליב איר צוזאַמענשטעל, זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט דעם מבול פון קלאַגעס וואָס איז געקומען הויפּט־זעכלאַך פון די אַרבעטער. אומצופרידענקייט און אומרוהיגקייט איז געשטיגען צווישען זיי.

די גרונט אורזאַך פאַר דער אַנזאַמלונג פון אומצופרידענקייט איז געלעגען אין דער אַבסאָלוטער נייקייט פון דער גאַנצער סיטואַציע. די מערסטע באַלעבאַטים איז אָנגעקומען שווער זיך אָפּצוגעוויינען פון דעם געדאַנק און פון דער פּראַקטיקע, אַז זייערע אַרבעטער זיינען ניט מער הפקר. זיי האָבען נאָכגעגעבען בלויז אונטער דעם דרוק פון נויטווענדיגקייט; קיין אינערלאַכער שלום מיט דער נייער איינ־שטעלונג, פון אַ יוניאָן אין דער אינדוסטריע, האָבען זיי ניט געמאַכט. אויך אַ סך פון די אַרבעטער, באַפרייטע אינדוסטריעלע שקלאַפען, זיינען געווען פול מיט אונצוטרויען און אומגעדולד. אין יעדען לאַנג־זאַמען שריט פון אויסגלייכונג פון אַ סכסוך, האָבען זיי געזעהן שיער ניט אַ פאַראַט מצד די יוניאָן פירער. יעדער קאָמפּראָמיס, אָפּט אַרויפגעצוואונגען פון אַ שווערער לאַגע, איז פון זיי אָנגענומען גע־וואָרען ווי אַ צוריקטריט פון די אויסגעקעמפּטע געווינסען. זייער אומגעדולד קען אויך דערקלערט ווערען מיט זייער יוגענטלאַכען ענטוזיאַזם; זייער חשד, מיט דער ניט באַקאַנטשאַפּט מיט טעגלאַכער יוניאָן טעטיגקייט, וואו נעמען און געבען ווערען דיקטירט פון רעאַלע כוחות־פאַרהעלטנישען, וואָס הערשען אין דעם געגעבענעם מאָמענט צווישען דער יוניאָן און די באַלעבאַטים.

די עלטערע פירער אויסגעניכטערט פון זייער לאַנגער און אומעטיגער דערפאַרונג מיט אָרגאַניזירען די קלאָוקמאַכער, האָבען געציטערט טאָמער וועט די יונגע יוניאָן ניט אויסהאַלטען — אויב די באַציהונג מיט די באַלעבאַטים וועלען ווערען צופיל אָנגעשטריינגט. צוליב דער אויפהאַלטונג פון דער יוניאָן זיינען די פירער געווען גרייט צו פאַרקוקען אַ צאָל עולות און צו פאַרזעהן געוויסע גערעכטע קריוודעס. די איינגערע טוער, אַרויסגערוקט אין פאַרלויף פון גענעראַל סטרייק און פול מיט גלויבען אין די אייגענע כוחות, האָבען מיט עקשנות זיך געהויבען געגען דעם שטעכיגען צאַם מיט וועלכען די

באַלעבאַטים האָבען געזוכט אַרומצורינגלען די יוניאָן, כדי אָפּצוּאוּוישען איינציגוויז די געווינסען פון די אַרבעטער.

וואַרפענדיג אַ בליק צוריק אויף יענע מיט זאָרג־אָנגעפילטע טעג, מוז מען קומען צום שלוס, אַז דער אמת איז וואַרשיינלאַך געלעגען ערגעץ אין מיטען צווישען די צוויי עקסטרעמען: די עלטערע און אויבערשטע גרופּע פירער מיט ראָזענבערג און דייטש אין דער שפּיץ, און דער מערהייט אינגערע טוער. דער גרונט־כלל פון טרייד יוניאָן פּראַקטיקע, איז בויגזאַמקייט און פייאיגקייט צו אַנאַליזירען די לאַגע און ציהען פון דעם אַ ריכטיגען שלוס. אַ גינסטיגע לאַגע דאַרף אויסגענוצט ווערען ביז צו דער מאַקסימום מעגלאַכקייט; פאַרקערט, אַ ניט גינסטיגע לאַגע, פאָדערט אָפּט אַ צוריקטרעט דאָ און דאָרטען. אָבער די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געוועזן צו יונג און די באַלעבאַטים צו קריגעריש; פּראָבלעמען זיינען דאַריבער גרינג אויסגעוואַקסען צו אַ קריזיס.

דער הייסער קאַמף אַרום דר. יצחק אייזיק הורוויטש.

דער ליידענשאַפטלאַכער אינערלאַכער קאַמף אַרום דר. יצחק אייזיק הורוויטש און די שפּעטערדיג טרויעריגע און שעדלאַכע משה רובין אפּערע; צוויי געשעהענישען וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט די יוניאָן, דאַרפען דאַריבער באַטראַכט ווערען ווי די ווייען פון ראַשיגען וואוקס. די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט כמעט ווי איבערנאַכט זיך דערזעהן אין אַ פּאָזיציע פון פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר דעם ברויט און פוטער פון צענדליגער טויזענדער פאַמיליעס, אין אַן אינדוסטרי געבויט אויף קאַפּריזער מאָדע און איינגעטונקט יאָרען לאַנג אין אומבאַשרייבלאַכער הערשאַפט פון באָס און פאָרמאַן. שאַרפע צוזאַמענשטויסען מיט בעלי־בתים און הייסע אינערלאַכע קאָנפליקטען זיינען געוועזן אומפאַרמיידלאַך.

דער בוך איז ניט די געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, דערצו איז אונמעגליך צו באַשרייבען דעם אינהאַלט פון דעם פאַרביטערטען קאַמף אַרום דר. הורוויטש אין עטלאַכע שורות. די יעניגע וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין אַ גרינדלאַכער אָפּשאַצונג פון אָט דער שטורמישער געשעהעניש, קענען דאָס געפינען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל און טיילוויז אין דעם יובילי בוך פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אַרויסגעגעבען אין 1935, אויך אין דער געשיכטע פון לאָקאַל 117.

אין די ראַמען פון דער ביאָגראַפיע קען נאָר פאַרבייגייענדיג געזאָגט ווערן, אַז דר. הורוויטש האָט זיך געשטעלט געגען דער שעדלאַכער פּראַקטיק פון די בעלי־בתים און זייערע פאַרשטייער אין דער גריוועגס באָארד. זיי האָבען נאָכאַנאַנד פאַרלעצט דעם „פּראָטאָקאָל" סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרמע. דר. הורוויטש האָט געהאַט זיין אייגענעם פּלאַן ווי אַזוי צו לייזען דעם באַרג אָנגעקליבענע קריוודעס און קלאַגעס. געוויסע טיילען פון זיין פּלאַן זיינען געווען נויטיגע רעפאָרמעס און זיינען טאַקע שפּעטער פאַרווירקלאַכט געוואָרען. אַנדערע טיילען זיינען געווען אוטאָפּיסטיש, און אפילו שעדלאַך צוליב זייער פאָרמעלען יוריסטישען צוגאַנג. די צרה איז געווען, וואָס דר. הורוויטש אַ מענש מיט אַ באַדייטענדיגען וויסען, איז אָבער ניט געווען געקענאָטען פון דעם טייג פון וועלכע יוניאָן פירער קומען אַרויס. אַ שטרייגגער אינדיווידואַליסט, איינגעשפּאַרט, גראַדליניג און אפילו סוקעוואַטע; אַן אָנהייגגער פון דעם בוכשטאַב פון געזעץ, איז ער גלייכצייטיג געווען אַ שוואַכלינג אין פּראַקטישע אָנגעלעגענהייטען. אָנצופאַרטרויען אים די פאַרוויקעלטע אָנגעלעגענהייטען פון דער יונגער יוניאָן, האָט מען ניט געטאָרט. אָנצונעמען געוויסע פאַרשלאָגען זיינע, האָט מען באַדאַרפט.

די בייזוויליגע געגנערשאַפט פון די בעלי־בתים צו דר. הורוויטש און זייערע פּראָבעס צו פאַרפירען אַ שטרייט מיט דער יוניאָן צוליב אים, זיינען געגוג געווען, ער זאָל געווינען די שטיצע פון די אינגערע טוער און דער מערהייט מיטגלידער. אויב אונזערע שונאים זיינען געגען אים, איז ער גוט פאַר אונז! — דאָס איז אַן אַלטער כלל. דערצו איז בכלל געלעגען אַ היבשער תהום צווישען אַזאַ מענש ווי דזשאַן דייטש, אַן עכטער אָנהייגגער פון „פּיור און סימפּעל טרייד יוניאָניזם". (טרייד יוניאָנס פון אַ שמאָלען עקאָנאָמישען כאַראַקטער) און די אינגערע ראַדיקאַלען וואָס האָבען געקוקט מיט אַנדערע אויגען אויף די פונקציעס פון אַ טרייד־יוניאָן.

לאָקאַל איינס פירט קאַמף פאַר דר. הורוויטש.

לאָקאַל איינס, דער גרעסטער לאָקאַל אין דער יוניאָן האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דעם קאַמף פאַר דר. הורוויטש, פיינבערג דענסמאָל שוין אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון לאָקאַל, איז געווען צווישען די סטראַטעגיקער פון דעם הורוויטש צד. הורוויטש'ס געגנער, ראָזענבערג, דייטש, האַלפּערין, פּערלשטיין, פּאַליאַקאָוו, זיגמאַן און ווישניאַק זיינען אויך ניט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. אַ סך

בייז בלוט און פערזענלאַכער שנאה איז אַרויסגעקומען. עס זיינען אָבער אויך געווען פאַלן ווען די צדדים האָבן ניט פאַרלאָרן זייער גלייכגעוויכט. ווען אַזאַ פאַל דערציילט פיינבערג.

לאָקאַל איינס עקזעקוטיווע, האָט אים און וואַגנער געשיקט צו רעדן אויפֿן מיטינג פון לאָקאַל 23 סקוירט מאַכער יוניאָן צו זעהן אפשר איז מעגלאַך זיך צו דעררעדען צו אַן אויסגלייך. די שטימונג איז געווען זייער אַן אַנגעצויגענע. פּערעלשטיין און ווישניאַק פון לאָקאַל 23, האָבן פון אָנהויב ניט געוואָלט די צוויי שלוחים לאָזען רעדן. פיינבערג און וואַגנער זיינען אָבער געווען דעלעגאַטען צום דזשאָינט באָארד און די מיטגלידער האָבן געוואָלט זיי אויסהערען. פּערעלשטיין און ווישניאַק האָבן נאָכגעגעבן און דער הויפּט רעדנער איז געווען פיינבערג. אָנשטאָט זיך צו היצען און ריידען שאַרף און סאַרקאַסטיש, ווי אַלע האָבן פון אים דערוואַרטעט, האָט פיינבערג דוקא געהאַלטען אַ זעהר זאַכלאַכע, לאָגישע רעדע. מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט און דער טשערמאַן האָט אים באַדאַנקט פאַר דער אינטעליגענטער באַהאַנדלונג פון דער אַנגעווייטאָגטער פראַגע. אָט די זאַכלאַכקייט און לאָגישקייט איז שפּעטער געוואָרען אַ צווייטע נאַטור בא אים.

דר. הורוויטש האָט רעזיגנירט דעם 22־טען יאַנואַר 1914. שטאַרקע איבערבלייבאַכצען פון דעם ברודער קאַמף, וואָס ער האָט פאַראורזאַכט, זיינען אָבער פאַרבליבען און האָבן געטליעט באַזונדערס אין לאָקאַל איינס, קלאוק־אָפּערייטאָרס.

פיינבערג האָט זיך אין יענע יאָרען גענומען איינבירגערען אין דער יוניאָן און אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זיין לאָקאַל האָט אים געשיקט אין די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען וואָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיגע פּאָזיציע אין דערציהען יונגע אידישע יוניאָנס. פיינבערג האָט ניט פאַרפעלט קיין מיטינג פון די געווערקשאַפטען. אין די געווערקשאַפטען האָט פיינבערג זיך באַקענט מיט מאַקס פּיין און מיט אַנדערע געווערקשאַפטען־טוער. דעם פאַרשטאַרבענעם פּיין האָט ער ליב געהאַט פאַר זיין פאָלקסטימלאַכקייט און פיינעם הומאָר. פיינבערג האָט מיטגעהאָלפען אין דעם קאַמף געגען לייבאָוויטש און קאַזימירסקי, וועלכע זיינען באַשולדיגט געוואָרען אין ניט אָרענטלאַכער אויפפירונג. ביידע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די געווערקשאַפטען, (וואו זיי זיינען געווען גאַנצע באָסעס) און פאַרטריבען געוואָרען פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. יענע געשעהעניש האָט אַרויסגערופען אַ סך טומעל און היץ.

אין יאָר 1913 האָט פיינבערג זיך אויך באַקאַנט און געוואָרען פריינד מיט בענדזשאַמין שלעזינגער, איינער פון די בויער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון דער אינטערנעשאָנאַל. ער האָט געטראָפען שלעזינגער׳ן אויף איינעם פון די קאָקוס מיטינגען פון לאָקאַל איינס. קאָקוסען זיינען שוין אַריין שטאַרק אין דער מאָדע אין דער יוניאָן. שלעזינגער און דענסמאָל געווען פול מיט ענערגיע און אימפעט. פיינבערג האָט אים רעספעקטירט פאַר זיין שטאַרקען כאַראַקטער און גראָדען שכל.

אידעאָלאָגיש איז פיינבערג נאָך אַלץ געווען פאַרבונדען מיט דעם אַנאַרכיזם אָבער די פעדים פון בונד זיינען געוואָרען אַלץ שוואַכער. בכלל, איז דער סוף פון צוויטען צענדליג פון דעם יאָר הונדערט געווען דער באַרג אַרונטער פעריאָד פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג צווישען אידען. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט גענומען שטייגען. די אורזאַכען זיינען אויסער די ראַמען פון דעם בוך. ווי אַ כלל גענומען האָט איינגעוואָרצעלקייט אין דעם אַמעריקאַנעם באָדען ניט געקלאַפּט אין טאַקט מיט דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, מיט איר טראָפּ אויף אַנטי־מלוכה׳שקייט און פאַר קאָמונעס. אַמעריקאַ, דאָס לאַנד פון עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג און רעפאָרמעס, איז ניט געווען מסוגל צו שפּייזען אויף אַ גרויסען שטייגער אַזאַ באַוועגונג ווי די אַנאַרכיסטישע. אָבער אין די יאָרען פון 1912־1915 האָבען די אַנאַרכיסטען און זייערע סינדיקאַליסטישע פריינד פון דער א. וו. וו. (אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו. די וואָרלד) נאָך אַרויסגעוויזען, דאָ און דאָרטען, שטאַרקע אויפפלאַמען פון טעטיגקייט. באַזונדערס האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין צוויי קרעפטיגע און בלוטיגע סטרייקס אין דער טעקסטיל אינדוסטריע. דער סטרייק אין לאָורענס, מאַסאַטשוסעטס אין 1911־1912 און דער סטרייק אין פּעטערסאָן, ניו־דזשוירזי, אין 1913. ביידע סטרייקס, געפירט אויף׳ן שטורמישען, הייסען, „וואָבלי״־שטייגער, האָבען אַרויסגערופען גרויס אַנזעהן אין לאַנד. די פּאָליציי איז געווען מערדערלאַך־ברוטאַל. די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען האָבען ביטער באַפאַלען די סטרייק־פירער און די ליבעראַלע גרופען, דענסמאָל קליין אין צאָל, האָבען געזוכט צו געבען זיי שטיצע.

הילף־באַוועגונג פאַר די סטרייקערס אין לאָורענס און פּעטערסאָן.

פיינבערג איז אָנגעקומען צום סוף פון סטרייק אין לאָורענס. אַ מאָרד־קלאַגע איז אויפגעשפּילט געוואָרן געגען די צוויי פירער פון

סטרייק: דזשאָו עטאָר און אַרטוראָ דזשאָוואַניטי, דער לעצטער — אַ שטורעם פויגעל אין די ראַדיקאַלע קרייזן. פּיינבערג האָט גענומען אַ טעטיגען אַנטייל אין דער באַוועגונג צו פּאַרטיידיגען די צוויי אומ־שולדיגע סינדיקאַליסטען. ער האָט גערעדט אויף אַ סך אָפענע מיטינ־גען אין אַלע טיילען פון שטאָדט. דער צווייטער סטרייק אין פּעטער־סאָן פון די זייד־וועבער אין 1913 איז אויך רייך געווען מיט דראַמאַטישע מאָמענטען. צוליב דעם וואָס אין שפּיץ פון סטרייק זיינען געשטאַנען די א. וו. וו. האָט די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו. ליי־באָר זיך געהאַלטען פון דער ווייטען און ניט גאָר פריינדלאַך זיך באַ־צויגען צום סטרייק. פּיינבערג'ס סימפּאַטיעס זיינען געלעגען מיט די א. וו. וו. סטרייק־פירער.

פאָרגעקומען איז דאָס דעם ערשטען מאַי, 1913. פאַר פּיינ־בערג'ן — צום ערשטען מאָל אַ מאַי פייערונג אין אַמעריקאַ. די „געווערקשאַפטען" וואָס איז געווען די יאָרלאַכע איינאָרדנער פון פּאַראַד, האָט ניט געוואָלט צולאָזען די א. וו. וו., מיט ווען עמען די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו. לייבאָר יוניאָנס האָבען געהאַט אַ סך שווערע צוזאַמענשטויסען, צו רעדען פון זייער וואָגען אויף יוניאָן סקווער. די סטרייק־פירער, וועלכע האָבען געבראַכט אַ סך קינדער פון סטרייקער פון פּעטערסאָן, זיינען אַנטשלאָסען געווען צו מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע געגען דער פּאָליציי ברוטאַליטעט דאָרטען. די געווערקשאַפטען פירער וואָלטען אויסגעפירט, ווען ניט די אַריינמי־שונג פון צוויי פּראָמינענטע ראַדיקאַלע שרייבער, ה. האַפּגוד און לינקאָלן סטעפּענס, איינגעלאַדענע געסט אויף דער אָפּיציעלער פּלאַט־פאָרמע. די „וואָבליס" האָבען זיך געווענדעט צו די צוויי שרייבער און די געווערקשאַפטען פירער האָבען דאַן נאָכגעגעבען און דערלויבט אַ פּאָר א. וו. וו. רעדנער. פּיינבערג האָט, לויט דעם עדות זאָגען פון אַ פּאָר פריינד פון יענעם פּעריאָד, געהאַט די געלעגענהייט צו האַלטען אַ טראַציגע רעדע, פול מיט פייער, געגען די עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע באַהערשער פון לאַנד. דערביי האָט ער אויך איינגעטיילט אַ היבשע פּאָרציע די טוער פון די געווערקשאַפטען און פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו. לייבאָר.

גלויבט יאַנאָווסקי איז אונטערשעצט געוואָרען.

פּיינבערג האָט אויך געשטיצט די „פרייע אַרבעטער שטימע". ער האָט זי באַטראַכט פאַר אַ דורכאויס נוצלאַכע און פרייע פּלאַטפאָרמע

פאַר מיינונג־אויסטויש און דער אַרבעטער באַוועגונג גופא. זיין צוגאַנג צו דער צייטונג האָט ער ניט געביטען. פיינבערג, האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג איבער ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע". פיינבערג איז נאָך איצט אויך איבערצייגט אַז יאַנאָווסקי׳ס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט זיינען אונטערשאַצט געוואָרען. זיין אונאבהייניקייט און גלייכצייטיג זיין טאָלעראַנץ צו אַנדערע ריכטונגען אין דער אַרבעטער באַוועגונג, האָט פיינבערג׳ן דערמאָנט אָן די גוטע זייטען פון דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג וואָס האָבען געפונען אַזוי פיל חן אין זיינע אויגען. פיינבערג׳ן איז אויך שטאַרק געפעלען יאַנאָווסקי׳ס לאָגיק, אַנאַליטישע פיאיגקייטען אוןווירדיגע האַלטונג.

אין די עטלאַכע בליהענדיגע יאָרען וואָס דער אַנאַרכיזם האָט געהאַט אויף דער אידישער גאַס אין ערשטען העלפט פון דעם צווייטען צענדליג יאָר, האָט פיינבערג זיך געטראָפען מיט אַלע אַנאַרכיסטישע טוער. עמאַ גאָלדמאַן באַלאַנגט ניט צווישען די יעניגע איבער וועמען פיינבערג האָט געהאַט אַ גינסטיגע מיינונג. ער האָט זי באַטראַכט פאַר אַ ניט טיפען מענש, וואָס האָט דערצו פאַרשווענדעט אירע כוחות אויף ניט וויכטיגע זאַכען. באַזונדערס איז פיינבערג׳ן ניט געפעלען געוואָרען איר טיכטיגע, כסדר׳דיגע פראָפאַגאַנדע פאַר „פרייער ליבע". אירע אָפטע לעקציעס איבער אָט דער „הייסער" טעמא האָט צוגעצויגען אַ סך נייגעריגע מענשען וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין שייכות מיט דער אַנאַרכיסטישער לערע.

פיינבערג איז איינמאָל אָנוועזענד געוועזן אויף אַזאַ לעקציע אויף וועלכער אויסער עמאַ, האָבען אנטייל גענומען נאָך צוויי אַנאַרכיסטישע פראָפאגאַנדיסטען. דער עולם איז געווען אַ גרויסער. אים האָט אָפגעשלאָגען פון אָט די סענסאַציאָנעלע אַרויסטרעטונגען, וועלכע, אין זיינע אויגען, האָבען פאַרמאָגט ווינציק באַדייטונג, מיט׳ן אויסנאַם פון פוסטער רעקלאַמע, פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. עמא גאָלדמאַן האָט פאַרמאָגט אַ סך ענערגיע וואָס האָט געקענט אויסגענוצט ווערען פאַר פאַסיגערע צוועקען. שפּעטער, שוין אין גלות פון אַמעריקאַ, איז עמא גייסטיג אויסגעוואקסען. אויף אירע עלטערע יאָרען האָט זי קאָנצענטרירט איר ענערגיע אויף פרוכטבאַרער פראפּאַגאנדע געגען טאָטאַליטאַרישע אָנשויאונגען.

אַ גאַנצען אַנדער צוגאַנג האָט פיינבערג געהאַט צו אַלעקסאַנדער בערקמאַן. ווען פיינבערג האָט אים געטראָפען, איז בערקמאַן געווען אַ רייפער מענש און ניט מער דער יונגער בחור׳ל וואָס האָט אימפּולסיוו און דעמאָנסטראַטיוו זיך געוואָרפען שיסען דעם האַרטען שטאָל

מאַגנאַט פריק, פאַר דער פאַרגאָסענער אַרבעטער בלוט אין דעם העמסטעד שטאָל סטרייק אין 1892. בערקמאַנ׳ס ליבלאַכקייט, זיין באַשיידענע האַלטונג און זיין געלערזאַמקייט האָט שטאַרק אימפּאָנירט פיינבערג׳ן. ער באַטראַכט בערקמאַן ווי אַ צירונג פאַר יעדער באַוועגונג. קראַנק און איינזאַם איז בערקמאַן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין שווייץ אין 1936.

ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרבינדונגען איז פיינבערג׳ס לעבענסוועג ניט צונויפגעגאָסען געוואָרען מיטן אַנאַרכיזם נאָר מיט דער קלאוקמאַכער יוניאָן, מיט דער אינטערנעשאָנאַל און מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָן צווייפעל, אייגענשאַפטען פון אַנאַרכיסטישער דערציהונג האָבען זיך אָבגעזעצט אין פיינבערג׳ס גייסטיגען באַגאַזש און האָבען באַפאַרבט זיין ווייטערדיגע אויפפירונג. אָבער בכלל גענומען, איז יעדער בלאַט פון זיין לעבען ענג צונויפגעבונדען מיט׳ן גורל פון די קלאָוקמאַכער. פיינבערג און די קלאָוקמאַכער, פיינבערג און די אינטערנעשאָנאַל זיינען באמת ניט צוטיילבאַר.

זיבעטער קאַפּיטעל.

די אָפּטע קריזיסען אין דער יוניאָן. — די באַמיהונגען צו רעפאָרמירען דעם „פּראָטאָקאָל.” — די סולקעס פּראָוואָקאַציע. — געהילף צו ב. שלעזינגער אין דזשאָינט באָארד. — דער לאָק־אַוט אין 1916. — די הערלאַכע האַלטונג פון די סטרייקער. — די פריינדלאַכע עפענטלאַכע מיינונג. — וואָס פיינבערג האָט ניט געזעהן אין ענגלאַנד. — באַקענט זיך נעהענטער מיט אַמעריקאַ. — אידישע אַמעריקאַ מאַכט אים באַוואוסטזיניג איבער אידישע פּראָבלעמען.

רייפקייט.

אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען צו אַ לאַנגען לעבען קענען ניט זיך אויסבעהאַלטען ערגעץ־וואו אונטער אַ דאַך, אויסצומיידען שטורעמס פון דרויסען און פון אינעווייניג. זייער וועג צו רייפקייט און שטאַנדהאַפטיגקייט ליגט איבער אַ סך שטיינער און שטרויכלונגען. זייער אַנטוויקלונג איז ניט אין אַ גלייכער ליניע, נאָר איבערגעהאַקט פון אַרויפ׳ס און אַרונטער׳ס. מאָמענטען פון דערגרייכונגען און מאָמענטען פון קריזיס קייקלען זיך איינע נאָך די אַנדערע. עס דויערט אַ לייגערע צייט, ביז דרויסענדיגע און אינעווייניגסטע קאָנפליקטען ווערען באַזייטיגט און דער גאַנג פאָראויס איז באַפרייט פון אַזעלכע קאַנוואולסיווע־אויפטרייסלונגען, וואָס פּאַראַליזירען וואוקס און פּראָגרעס.

אויב עס איז זעלטען צו געפינען גרויסע טרייד יוניאָנס וועלכע האָבען ניט דורכגעמאַכט אַ פיינלאַכען פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, קען מען אָן איבערטרייב זאָגען אַז די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז באַלאָדען געווען מיט צענפאַכער פיינלאַכקייט. אָט די יוניאָן אויף וועמען עס איז אויסגעפאַלען די היסטאָרישע ראָלע אויסצוטרעטען אַ וועג צו נייע דערגרייכונגען פאַר אַ סך אימיגראַנטישע און ניט אימיגראַנטישע יוניאָנס, האָט איבערגעלעבט אַ שטורמישע געשיכטע וואָס האָט וואַרשיינלאַך ניט קיין גלייכען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג פון אונזער לאַנד.

פירער קומען און פירער גייען.

אין די גלגולים וואָס האָבען זיך געצויגען, מיט קליינע איבעררייסונגען פון 1912 ביז דעם קריזיס אָנהויב די דרייסיגער יאָרען, זיי־

נען רעפּוטאַציעס געמאַכט געוואָרען און רעפּוטאַציעס זיינען צורונען געוואָרען. אַ מענש ווערט דערקענט אין אַ קריזיס, ניט אין אַ גע־ווינלאַכער נאָרמאַלער צייט; און קריזיסען זיינען געווען גאַנץ אָפטע געסט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן; במילא זיינען פירער און טוער אַרויף און אַרונטער. און פּונקט ווי די אָרגאַניזאַציע האָט דורך איר אויסערגעוויינלאַכע לעבענס־פעאיגקייטען בשלום דורכגעטראָגען אַלע דרויסענדיגע און אינערלאַכע צוזאַמענשטויסען, אַזוי איז געשעהן מיט אירע פירער און טוער. די יעניגע וועלכע האָבען פאַרמאָגט אינערלאַכען כוח, אויסדויער, איבערגעבענקייט און גלויבען אין די קלאָוקמאַכער, האָבען סוף כל סוף באַהערשט אַלע שטערונגען און ריי־בונגען ווי שווער זיי זיינען ניט געווען. די וועלכע האָבען די אייגענ־שאַפטען ניט פאַרמאָגט, זיינען פאַרבליבען אין דרויסען.

אין די אַלע קריזיסען, קלענערע און גרעסערע איז פיינבערג, מיט קנאַפּע אויסנאַמען, שוין געווען אַן אָנטיילנעמער. זיין פּלאַץ אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אויסגעברייטערט געוואָרען. צוזאַ־מען מיט דער אונפאַרמיידלאַכער דערפאַרונג וואָס די ענערגישע טע־טיגקייט אין דער יוניאָן האָט אים געבראַכט, איז אויך געשטיגען זיין באַקאַנטשאַפט מיט די קאָמפּליצירטע סאָציאַלע באַדינגונגען פון אַמעריקאַ. זיין אָנטייל אין די באַוועגונגען וואָס שטרעבען צו ענדערען אָט די באַדינגונגען און זיי צו פאַרקירעווען אין דער ריכטונג פון וואוילזיין פאַר דער מערהייט פון פאָלק, איז געוואַקסען.

אין די עטלאַכע יאָרען פון דעם „פּראָטאָקאָל” האָט די דזשאָינט באָארד געהאַט אַ היבשע צאָל הויפּט באַאַמטע: ס. פּאָליאַקאָף, דזשאָן דייטש, אב. ביזנא, דזשאָרדזש ווישניאַק, דר. הורוויטש, סידני הילמאַן, ב. שלעזינגער און מ. זיגמאַן. די באַלעבאַטים האָבען קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט און אָנגעוואָרפען די יוניאָן טראָבעל נאָך טראָבעל.

די טראָציגקייט פון די בעליבאַטים.

דער קאַמף אַרום דר. הורוויטש האָט געהאָלפען אַרויסצוברייג־גען די שוואַכערע פונקטען פון „פּראָטאָקאָל” און פון זיין מאַשינע־ריע. אַ קאַמף איז אויסגעוואַקסען אַרום דעם באַרימטען „הייער און פייער” (אָנשטעלען אַן אַרבעטער און אים ענטזאָגען). אַ יוניאָן וואָס פאַרמאָגט ניט קיין דעה ווייניגסטען איבער די אנטזאָגונג פון אַן אַרבעטער, פאַרמאָגט בכלל ווייניג באַדייטונג און לעבענס־באַרעכ־טיגונג. די באַלעבאַטים דערמונטערט פון קריזיס אין דער יוניאָן

און קריגעריש צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד, האָבען ניט אויסגעלאָזט קיין געלעגענהייט צו פּראָוואָצירען די יוניאָן צו דראַסטישע אַרויסטרעטונגען. זיי האָבען געהאָפּט אַז אַזעלכע האַנדלונגען וועלען נאָך שטאַרקער זי אָפּשוואַכען און אפשר טאַקע זי אומברייינגען.

די יוניאָן באַוואוסטזיניג איבער אירע ניט קאָנסאָלידירטע פּאָזיציעס און איבער די ניט גינסטיגע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, האָט געזוכט אויסצומיידען אַ פאַרמעסטונג פון כוחות מיט די באַלעבאַטים. ב. שלעזינגער, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל זינט 1914, האָט אין 1915 פאָרגעשלאָגען אַן אומפּאַרטייאישע קאָמיטע אונטער דער פירערשאַפט פון לואיס ד. בראַנדיס אָדער מעיאָר מיטשעל אויסצוגלייכען די סכסוכים. די באַלעבאַטים, אין דעם גלויבען אַז זיי האָבען צוגעשפּאַרט די יוניאָן צום וואַנד, האָבען דעם פאָרשלאָג ניט געוואָלט אָננעמען. שלעזינגער מיט דער נאָהענטער הילף פון מאָריס הילקוויט איז געלונגען ווידער צו פאַראינטערעסירען פּראָמינענטע געזעלשאַפטלאַכע טוער; אַזעלכע מענשען ווי דזשייקאָב שיף, לואיס ד. בראַנדייס, אָסקאַר שטרויס, דר. י. ל. מאַגנעס א. א. האָבען זיך אַריינגעמישט אויף דער זייט פון דער יוניאָן. שלעזינגער'ס פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. מעיאָר מיטשעל האָט באַשטימט אַ „קאָונסיל אָוו. קאָנסיליאיישאָן" (ראַט פאַר פאַרמיטלונג און אויסגלייכונג) צו שליכטען דעם סכסוך. דער קאָונסיל איז באַשטאַנען פון אַזעלכע אָנגעזעהענע בירגער: לואיס ד. בראַנדייס, דר. פעליקס אַדלער, הויפּט פון דער געזעלשאַפט פאַר עטישע קולטור; פּראָפעסאָר קירטשוועי, אַ באַוואוסטער ליבעראַל; האַמילטאָן האָלט, רעדאַקטאָר פון „אינדע־פּענדענט", הענרי ברוער, באַנקיר, און טש. ל. בערנהיימער, אַ פּראָ־מינענטער מיטגליד פון ניו־יאָרק טשיימבער אָוו. קאָמערס. אין יענער צייט איז מאָריס הילקוויט שוין געווען דער הויפּט ראַטגעבער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. זיין אָנטייל אין אויספורמען די יוניאָנס ליניע און זיין איינפלוס, איז נאָכאַנאַנד געשטיגען, ביז זיין טויט אין 1933.

דער אויסגלייך־קאָמיטעט האָט פּרובירט צו לייגען נייע לאַטעס אויף דעם צוריסענעם מלבוש פון „פּראָטאָקאָל". די לאַטעס האָבען זיך לאַנג ניט געהאַלטען. אַ פאַרמעסטונג פון כוחות האָט זיך אָנגע־רוקט. די פאַרמעסטונג האָבען געקענט אויסמיידען בלויז די בעלי־בתים פון דער פּראָטעקטיוו־אַסאָסיאיישאָן; אָבער זיי האָבען עס ניט געוואָלט. די פירער פון דער אַסאָסיאיישאָן זיינען זיכער געווען אין זייער זיג, האָבען זיי געשטויסען צו אַן אַלגעמיינעם קאַמף.

די סולקעס פּראָוואָקאַציע און די מאָרד קלאגע.

נאָך איידער דער קריזיס אין די באַציהונגען מיט די באַלעבאַטים איז רייף געוואָרען צו אַן אָפיציעלען איבערייס, האָט די יוניאָן דורכ־געמאַכט די סולקעס־מאָרד־אָנקלאַגע וואָס איז אין תוך געווען אַ פּראָוואָקאַציע געגען דער יוניאָן. אַזוי ווי די קלאַגע איז אָנגעקומען גלייך נאָכ'ן סוף פון דעם קאַמף אָרום דר. הורוויטש, מיט דער גרויסער ביטערקייט ווי אַ נאָכקלאַנג, האָט עס געקענט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן ערנסטער געפאַר. אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש; די יוניאָן איז אַרויסגעקומען בשלום פון דער פּראָוואָקאַציע און האָט נאָך פאַרשטאַרקט אירע רייען.

מאַקס סולקעס, אַ מיטגליד פון אַ פּריוואַטער דעטעקטיוו אַגענ־טור האָט פריהער געזוכט זיך אַריינצורייסען אין דער קלאָוקמאַכער סיטואַציע דורך אַן אייגענע, כלומר'שטער, יוניאָן. ער האָט אָרגאַ־ניזירט די „אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס אָוו די וואָרלד". סולקעס האָט געקראָגען שטיצע פון געוויסע באַלעבאַטים. זיין סקעב יוניאָן האָט קיין אָרענטלאַכע אַרבעטער ניט צוגעצויגען, איז זי דעריבער ניט געווען קיין באַזונדערע געפאַר. אָבער סולקעס האָט זיך ניט באַנוגענט מיט סקעבעריי. ווען אים איז געלונגען אָנצו־העצען דעם דיסטריקט אַטאַרני אויפצונעמען קלאַגעס פון מאָרד געגען זיבען יוניאָן טוער איז די זאַך געוואָרען ערנסט. די זיבען פאַר־קלאָגטע אין טויט פון אַ סטריק ברעכער, איינער לייבאָוויטש, זיינען געווען: מאָריס זיגמאַן, ס. מעץ, דזש. סטעפּניקער, דזש. וואָלף, א. וועדינגער, מ. זינגער און י. אשפּיז.

די יוניאָן האָט אַרויסגענומען די אָנגעקלאָגטע אויף בייל; און הילקוויט האָט דורך אַ געריכט פאַרבאָט צוגענומען פון סולקעס דאָס רעכט צו באַנוצען דעם נאָמען אינטערנעשאָנאַל אויף זיין געשעפטל. געוויסע צייטונגען אָבער האָבען דערוויילן אויפגעכאַפּט די מאָרד קלאַגע און אויפגעשפּילט אַן אַנטי־יוניאָן סענטימענט. עס האָט געהאַלטען דערביי אַז פיינדלאַכע עפענטלאַכע מיינונג זאָל געשאַפען ווערן געגען די אָנגעקלאָגטע ערב זייער פּראָצעס.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבען סעפּטעמבער דעם 23־טען, 1915 און האָט זיך געצויגען ביז אָקטאָבער דעם 8־טען, דעמזעלבען יאָר. דער יוניאָן האָט דאָס געקאָסט אַ סך געלד־מיטלען. הילקוויט און די אַנדערע פאַרטיידיגער איז געלונגען אויפצודעקען דעם „פריים אָפּ" (פאַרשווערונג) פון דער קלאַגע און די אָנגעקלאָגטע זיינען באַפרייט געוואָרען.

אין אַמט און צוריק אין שאַפּ.

אין 1914, איז פיינבערג אויף אַ קורצער צייט געוואָרען אַ באַאַמ־טער פון דזשאָינט באָארד. שלעזינגער, איז נאָך דר. הורוויטשעס רעזיגנאַציע, איינגעלאַדן געווארען צו ווערן דזשענעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד. די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געווען די גרעס־טע און וויכטיגסטע אָרגאַניזאַציע פון דער אינטערנעשאָנאַל; איר פונדאַמענט און רוקען ביין אין דער זעלבער צייט. שלעזינגער האָט דעריבער אָנגענומען די איינלאַדונג. אַזוי וויכטיג איז געווען צו פאַרזוכען צו באַרוהיגען די אויפגערעגטע געמיטער נאָך דער אויפ־טרייסלונג אַרום דר .הורוויטש.

שלעזינגער האָט אָנגענומען דעם אַמט מיט דער באַדינגונג, אַז פיינבערג זאָל ווערען זיין אַסיסטענט. פאַר פיינבערג'ן איז דאָס געווען אַ קוואַל פון טרייד יוניאָן דערפאַרונג ווי אויך אַ גרינדלאַכערע באַקאַנטשאַפט מיט די לאָקאַלס און מיט אָנגעלעגענהייטען פון דער דזשאָינט באָארד. פיינבערג איז שוין דענסמאָל באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ פראַקטישען טוער און טאַקטישער מענש. שלעזינגער האָט אָבער שפּעטער אַביסעל, צוליב זיינע פליכטען ווי פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, געמוזט רעזיגנירען פון זיין אַמט אין דזשאָינט באָארד. צוזאַמען מיט אים האָט אויך רעזיגנירט זיין אַסיסטענט. פיינבערג איז אַוועק צוריק אין שאַפּ און זיך געזעצט באַ דער ניי־מאַשין.

דער לאָוק־אוט און גענעראַל סטרייק אין 1916

אַ געשעהעניש פון טיפער באַדייטונג פאַר פיינבערג'ן, איז געווען דער לאָוק־אוט און גענעראַל סטרייק אין 1916. פיינבערג האָט צום ערשטען מאָל געזעהן די קלאָוקמאַכער אויפן פיקעט לייך. ער איז געווען אַ רעדנער, און אים איז אויסגעקומען צו באַזוכען אַלע סטרייק האָלס און קומען אין ענגע באַרירונג מיט די סטרייקער. ער האָט צום ערשטען מאָל אויך דערזעהן דעם כח פון דער עפענטלאַכער מיינונג.

דער גענעראַל סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען ווי אַ לאָוק־אוט פון דער פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן, וועלכע האָט זיך פאַראייניגט מיט דער צווייטער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט־געבער, די יונאַיטעד אַסאָסי־איישאָן. די פירער פון די באַלעבאַטים האָבען באַוואוסטזיניג גע־

שטויסן צו אָן אָפענעם קאַמף מיט דער יוניאָן. זיי האָבען אָבער געמאַכט אַ טעות אין חשבון.

דער לאָקאַוט איז דערקלערט געוואָרען אַפּריל דעם 28־טען. 25 טויזענד קלאָוקמאַכער זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די שעפּער. פינף טאָג שפּעטער האָט די יוניאָן און די אינטערנעשאָנאַל געענט־פערט מיט אַ גענעראַל סטרייק. דערמיט האָבען זיי פּאַראַליזירט די פּלענער פון די באַלעבאַטים צו מאַכען די אַרבעט אין די שעפּער וועלכע זיינען ניט אין לאָק־אויט. העכער 50 טויזענד אַרבעטער פון צוויי טויזענד שעפּער זיינען פאַרוויקעלט געווען אין קאַמף.

דער גענעראַל סטרייק האָט געדויערט לייגגער און איז געווען אַ סך פאַרביטערטער ווי דער ערשטער גענעראַל סטרייק אין 1910. די באַלעבאַטים זיינען געווען פאַראייניגט און האָבען פאַרמאָגט אַ סך געלד־מיטלען. זיי האָבען זיך באַנוצט אויף אַ ברייטען שטייגער מיט געדונגענע שלעגער. די יוניאָן איז אויך געווען פאַראייניגט, אָבער אָן פינאַנצען פאַר אַזאַ ריזיגען סטרייק. דערפאַר האָט די יוניאָן געהאַט אויף איר זייט די גאַנצע עפענטלאַכע מיינונג פון שטאָדט. ניט בלויז די אַלטע פריינד, ווי דער פאָרווערטס, דער אַרבעטער רינג און די געווערקשאַפטען, אַפילו אַזאַ קאָנסערוואַטיווע צייטונג ווי די „ניו־יאָרק טיימז” איז אַרויסגעטראָטען געגען די פאַבריקאַנטען פאַר זייער ברעכען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך, בלויז דערפאַר וואָס אַן אומפּאַרטיי־אישע קאָמיטע האָט אַרויסגעטראָגען אַן ענטשיידונג וואָס זיי געפעלט ניט.

פּראָמינענטע מענטשן האָבן געהאָלפן שאַפן פאָנדן פאַר די סטרייקער. צוליב דער פריינדלאַכער עפנטלאַכער מיינונג זיינען אויסגעמידען געוואָרן מאַסן־אַרעסטן פון די סטרייקער. פאַר דער יוניאָן האָט דאָס, צווישן אַנדערע זאַכן, געמיינט אַ פאַרלייכטערונג פון דעם פינאַנציעלן לאַסט וואָס אַזוינע אַרעסטן פאַראורזאַכן. די הויפּטשטיצע איז פאָרט געקומען פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

הערלאַכע האַלטונג פון סטרייקער.

פיינבערג געדיינקט גוט די וואונדערלאַכע האַלטונג פון די סטרייקער, זייער איניציאַטיווע און זייער דיסציפּלין. איינמאָל אין אַ פינצטערן פרימאָרגן, איז ער צוגעקומען צו אַ שאַפּ אויף דער 24־טער גאַס, אַנטקעגן דעם מעדיסאָן־פּאַרק, צו זען צו דער באַ־שלוס פון דעם שאַפּ מיטינג מיט אַ טאָג פריער ווערט דורכגעפירט. דער באַשלוס איז געווען פאַראורזאַכט פון אַ קלאַנג אַז דער באָס

האָט געקראָגען עטלאַכע סטרייק ברעכער. אין גרויען ליכט האָט ער געזעהן אַלע אַרבעטער פון שאָפּ פאַרזאַמעלט אין אַ געדיכטער פּיקעט ליין. די שאָפּ־קאַמיטע האָט ניט געקענט פיינבערג׳ן פערזענלאַך. ער האָט געמוזט ווייזען זיינע קרעדענשעלס כדי צו קענען שטעהן לעבען שאָפּ. אויסגעלאָזט האָט זיך אַז דער קלאַנג איז געווען אומ־באַגרינדעט. אָבער דער באַשלוס צו פּיקעטען דעם שאָפּ אַ גאַנצע נאַכט איז שטריינג דורכגעפירט געוואָרען פון אַלע סטרייקער.

די פאַרביטערטקייט פון סטרייק האָט געשטאַמט פון קלאָרען באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז אַ מלחמה פאַר דער סאַמער עקזיס־טענץ פון דער יוניאַן און ניט בלויז פאַר אַ רעוויזיע פון „פּראָטאָ־קאָל״. די סטרייקער האָבען געוואוסט אַז אין קאַן שטעהט די אויפ־האַלטונג און אויסשפּרייטונג פון זייערע דערגרייכונגען, אויב זיי פאַרלירען, וועלען זיי צוריק־געטריבען ווערען צו די טרויעריגע צייטען פון יאָר 1910. דאָס זעלבע האָבען געוואוסט די באַלעבאַטים. דערמיט דערקלערט זיך זייער איינגעשפּאַרטקייט.

די הערלאַכע האַלטונג פון די סטרייקער און זייער אויסדויער, ניט געקוקט אויף מאַטעריעלער נויט, די טיכטיקע סטרייק מאַשינעריע און די פריינדלאַכקייט פון דער עפענטלאַכער מיינונג, האָבען סוף כל סוף געווירקט. די עקשנות פון די באַלעבאַטים איז געבראָכען געוואָרען. זייערע פּלענער זיינען צונישט געוואָרען. ווידעראַמאָל איז סעמועל גאָמפּערס געוואָרען דער פאַרזיצער פון די פאַרהאַנדלונגען. דעם פערטען אויגוסט איז אונטערגעשריבען געוואָרען אַ נייער אָפּמאַך. די קלאָוקמאַכער האָבען באַקומען אַ העכערונג אויף די פאַרדינסטען, אַ 49 שטונדען־אַרבעטס־וואָך; דאָס רעכט פון שאָפּ־סטרייקס, אויב דער אַרבעט־געבער פאַרלעצט דעם אָפּמאַך און די פאַרמיטלונג אַרבעט ניט אין פאַרלויף פון די ערשטע 24 שטונדען. דער עיקר: די קלאָוקמאַכער יוניאָן, דער אינסטרומענט פון שוץ און פאַרשריט פאַר די אַרבעטער איז געראַטעוועט געוואָרען.

פיינבערג האָט ניט באַגעגענט אין ענגלאַנד די „אינסטיטוציע״ פון פּראָפעסיאָנעלע „שלעגער״ וואָס ווערט געוואָרפען געגען סטריי־קער. אַזאַ זאַך האָט אים טיעף אויפגעבראַכט. גלייכצייטיג האָט ער דערזעהן אין דער נייער לאַנד אויך די צווייטע זייט פון דער מטבעה — די געשלאָסענע רייען פון די אַרבעטער און דער עפעקטיווער כח פון אַ ליבעראַלער עפענטלאַכער מיינונג וואָס קומט זיי צו הילף. דאָס האָט געמוזט הויבען די מערכה פון אַמעריקאַ אין זיינע אויגען.

באַקענט זיך נעהנטער מיט אַמעריקא.

זיין אַנטייל אין דער יוניאָן און זיין ענגערע באַרירונג מיט דער אַמעריקאַנער ווירקלאַכקייט האָט באַוועגן פיינבערג׳ן ביסלאַכ־ ווייז צו דערזעהן די גינסטיגע שטריכען וואָס אַמעריקא פאַרמאָגט. ער איז נאָך אַלץ געווען צוטרייסעלט פון געוויסע טונקעלע אייגענ־ שאַפטען וואָס זיינען (אַזוי האָט זיך אים געדאַכט), איינגעבאָרען אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער סטרוקטור פון אָט דער טומעלדיגער, אימ־ פּעדיגער לאַנד. אַזוי צום ביישפּיל קען ער ניט פאַרגעסען אַ טשי־ קאַווען פאַל.

אין 1916, ווען מייער לאַנדאָן איז געלאָפען צום קאָנגרעס, איז ער געווען אַ „וואטשער" (אַן אויפזעהר פון אַ פּאַרטיי). די טעמעני לייט האָבען אָן צערעמאָניעס אים אַרויסגעוואָרפען ווען ער האָט אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען געגען פרעכע אונרעגעלמעסיגקייטען באַ ציילען די שטימען. פיינבערג האָט זיך געווענדעט צום פּאָליס־ מאַן וואָס געפינט זיך אין יעדען שטים־פּלאַץ אַכטונג צו געבען אַז אַלצדינג זאָל צוגעהן אין אָרדנונג. דער פּאָליסמאַן האָט זיך געמאַכט בלינד און שטום. אין אויפרעגונג איז פיינבערג אַריינגעלאָפען אין אַ טעלעפאָן שטיבעל און אָפּגערופען מאַקס לעווין, אַ לאָיער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אָבער יענער האָט גאַנץ קיל אים געענטפערט:

— היינט בין איך ניט דער לאָיער פון דער יוניאָן, היינט בין איך אַ מיטגליד פון טעמעני האָל".

פיינבערג איז פאַרבליבען אין דרויסען פון דעם שטים פּלאַץ.

דער שטאַרקער רושם פון דער אידישער אַמעריקא.

דאָס אידישע אַמעריקא האָט אויף פיינבערג׳ן געמאַכט אַ קאָלאָ־ סאַלען רושם. דער קאָכיגער, קאָלירפולער מיליאָניגער אידישער ישוב האָט אים באַווירקט מיט זיין הייסען געזעלשאַפטלאַכען לעבען. אין ענגלאַנד האָט ער אַזוינס ניט געקענט זעהן. צום ערשטען מאָל איז פיינבערג געוואָרען צוגעצויגען צו אידישע אָרגאַניזאַציעס און איז געוואָרען באַוואוסטזיניג איבער אידישע פּראָבלעמען. די פיינד־ לאַכקייט פון דער אָפיציעלער אַרבעטער באַוועגונג צו אימיגראַציע האָט אַריינגעוואָרפען געוואָרען. אַ טייל פון זיי האָבען זיך דערשלאָגען, איינגעוואַנדערטע און די איבעריגע אימיגראַנטען גרופּעס האָבען בייגעשטייערט אַזוי פיל צו אַמעריקאַ בכלל און טאַקע צו איר אַרבע־ טער באַוועגונג בפרט, אַז באַ פיינבערג׳ן אין קאָפּ האָט זיך ניט

פּאַטופּעט די אומפּריינדלאַכע האַלטונג פון דער א. פ. אָוו. ל. צו קונפּטיקע אָדער פּאָטענציעלע אימיגראַנטען.

פיינבערג האָט צוגעזעהן ווי אינדוסטריעס, וואו אימיגראַנטען שטעלען צונויף אַ מערהייט אָדער אַ באַדייטענדע מינדערהייט, ראַנגלען זיך געגען דעם נידעריגען לעבענס סטענדאַרד אין וועלכען זיי זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען. אַ טייל פון זיי האָבען זיך דערשלאָגען, דורך שווערער אָנשטריינגונג און קאָמפּסלוסטיגקייט, באַדייטענדיגע דערגרייכונגען וואָס רוקען זיי אַרויס אין פאָדער־גרונד פון דער אַר־בעטער באַוועגונג. אמת, עס געפינען זיך אויך צווישען די אימיג־ראַנטען, צושטערערישע עלעמענטען. זיי זיינען אָבער ניט גרויס און זיי ווערען געשפּייזט אין אַ גרויסער מאָס, טאַקע פון דער האַרטקייט און האַרצלאָזיגקייט וואָס האָט געוועלטיגט, אין די אַמעריקאַנישע רייכע און איינפלוסרייכע קרייזען, אין די ערשטע צוויי צענדליג יאָר פון דעם יאָרהונדערט. בכלל גענומען איז דאָך דער בייטראָג פון דעם אימיגראַנט בולט און גרויס. ניטאָ קיין וואָגיגע אורזאַך פאַר אָפּאָזיציע צו אימיגראַציע. (די אָפּאָזיציע מצד דער א. פ. אָוו. ל. איז טאַקע נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, פאַרשוואונדען).

די חוצפּה און פאַרדאָרבענקייט פון די אָרטיגע פּאָליטישע מאַשי־נען. די קאַלטע ברוטאַליטעט און אומ׳ברחמנות׳דיגקייט פון די גרויסע קאָרפּאָריישאָנס האָט אים אָפּגעשטויסען. דערפאַר איז באַ אים אין געדאַנק געוואקסען די איבערצייגונג אַז אַמעריקאַ פאַרמאָגט זעלטענע אייגענשאַפטען. אַמעריקע איז דער לעצטער אָפּשטעל פאַר דעם אימיגראַנט. פון אַמעריקאַ פאָרט מען ניט, אין אמע־ריקאַ פאַרבלייבט מען.

אין ענגלאַנד, ניט געקוקט אויף אירע מעלות, האָט דער אידי־שער אימיגראַנט, צו יענער צייט געהאַט אין זיין געדאַנק, אָדער אין זיין סוב־געדאַנק: — טאָמער ווערט שלעכט לאָזט ער זיך אין אַמע־ריקאַ. די מערסטע אימיגראַנטען האָבען טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער ווייטער פון אַמעריקאַ לאָזט מען זיך ניט. אין גוטע צייטען אָדער אין שלעכטע צייטען. דאָ בויט מען די היים פאַר זיך און פאַר די קינדער. דאָ וואָרצעלט מען זיך איין.

דאָס האָט פיינבערג געטאָן. דער פּראָצעס פון „אויסגרינען זיך" איז געווען פאַרענדיגט. ער האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין אַמעריקאַ.*

---

*) אין 1916 איז געבוירען געוואָרען זיין צווייטער זון, סידני.

אַכטער קאַפּיטעל.

די פאַרבעסערטע לאַגע אין דער יוניאָן דויערט ניט לאַנג. — די משה רובין אַפּערע. — פיינבערג שטעלט זיך געגען רובין. — די ריאָרגאַניזאַציע פון לאָקאַל איינס. — פיינבערג ווערט טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד. — דער סטרייק פאַר וואָך־אַרבעט אין 1919. — גענעראַל מענעדזשער אין 1920. — אַ יוניאָן אינדזשאַנקשאַן שטעלט אָפּ באַלעבאַטים. — מאָריס הילקוויט. — דאָס בויערען פון אינווייניג. — קאָמוניסטען זוכען אַריינצוקריגען די יוניאָן. — פיינבערג גלויבט ניט אין מעגלאַכקייט פון שלום, רעזיגנירט פון זיין אַמט. — דער שלים־מזל׳דיגער גענעראַל סטרייק אין 1926. — מ. זיגמאַן און די ריאָרגאַניזאַציע. — ב. שלעזינגער ווידער פּרעזידענט. — פיינבערג אין קענעדע פאַר אינטערנעשאָנאַל. — דובינסקי׳ס גרויסער אויפשטייג. — דער קריזיס.

אין שטורעם.

דער זיג אין 1916 האָט געשטאַרקט די יוניאָן און אַריינגעבראַכט מער סטאַביליזאַציע אין דער אינדוסטרי בכלל. די באַלעבאַטים האָבען אָנגעהויבען זיך צוגעוואוינען צו דער נייער סיטואַציע. אַ היבשער טייל פון זיי האָט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז די יוניאָן איז דער צווייטער צד אין דער אינדוסטריע און זי קען ניט איגנאָרירט ווערען.

אויך די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אַביסעל פאַרבעסערט. די „שטילע״ דעפּרעסיע איז פאַריבער. אין די שעפּער האָט זיך געמערט באַשעפטיגונג. די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט געקענט דערוואַרטען אַ פּעריאָדע פון פאַרהעלטניסמעסיגער רוהיגער אַנטוויקלונג, וואָס זי האָט טאַקע נויטיג געהאַט צו קאָנסאָלידירען אירע נייע געוואונענע פּאָזיציעס. קיין רוהיגער פּעריאָד איז אָבער ניט אָנגעקומען, פאַרקערט, נייע אויפטרייסלונגען האָבען זיך אָנגערוקט.

ווען מיר זאָגען אַז די באַלעבאַטים האָבען אָנגעהויבען שלום מאַכען מיטן געדאַנק פון אַ יוניאָן וואָס פונקציאָנירט טיכטיג אין דער אינדוסטריע, מיינט עס ניט צו באַהויפּטען אַז אינדוסטריעלע רייבונגען זיינען אויסגעמידען געוואָרען. דאָס וואָלט געווען אין יענער צייט אַ וואונדער און וואונדער פּאַסירען נאָר אין דער פאַנטאַזיע. עס האָט גענומען אַ סך מער יאָרען אַריינצוקלאַפּען אין די מוחות פון די קלאָוק באַלעבאַטים אַז די יוניאָן איז אַ וויכטיגער שותף וואָס

פאַרטרעט און פאַרטיידיגט די לעבענס אינטערעסען פון די אַרבע־טער אין די שעפּער.

אינדוסטריעלע רייבונגען, זיינען געווען, אַזוי צו זאָגען נאָרמאַל, אין זיי איז ניט געלעגען קיין געפאַר פאַר דער יוניאָן. די געפאַר האָט געלויערט פון אינערלאַכע אויפטרייסלונגען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, פאַרשידענער גרויס און אימפעט. פון אַ היסטאָרישען בליק קען מען מעגלאַך זאָגען, אַז אויך די אינערלאַכע אויפטרייס־לונגען זיינען געווען אומפאַרמיידלאַך, ווייל זיי זיינען אַרויסגע־וואקסען פון אַ רייע באַדינגונגען וואָס האָבען געשטאַמט פון דעם כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע, פון איר מענשען מאַטעריאַל, אָדער פון דרויסענדיגע באַדינגונגען, איבער וועלכע די יוניאָן האָט ניט געהאַט קיין דעה. אַט דעם אָביעקטיוו־געלאַסענער בליק קען מען האָבען איצט, יאָרען שפּעטער, נאָך די שטורמישע פּאַסירונגען; דענסמאָל אָבער איז שווער געווען זיך צו טרייסטען מיט אַזאַ זאַכ־לאַכען צוגאַנג.

בכלל זיינען מיינונג־אונטערשיידען צווישען די קלאָוקמאַכער אויסגעקעמפט געוואָרען הייס און ליידענשאַפטלאַך. אין יענע יאָרען האָט געפעלט אַ מער קילער צוגאַנג צו שטרייט פונקטען, אַלץ וואָס קלאָוקמאַכער האָבען געטאָן איז געווען מיט ברען און מיט היץ. יעדער שטרייט איז דאַריבער אויסגעוואקסען צו דעם פאַרנעם פון אַ היציגען קאַמף וואָס האָט צוטיילט די יוניאָן אין לאַגערן אָנגעפילט מיט ביטערקייט.

די משה רובין שפּאַלטונג.

די משה רובין שפּאַלטונג האָט זיך אָנגעהויבען גאַנץ קליין. אָבער שנעל האָט עס זיך צופלאַקערט אין אַ פייער. די ערשטע פונקען זיינען אַן צווייפעל געלעגען אין די איבערבלייבאַכצען פון דער דר. הורוויטש געשיכטע וואָס האָט איבערגעלאָזט געוויסע טיילען פון לאָקאַל איינס אומצופרידען. ווי אָפט אין אַזעלכע שטרייטען, איז דאָס ביסעל גערעכטע טענות גאַנץ שנעל דערטרונקען געוואָרען אין דעם קוואַל פון אומגעזונטע און געפערלאַכע פאָדערונגען וואָס די יוניאָן האָט ניט געטאָרט און ניט געקענט נאָכקומען.

משה רובין איז אין 1916 געוואָרען סעקרעטאַר פון לאָקאַל איינס, דער גרעסטער און וואָגיגסטער טייל פון דזשאָינט באָארד. רובין איז געווען און פאַרבליבען אַן אָנהיינגער פון דר. הורוויטש. ערגער פון דעם, איז געווען זיין כאַראַקטער. אַ יונגער מאַן פון ריזיגער

ענערגיע און אויפגעשרויפטע אַמביציעס, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ שאַרפע צונג. ער איז געווען אַ רעדנער וואָס האָט געקענט אָנצינדען אַ מאַסע מענשען. אין ענגליש רופט מען עס: „אַ ראַבעל־ראוזער". איינער וואָס קען מיטרייסען מענשען מיט זיך, שפּילענדיג אויף זייערע אינסטינקטען. רובין איז אויך געווען איינגעשפּאַרט און קריגעריש. קורץ, ער האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות פון איינעם, וואָס ווען ער קלייבט אויס אַ שעדלאַכען וועג, קען ער זיין זעהר געפערלאַך.

רובין און זיינע אָנהייגגער האָבען אויסגענוצט אַ געפיל וואָס האָט געהערשט צווישען די מיטגלידער און טוער פון לאָקאל איינס, אַז זיי באַקומען ניט די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט און דעה, צו וועלכער זייער לאָקאל איז באַרעכטיגט. אַן צווייפעל דאָס איז געווען די הער־שענדע מיינונג צווישען די טעטיגע אָפּערייטאָרס. אָט די שטימונג פון אומצופרידענקייט האָט רובין קונציג אויפגעשפּילט און אויסגעפּע־דעמט דערפון אַ פּראָגראַם וואָס אויב דורכגעפירט וואָלט אומפאַר־מיידלאַך געפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער יוניאָן. באַ רובין האָט אָבער דער קאַמף געהייסען אַ שריט פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר דער אויטאָנאָמע־רעכט פון יעדען לאָקאל אין דער דזשאָינט באָארד.

שפּאַלטונג אונטער דער מאַסקע פון דעמאָקראַטיע.

צווישען רובינס פאָדערונגען איז געווען אַ פּונקט, אַז יעדער לאָקאַל זאָל אויסקלייבען זעלבסט־שטענדיג זיינע ביזנעס אַגענטען און אַליין מיט זיי אָנצופירען. דאָס וואָלט געשאַפען אַ סיטואַציע אַז דער ביזנעס אַגענט זאָל זיין ניט אַ פאַרטרעטער פון דער גאַנצער יוניאָן, נאָר פון איין פאַך. אין די שעפּער וואָלט דאָס פאַראורזאַכט צושפּליטע־רונג און כאַאָס. ער האָט אויך געפאָדערט דאָס רעכט פון יעדען לאָקאל אַרויסצורופען זיינע מיטגלידער אין שאַפּ אַרויסצוגיין אין סטרייק. אַזעלכע פאַך־סטרייקס וואָלטען געווען נאָר אַ געפערלאַכער שריט אין דער ריכטונג פון צושפּליטערונג. רובין האָט אויך געפאָ־דערט אַז אין די שאַפּ־סטרייקס, וואו אַלע פאַכען זיינען אַריינגעצויגען, זאָלען די אויסגאַבען צוטיילט ווערען לויט די צאָל סטרייקער אין דעם באַטרעפענדיגען שאַפּ, און ניט לויט דער אַלגעמיינער צאָל מיטגלידער וואָס יעדער לאָקאל פאַרמאָגט. (ווי עס איז איינגעשטעלט געווען די גאַנצע צייט) בלויז צווי פון זיינע פאָדערונגען, פּראָפּאָר־ציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט אין דזשאָינט באָארד און די אָפּשאַפונג פון לאָקאל 17 ריפער מאַכער האָבען פאַרמאָגט וואָג הינטער זיך. די טוער פון לאָקאל איינס האָבען באַטראַכט די לעצטע צווי פּונקטען

פון גרויס באַדייטונג. די איבעריגע פאַדערונגען אָבער וואָלטען אומ־פאַרמיידלאַך געפירט דערצו אַז יעדער לאָקאַל זאָל ווערען אַן אָבגע־זונדערטע יוניאָן.

רובין האָט געהאַט אויף זיין זייט אַ היבשען טייל פון דער עקזעקוטיוו באָארד און באַדייטענדיגע טיילען פון דער מיטגלידער־שאַפט וואָס זיינען היפּנאָטיזירט געוואָרען פון זיינע דעמאַגאָגישע און היסטערישע געשרייען געגען ביוראָקראַטיזם און פאַר דאָס רעכט פון די מיטגלידער. רובין, אַליין מיטגעריסען פון זיין היס־טעריע, האָט דורכגעפירט שריט וואָס האָט פּאַקטיש אָפּגעריסען דעם לאָקאַל פון דער גאַנצער יוניאָן. פּרעזידענט שלעזינגער׳ס ווענדונגען און בקשות האָבען ניט געהאָלפען. רובין האָט געבראַכט אב. ביזנאָ פון שיקאַגאָ. ביזנאָ איז אָבער שנעל אַוועק. רובין האָט דאָס מאָל איינ־געלאַדען דר. הורוויטש ווי דער הויפּט ראַט־געבער, אוןביידע האָבען געקערעוועט דעם לאָקאַל אין דער ריכטונג פון אַן אָפּגעזונדערטער יוניאָן. די לאַגע איז געוואָרען צו געפערלאַך. דער גאַנצער אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים איז געשטעלט געוואָרען אין סכנה צוליב רובינס איינזייטיגער האַנדלונג. זיין לאָקאַל האָט גערופען סטרייקס פון די אָפּערייטאָרס, ניט מעלדענדיג אַפילו צום דזשאָינט באָארד און צו דעם דזשענעראַל מענעדזשער, מאָריס זיגמאַן. ער האָט אויך איבער־געלאָזט די אָפּערייטאָרס אַרבעטען, ווען די איבעריגע פאַכען האָבען געסטרייקט...

פיינבערג באַקעמפט שפּאַלטער, ווערט טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד.

אין דעם פאַרביסענעם קאַמף וואָס האָט פאַרברענט אַ סך צייט און געקאָסט אַ סך ענערגיע, איז פיינבערג געשטאַנען פון סאַמע אָנהויב מיט דער אינטערנעשאָנאַל און מיט דער דזשאָינט באָארד. פון דער נאַטור אַ רעבעל, האָט פיינבערג שוין געהאַט גענוג דער־פאַרונג און באַקאַנטשאַפט מיט דער לאַגע ניט איינצוזעהן וואָס עס שטעקט הינטער דעם כלומרשטען קאַמף פאַר „דאָס רעכט" פון זיין לאָקאַל. פיינבערג האָט גענומען אַ טיכטיגען אָנטייל אין דער רע־אָרגאַניזירונג פון דעם לאָקאַל וואָס די אינטערנעשאָנאַל איז געווען געצוואונגען דורכצופירען. ער האָט דאָס באַטראַכט ווי אַן אומפאַר־מיידלאַכע אָפּעראַציע צו ראַטעווען די יוניאָן.

ווען די ריאָרגאַניזאַציע איז דורכגעפירט געוואָרען, איז פיינ־בערג אַריין אין דער נייער עקזעקוטיוו באָארד, איז געשיקט געוואָרען

צום דזשאָינט באָארד און איז אויסגעקליבען געוואָרען טשערמאַן פון דעם דזשאָינט באָארד. זיין נייער אַמט האָט אים געבראַכט אין ענגער באַרירונג מיט מאָריס זיגמאַן. פיינבערג באַטראַכט זיגמאַנ'ען ווי אַ קאָלירפולער, אינטערעסאַנטער פערזענלאַכקייט. איינער פון די גע־ציילטע גרעסערע פיגורען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. אָט די מיינונג איז ניט געבויט דוקא אויף דער איינשטימיגקייט וואָס האָט געהערשט צווישען די צוויי. געווען פאַלען ווען זיי זיינען זיך צוגאַנגען אין זייערע מיינונגען.

רובין האָט פּרובירט, נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע, צו שאַפען אַן אייגענע יוניאָן פון קלאָוקמאַכער אונטער דעם נאָמען: „אַמאַלגאַ־מייטעד קלאָוקמאַכער אָוו ניו־יאָרק". רובין און זיינע אָנהייענגער האָבען געזוכט צו פאַרוואַנדלען אָט די נייע באַשעפעניש אין „אַ יוניאָן" פון אַלע קלאָוקמאַכער; נאָר פון זייערע באַמיהונגען איז אַרויסגעקומען אַ טויט קינד.

דער רעאָרגאַניזירטער לאָקאַל איז שנעל געקומען צו זיך. אין זיין באַריכט צו דער 14־טער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָ־נאַל, מאַי 1918, אַכט מאָנאַטען נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע, האָט דער לאָקאַל שוין אָנגעגעבען אַכט טויזענד זעקס הונדערט מיטגלידער און אַ פאַרמעגען פון 20 טויזענד דאָלאַר.

די באַוועגונג פאַר וואָך אַרבעט.

אין יענער צייט איז רייף געוואָרען די באַוועגונג פאַר וואָך־אַרבעט. אַרום 80 פּראָצענט פון אַלע קלאָוקמאַכער האָבען געאַרבעט פון שטיק. בלויז די פּרעסערס און די קאַטערס האָבען ווי גאַנצע פאַכען געהאַט איינגעפירט וואָך־אַרבעט. פיינבערג און מאָריס זיגמאַן זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג פאַר וואָך־אַרבעט. פיינבערג איז אַרויסגעטרעטען הויפּטזעכלאַך צוליב ריין מענשלאַכע מאָטיווען. שטיק אַרבעט פאַרמאַטערט דעם אַרבעטער. צווינגט אים זיך צו יאָגען, כדי אָנצוהאַלטען זיין פאַרדינסט; דאָס רופט אַרויס אַ געיעג נאָך דעם „באַנדעל". וואָך אַרבעט ווידער, סטאַביליזירט די לאַגע אין שאַפּ און נאָרמאַליזירט די אָנשטריינגונגען פון דעם בעל־מלאכה.

זיגמאַן האָט געשטיצט די באַוועגונג צוליב זיין דערפאַרונג אין לאָקאַל 35. די פּרעסער האָבען געאַרבעט פון דער וואָך און זיינען געווען צופרידען. דער פאַרלאַנג פון וואָך אַרבעט האָט זיך אָנגע־שטויסען אויף אַ היבשער ביסעל געגנערשאַפט אפילו אין פיינבערגס

לאָקאל. ב. שלעזינגער איז געווען אַ שטייפער געגנער פון וואָך־אַרבעט. נאָך אַ היציגער דיסקוסיע אויף דער קאָנווענשאָן אין באָס־טאָן איז די רעזאָלוציע פאַר וואָך־אַרבעט דורכגעגאַנגען.

אַזאַ ענדערונג אין דעם סיסטעם פון אַרבעט האָט געפאָדערט לויט דעם אָפּמאַך די צושטימונג פון די באַלעבאַטים. זיי האָבען עס אַנטזאָגט. די יוניאָן האָט אין מאַי 1919 אַרויסגערופען אַ גענעראַל סטרייק. די הויפּט פאָדערונג איז געווען וואָך־אַרבעט. צוליב דער נאָך־מלחמה פּראָספּעריטי און דעם מאַנגעל אין אַרבעטער, איז דער סטרייק געווען אַ קורצער. די יוניאָן האָט געוואונען איר פאָדערונג. וואָך־אַרבעט איז איינגעפירט געוואָרן אין דער אינדוסטריע. די אַרבעט־וואָך איז פאַרקירצט געוואָרען פון 49 שטונדען אויף 44 שטונדען. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען אַ קורצער קאָנסטרוקטיווער פּעריאָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטען ביז 1921. לואיס לאַנגער איז דענסמאָל געווען סעקרעטאַר פון דער דזשאָינט באָארד און פּה. קאַפּלאָוויטש — סעקרעטער־טרעזשורער.

##ווערט גענעראַל מענעדזשער פון דער יוניאָן.

אין פיינבערגס לעבען איז אַריינגעטראָטען אַ באַדייטענדע ענדע־רונג. אין דעם לאַנגען פאַרלויף פון זיין טעטיגקייט אין דער יוניאָן איז ער מיט זייער אַ קנאַפּען איבערייס *) געווען אַן אַרבעטער אין שאַפּ. צו זיין באַלאדען מיט יוניאָן טעטיגקייט און מיט געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט איז ניט קיין גרויס מעלה אין דער טעגלאַכער אויפגאַבע צו מאַכען אַ לעבען. מיטינגען האָבען אַ טבע: זיי שלינגען איין איי־נעם'ס כח אינאיינעם מיט זיין צייט. נאָר דאָס איז קיינמאָל ניט געווען באַ אים אַ שטערונג צו דערפילען זיינע געזעלשאַפטלאַכע פליכטען.

אין 1920 האָט מאָריס זיגמאַן רעזיגנירט פון זיין אַמט ווי גע־נעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד. פיינבערג איז דערווײלט געוואָרען צו דעם העכסטען אַמט. אָט דער מאָמענט איז געוואָרען אַ וויכטיגער צייט־אָפּשניט אין פיינבערג'ס לעבען. אינגאַנצען קיין רוהיגע צייט האָט אין דער יוניאָן קיינמאָל ניט געהערשט; בכלל ווייסט ניט קיין יוניאָן פון אינגאַנצען רוהיגע צייטען. ווי אַ לעבעדיגע,

*) אין 1915 איז ער געווען מענעדזשער פון לאָקאל 64 באָטאנהאָל מאַכער יוניאָן.

רירעוודיגע אָרגאַניזאַציע פעלט ניט קיין יוניאָן פּראָבלעמען און זאָרג. פיינבערג האָט אין די פינף יאָרען פון זיין אַמט געהאַט איבערגענוג פוןביידע זאַכען.

די פריהערדיגע עטלאַכע בעסערע יאָרען האָבען געקרעפטיגט די יוניאָן. עס איז מעגלאַך געוואָרען איינצופירען געוויסע רעפאָרמעס אין דער אינערלאַכער פאַרוואַלטונג פון דער יוניאָן. אין 1921 אָבער, איז אַריינגעטראָטען די נאָך־מלחמה דעפּרעסיע. אַרבעטס־געבער אין לאַנד זיינען דערמוטיגט געוואָרען אָנצוהויבען אַן אָפענסיווע געגען די יוניאָנס און געגען דעם לעבענס סטענדאַרד פון זייערע אַרבעטער. אַזוי האָבען די באַלעבאַטים אָבגעדאַנקט די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַר זייער פּאַטריאָטיזם און קרבנות אין צייט פון דער מלחמה.

די קאַמפּאַניע געגען די יוניאָנס, באַקאַנט אונטער דעם געשיק־טען נאָמען: „אַמעריקען פּלען", האָט זיך אָנגעהויבען פון דער זוניגער קאַליפאָרניא און האָט דערגרייכט די אַטלאַנטישע שטאַאַטען. די קלאָוק פאַבריקאַנטען האָבען זיך פאַרקוקט אויף דעם „פיינעם"ביישפּיל און האָבען באַשלאָסען צוריק איינצופירען שטיק־אַרבעט. זיי האָבען אויך פאַררופען אין אַטלאַנטיק סיטי אַ נאַציאָנאַלע קאָנ־ווענשאָן פון קלאָוק אַרבעט־געבער. דאָרטען איז באַשלאָסען געוואָרען, ווי אַ צוגאָב צו שטיק אַרבעט, אויך צו שניידען די פאַרדינסטען און צו פאַרלענגערען די אַרבעט־וואָך ביז אַכט און פערציק שטונדען.

גענעראַל סטרייק און אינדזשאָנקשאָן.

די יוניאָן האָט געענטפערט מיט אַ רעפערענדום צווישן די קלאָוקמאַכער איבער אַ גענעראַל סטרייק. די אָפּשטימונג איז געווען אַ מעכטיגער אויסדרוק פון באַוואוסטזיין און אַנטשלאָסענקייט צו פאַר־טיידיגען געוואונענע פּאָזיציעס. 36,672 האָבען געשטימט פאַר אַ סטרייק און בלויז 162 געגען. אָבער ניט דער קרעפטיגער אַרויס־טרעט פון די אַרבעטער און ניט די אַריינמישונג פון פּראָמינענטע פּערזענלאַכקייטען האָט אָבגעהאַלטען די באַלעבאַטים. אין גראָבער פאַרלעצונג פון דעם אָפּמאַך, האָבען זיי באַשלאָסען צו בייטען די אַרבעט סיסטעם — פון וואָך אויף שטיק. די יוניאָן האָט געענטפערט מיט אַ גענעראַל סטרייק.

שווער צו זאָגען ווי לאַנג דער סטרייק וואָלט געדויערט. אַ נייער פאַקטאָר איז אַריינגעטראָטען. היללקוויט און אונטערמייער, די לאָיערס פון דער יוניאָן, און פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָבען באַ־שלאָסען אָנצולערנען די באַלעבאַטים און צו געבען זיי אַ טיי־לעפעלע

פון זייער אייגענער מעדיצין. זיי האָבען אַרויסגענומען אַ געריכט־אינדזשאַנקשאַן וואָס פאַרבאָט דער אַסאָסיאיישאַן צו פאַרברעכען דעם אָפמאַך. דעם 11־טען יאַנואַר 1922, איז דער אינדזשאַנקשאַן באַשטעטיגט געוואָרען פון סופרים קאָרט ריכטער, ראָבערט וואַגנער און איז געוואָרען אַ פערמאַנענטער. די באַלעבאַטים האָבען זיך געמוזט בויגען. דער סטרייק האָט אָבגעקאָסט דער יוניאָן אַ מיליאָן דאָלאַר. דער־פון איז זיבען הונדערט טויזענד דאָלאַר אַוועק אויף שטיצען די סטרייקער, וועלכע זיינען געבליבען אָן לעבענס מיטלען. ווי דער גענעראַל־מענעדזשער, האָט פיינבערג געהאַט אַן אָנפירענדיגע ראָלע אין דעם וויכטיגען קאַמף.

ערב דעם בירגער קריג.

אין 1923 איז די דעפּרעסיע געווען פאַריבער. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבען די קורצע פעריאָדע פון עקאָנאָמישער אויפלעבונג. באַקאַנט אונטער דעם איראָנישען נאָמען: „די קולידזש־הואווער פּראָספּעריטי”. די מערהייט עקאָנאָמיסטען און פּאָליטיקער האָבען דאַמאָלט געגלויבט אַז די גוטע צייט וועט אָנהאַלטען זייער לאַנג — אויב ניט שטענדיג. אויסגעלאָזט האָט זיך גאַנץ אַנדערש. אין 1929 איז געקומען דער קראַך, דער ערגסטער אין דער געשיכטע פון לאַנד. אָבער אין פאַרלויף פון די זעקס יאָר איז באַשעפטיגונג און פאַרדינסטען געשטאַנען אויף אַ צופרידענשטעלענדיגער הויך.

די קלאָוקמאַכער אָבער איז ניט אויסגעקומען זיך צו טונקען אין דער אַלגעמיינער פּראָספּעריטי. די אורזאַך איז געווען אַ שלעכטע אינערלאַכע לאַגע, אייגענטלאַך איז דאָס וואָרט, שלעכט, ניט דער פּאַסיגער נאָמען פאַר דעם צושטאַנד וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין דער יוניאָן און אין אַ היבשע צאָל אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס אויסער דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. ווי מאַטעריע אין קערפּער זאַמעלט זיך ביז וואַנען עס זעצט אַרויס אין אַן ערנסטער קראַנקייט, אַזוי איז דער אינערליכער קריזיס געוואַקסען מיט אימפּעט און שאַרפקייט ביז וואַנען די גרויסע פּרעכטיגע קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געלעגען אויסגעצויגען מיט גאַנצע גלידער אַרויסגעריסען פון איר.

אין די ראַמען פון דער ביאָגראַפיע גייט ניט אַריין אַן אָפּשאַצונג פון יענע טיף אָנגעווייטאָגטע טעג ווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געוואָרען די אַרענאַ פון אינערלאַכע אויפרייסען וואָס האָבען ניט זייער גלייכען אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער אַמעריקאַ. אפילו די געשיכטע פון דער יונאַיטעד מיין וואָרקערס וואָס איז אויך אָנגע־

פיקעווען מיט אינערלאַכע שטורמס ווייסט ניט פון די פאַרניכטענ־דיגע געשעהעענישען ווי די וועלכע זיינען באַפאַלען די קלאָוקמאַכער יוניאָן. עס איז יאָ נויטיג צו באַטאָנען: די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז געווען ניט מער די ערשטע באַזע פון וואַנען די אָנגרייפער האָבען געהאָפט צו מאַכען וויטערע אָנגרייפען אויף אַנדערע יוניאָנס, אויב דער ערשטער קאָנצענטרירטער פאַרזוך וועט זיך אַרויסווייזען פאַר אַ דערפאָלג.

דאַס בויערן פון אינוויינינג.

ביז 1923 האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן שוין דורכגעמאַכט עטלאַכע אינערלאַכע שטורמס אַרויסגערופען פון אָפּאָזיציעס. מען האָט געמעגט דערוואַרטען, אַז די יוניאָן האָט אָנגעזאַמעלט אַ היבשען באַגאַזש פון דערפאַרונג ווי אַזוי אויפצונעמען אַזוינע דערשיינונגען. די נייע אָפּאָזיציע אָבער איז געווען פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. זי האָט אָנגעהויבען שטיל און פאַרענדיגט מיט אַ דינאַמיט אויפרייס.

די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען אַרויסגערופען, אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער נייער אָפּאָזיציע, האָבען קיינמאָל ניט געזעגעלט אונטער זייער נאָמען. די קאָמוניסטען האָבען געהאַט פולשטענדיגע גלייכע רעכט ווי אַלע איבעריגע מיטגלידער. די אינטערנעשאָנאַל און אירע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס האָבען באַ קיינעם ניט געפרעגט קיין פּאָליטישען פּאַספּאָרט. זיי האָבען טאָלערירט פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע טעטיגקייט וואָס מיטגלידער האָבען געפירט פאַר פּאַרטייען און צוועקען אין וועלכע זיי האָבען געגלויבט. נאָר אין דירעקטער יוניאָן טעטיגקייט זיינען מיטגלידער אויפגעפאָדערט געוואָרען דורכצופירען אַלגעמיינע דירעקטיווען פון דער יוניאָן. אויסערהאַלב דעם אָפּיציעלען יוניאָן געביט, זיינען מיטגלידער פריי געווען צו אַגיטירען און צו אַרבעטען פאַר יעדער אידעאָלאָגישער ריכטונג און באַוועגונג וואָס איז זיי געווען נאָהנט צום האַרצען. די קאָמוניסטען האָבען ענערגיש אויסגענוצט די פרייהייט וואָס די יוניאָן האָט געגעבען צו אָנהייגער פון אַלע אָנשויאונגען און מיינונגען. אין דעם האָט ניט געשטאַמט קיין פאַרברעכען.

די קאָמוניסטען האָבען ניט געוואָלט ווי די אָנהייגער פון אַנדערע ריכטונגען זיך באַנוגענען מיט אַגיטאַציע און טעטיגקייט פאַר זייער באַוועגונג. זייער צוועק איז געווען אַריינצושטעלען אַ פוס אין דער פירערשאַפט פון דער יוניאָן כדי זי שפּעטער צו פאַרכאַפּען און פאַרוואַנדלען די יוניאָן אין אַן אינסטרומענט פון זייער פאַרטיי.

„דאָס בויערן פון אינווייניג" איז געווען נאָר אַן אָנהויב און דער נאָמען פון זייער אָרגאַניזאַציע אין דער יוניאָן, ניט מער ווי אַ פּאַסטקע צו כאַפּן נאַאיווע גוט־מיינענדיגע מענשען. בײַ דער ערשטער גינסטיגער געלעגענהייט זיינען די קאָמוניסטען גרייט געווען אַריבערצוגעהן אין אַ פראָנט אַטאַקע אויף דער יוניאָן.

אונטער אַן אומשולדיגער פאָן.

דער ערשטער קאָמוניסטישער אַרויסטרעט איז געווען אונטער אַן אומשולדיגען נאָמען: „טרייד יוניאָן עדיוקיישאָנאַל ליעג", אָרגאַניזירט פון וו. פאָסטער, אין 1920־1921. די קאָמוניסטען האָבען פלייסיג אויסגענוצט אינערלאַכע סיטואַציעס אין דער יוניאָן, אויסגעמישט גערעכטע קריוודעס מיט פאַלשער דעמאַגאָגישער העצע. צוליב זייער אייזערנער דיסציפּלין, ענערגיע און די טאַקטיק און מאַנעווערעס פון זייער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז די קאָמוניסטען געלונגען, אין 1925, צו געווינען פירערשאַפט אין לאָקאַל איינס און 9 פון דזשאָינט באָארד און לאָקאַל 22 דרעסמאַכער. אַן צווייפעל, איז אַ פאַקטאָר אויך געווען די סימפּאַטיע צו סאָוועט רוסלאַנד וואָס איז דענסמאָל געווען פאַרשפּרייט צווישען ברייטע טיילען פון די אידישע אַרבעטער, הויפּטזאַכלאַך די יעניגע וואָס קומען פון אַלטען צאַרישען רוסלאַנד.

אין דער פירערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דזשאָינט באָארד, זיינען געווען מענשען וואָס האָבען באַלד דערזעהן וואוהין דער ערשטער קאָמוניסטישער זיג וועט פירען. געווען אויך אַזוינע וואָס האָבען ניט באַגריפען די געפערלאַכע באַדייטונג פון אָט דעם אַריינרייס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער יוניאָן און אין דער אינטערנעשאָנאַל. אָט די טוער האָבען גענומען אויף זיך די ראָלע פון שלום־זוכער. די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט אויפגענומען קלאַגעס געגען די דריי עקזעקוטיוו באָארדס און באַשלאָסען צו ריאָרגאַניזירען די לאָקאַלס. די קאָמוניסטען האָבען געענטפערט מיט אַ שטורמישען ווידערשטאַנד, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע" קאַמף. דאָ האָבען זיך אַריינגעמישט די שלום־מאַכער און האָבען באַוועגט פּרעזידענט זיגמאַן, צוליב דער גאַנצקייט און איינינקייט פון דער יוניאָן, אַריינצוטרעטען אין אַ פאַרשטענדיגונג מיט די קאָמוניסטען. דער אָפּמאַך האָט געליפערט די קאָמוניסטען די מעגלאַכקייט אַריינצוקריגען די פירערשאַפט פון דער דזשאָינט באָארד אין זייערע הענט. די פּאַר־

שטענדיגונג האָבען די קאָמוניסטען געבראַכען אויף דער קאָנווענ־שאָן אין פילאַדעלפיע, דעם זעלבען יאָר.

איינער פון די מיטלען אין דעם קאַמף צו געווינען קאָנטראָל אין דזשאָינט באָארד איז באַשטאַנען אין אַרויסצושטויסען די פירער. די קאָמוניסטען האָבען דאַריבער אָנגעהויבען אַ קאַמפּאַניע מיט דער פאָדערונג אַז פערעלשטיין, מענעדזשער פון די שעפער פון אינ־דאָסטריעל קאונסיל און פיינבערג, גענעראַל מענעדזשער זאָלען רעזיגנירען. דער ציל ברעט פון דער אַטאַקע איז געווען פערעלשטיין.

קיינער אין דער יוניאָן, קאָמוניסטען אַריינגערעכענט, האָבען ניט געצווייפעלט אין פיינבערגס פּערזענלאַכער אָרענטלאַכקייט און גייסטיגער אינטעגריטעט. די קאָמוניסטען זיינען בלויז אויסן געווען פּטור צו ווערען פון נאָך אַ פּאָליטישען געגנער.

פיינבערג האָט ניט געגלויבט אין אַ „שלום".

פיינבערג, איז שוין געווען באַאומרוהיגט פון עטלאַכע צייכענס וואָס האָבען זיך באַוויזען אויפ'ן האָריזאָנט פון דער יוניאָן. ער האָט געפילט אַז שלום מיט די קאָמוניסטען רוקט זיך אָן און ער האָט ניט געגלויבט אין דער דויערהאַפטיגקייט פון אַזאַ שלום. הינטער די קאָמוניסטען אין דער יוניאָן איז געשטאַנען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועמענס פּאָליטישע אַמביציעס און אינטערעסען פאַלען ניט צוזאַמען מיט דעם גורל פון די קלאָוקמאַכער. פיינבערג האָט דאַריבער געפילט אַז דער רעכטער צד איז ניט אייניג און ניט פעסט גענוג אויפצונעמען די קריטישע סיטואַציע וואָס דערנענטערט זיך. ער האָט דאַריבער אַריינגעגעבען זיין רעזיגנאַציע צוזאַמען מיט פערעל־שטיין.

די רעכטע מערהייט פון דזשאָינט באָארד האָט זיך קאַטעגאָריש ענטזאָגט אָנצונעמען פיינבערגס רעזיגנאַציע. פריהער האָט פּרעזי־דענט זיגמאַן געהאַט מיט אים אַ לייגערען געשפּרעך און געזוכט אים אָפּצורעדען פון זיין שריט. זיגמאַן איז גרייט געווען אָפּצולאָזען פערעלשטיינ'ען, אָבער ניט פיינבערג'ען. דער לעצטער איז אָבער פאַרבליבען איינגעשפּאַרט. זיין רעזיגנאַציע איז געווען אַ דאָפּעלטיגע פון דזשאָינט באָארד און פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאַנאַל, צו וועלכע ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אין 1922 און 1924. זיגמאַן האָט איינגעזעהן אַז ער קען פיינבערג'ען ניט איבעררייזען האָט ער געראַטען אויפ'ן מיטינג פון דער דזשאָינט באָארד, אַז די רעזיגנאַציע זאָל אָנגענומען ווערען. זיגמאַן האָט

איבערגענומען דעם אַמט פון גענעראַל מענעדזשער. עטוואָס שפּע־
טער איז אויך דזש. ברעסלאַו, מענעדזשער פון פּרעסערס יוניאָן,
לאָקאַל 35 אַוועק. די קאָמוניסטען זיינען שוין דאַן געשטאַנען אויפ׳ן
שוועל פון מאַכט און קאָנטראָל פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

דער פאַרלאָרענער גענעראַל סטרייק אין 1926.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון באַנייען די פּאַר־
האַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים. די קאָמיסיע וואָס גאָווערנאָר אַל.
סמיט האָט באַשטימט צו אונטערזוכען די לאַגע און אַריינברייגגען
רעקאָמענדאַציעס, האָט פאַרענדיגט איר אַרבעט און פאַרעפענטלאַכט
אַ רייע פאָרשלאַגען. די מערסטע פון זיי זיינען ניט געווען לטובת
דער יוניאָן. פונדעסטוועגען אין אַ נאָרמאַלער לאַגע און בּאַ דעם
געהעריגען גוטען ווילען וואָלט אָן אָפענער קאַמף געקענט אויסגע־
מידען ווערען. די לינקע פירערשאַפט, אונטער אינסטרוקציעס פון
דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אָבער געשטויסען צו אַ סטרייק.
די באַלעבאַטים ווידער, זייענדיג באַקאַנט מיט די אינערלאַכע רייסע־
נישען אין דער יוניאָן, האָבען אויך ניט געוואָלט אויסמיידען אַ
סטרייק. דער רעזולטאַט איז געווען אַ גענעראַל סטרייק, דאָנערשטאָג,
דער ערשטער יולי 1926.

די קאָמוניסטען האָבען געהאַט באַשלאָסען צו האַלטען די
לייצעס פון דער סטרייק פירערשאַפט, אין זייערע הענט און פון זייערע
פריינד. פּרעזידענט זיגמאַן איז צוריקגעוויזען געוואָרען פאַר טשער־
מאַן פון דער סטרייק קאָמיטע.

די קאָמוניסטען זיינען שפּעטער געקומען צו פיינבערג׳ען און
פאַרגעשלאָגען מיטצואַרבייטען מיט זיי אין סטרייק. איינזעהענדיג אַז
אַ קאַטאַסטראָפע איז אומפאַרמיידלאַך, האָט ער זיך אַנטזאָגט.

דאָס איז געווען דער לייגגסטער און אומגליקלאַכסטער סטרייק
אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן. ער האָט זיך געצויגען נאָהענט
צו זעקס מאָנאַטען און איז סוף כל סוף פאַרלאָרען געגאַנגען. דער
סטרייק האָט אָבגעקאָסט אַ שלל מיט געלד. די יוניאָן האָט דענסמאָל
פאַרמאָגט די גאַנץ היבשע סומע פון אַ מיליאָן דאָלאַר. די פירער־
שאַפט פון סטרייק האָט אַ חוץ די סומע אויסגעגעבען נאָך צוויי מיליאָן
דאָלאַר. די קלאָוקמאַכער, ניט געקוקט אויף די אַלע שרעקלאַך אומ־
גינסטיגע פאַקטאָרען, זיינען געשטאַנען אין סטרייק אויף זייער
אַלטען שטייגער, פעסט, מיט אויסדויער און מוט.

ווען דער סטרייק האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגען, אָן דער מינ־

דעסטער האָפענונג אויף אַ זיג, האָט די אינטערנעשאָנאַל, אויף דעם דרינגלאַכען פאַרלאַנג פון אַקטיווע מיטגלידער וואָס האָבען אָפּגע־האַלטען אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן, אַרויסגענומען פון די קאָמוניסטען די פירונג פון דעם סטרייק און דערגרייכט אַן אָפּמאַך מיט די באַלע־באַטים. ר. צוקערמאַן איז געווען דער טשערמאַן פון יענעם היסטאָ־רישען מיטינג. פּרעזידענט זיגמאַן און דובינסקי, דעמאָלט מענעד־זשער פון לאָקאַל 10, איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען עטוואָס פון דער שרפה וואָס די קאָמוניסטען האָבען פאַראורזאַכט. דער סטרייק איז פאַרענדיגט געוואָרען אויפ'ן זעקסטען מאָנאַט. די יוניאָן איז אַרויס פון דעם אומגליקלאַכען קאַמף מיט אונטערגעהאַקטע ריפּען.

נאָכ'ן סטרייק איז פיינבערג אַוועק צוריק אין שאָפּ.

די רעאָרגאַניזאַציע פאַרבעסערט לאַגע.

די אינטערנעשאָנאַל האָט רעאָרגאַניזירט די לאָקאַלס וועלכע זיינען באַהערשט געווען פון די קאָמוניסטען. לאָקאַל איינס איז געוואָ־רען אויף צייט לאָקאַל צוויי. בענדזשאַמין קאַפּלאַן, איינער פון די אינגערע און ענערגישע טוער האָט זיך אַרויסגערוקט אין יענער קריטישער צייט. ער איז ערוויילט געוואָרען מענעדזשער פון לאָקאַל. (איצט איז ער מענעדזשער פון פאַראייניגטען אָפּערייטאָרס לאָקאַל 117). מאָריס י. אשביז איז אַריין אין דער עקזעקוטיוו באָארד.

די ליניע פון דעם קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל אין 28־1926, איז געווען געגען שפּאַלטונגען און געגען דואַל־יוניאָנס. דער קאַמף פון דער קאָמוניסטישער דזשאָינט עקשאַן קאָמיטע איז דאַריבער געצילט געווען צו פאַרבלייבען אין דער יוניאָן.

אין 1928־29 האָט זיך די ליניע שאַרף געביטען. קאָמוניסטיש־געפירטע יוניאָנס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען אין די אינדוסטריעס וואו די קאָמוניסטען האָבען געהאַט אַן אָנהאַלט. זיי האָבען געהייסען אינדוסטריעל אָדער ניישאָנאַל. אין דער פּרויען קליידער אינדוסטריע האָט עס געהייסען, די נידעל טריידס אינדוסטריעל יוניאָן.

דערוויילּ האָט די ריאָרגאַניזאַציע אַ פריהער אונטער זיגמאַן, און שפּעטער אונטער שלעזינגער, פּרעזידענט אין 1928, אָנגעגאַנגען מיט דערפאָלג. די יוניאָן איז פאַרשטאַרקט געוואָ־רען. שלעזינגער האָט געזוכט צו פאַרהיילען די וואונדען פון דעם בירגער קריג. טויזענדער רענק און פייל מיטגלידער זיינען צוריק אַריינגענומען געוואָרען אין דער יוניאָן. די פירער־שאַפט האָט באַשלאָסען, אַז ס'איז די פּאַסיגע צייט צוריקצוגע־

ווינען אַ טייל פון די פאַרלאָרענע געווינסען. אַ גענעראַל סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען יולי 2, 1929. איזידאָר נאַגלער איז דענסמאָל געווען דזשענעראַל מענעדזשער פון דער דזשאָינט באָארד. דער סטרייק איז געווען קורץ און דערפאָלגרייך.

צווישען 1925 און 1928 האָט פיינבערג געאַרבעט אין שאָפּ. אַ פּאָר גוטע פריינט האָבען אפילו פּרובירט מאַכען פון אים אַן אַגענט פון ריעל עסטייט פאַר זיין טובה וועגען. אָבער פון דער נאַטור איז ער ניט קיין ריעל עסטייטניק. פיינבערג האָט אָנגעהאַלטען זיין ענגען קאָנטאַקט מיט דער יוניאָן וואָס איז געטראָגען געוואָרען ווי אַ שיפעל אויף שטורמישע וואַסערן. ווען די אינטערנעשאָנאַל האָט רעאָרגאַניזירט דעם לאָקאַל איינס אונטער דעם נאָמען לאָקאַל צוויי, איז פיינבערג אויסגעקליבען געוואָרען אין דער עקזעקוטיוו באָארד. פיינבערג אַ מענש מיט אַ שטאַרק אַנטוויקעלטען סאָציאַלען חוש, און אַ גרויסער מאָס אַרבעטזאַמקייט, האָט ניט געהאַט וואו אָנצואווענדען זיין ענערגיע. זי איז פאַרבליבען ניט אויסגענוצט.

רעדענדיג פון יענער צייט האָט פיינבערג באַמערקט: „אין לעצטען סך הכל קען אַ מענש לעבען ווי ער באַשליסט. איינער קען זיך שפייזען מיט סטייקס און וואוינען אין אַ רייכען האָטעל; אַ צווייטער, קען אויסקלייבען ברויט מיט הערינג און וואוינען אין אַ קליינער אָרימער דירה. איך האָב געפילט אין 1925 אַז פאַר מיר איז ליבער ברויט מיט הערינג און אַן אָרימע דירה...”

אָט דער געדאַנק איז אַ טייל פון פיינבערג׳ס לעבענס פילאָסאָפיע.

אַ טוער פון דער אינטערנעשאָנאַל, פאַרט אין קענעדע.

ב. שלעזינגער איז געוואָרען פּרעזידענט ענדע 1928. פונקט ווי זיין פאָרגענגער מאָריס זיגמאַן, האָט שלעזינגער געהאַט אַ הויכע מיינונג איבער פיינבערג׳ס אָרגאַניזיר־פייאיגקייטען. אַ יאָר שפּעטער האָט ער געבעטען פיינבערג׳ען צו ווערען דער גענעראַל אָרגאַנייזער פון דער אינטערנעשאָנאַל אין קענעדע. פיינבערג האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט. זיין האַלב־צוריקגעצויגענער לעבען איז דערמיט פאַרענדיגט געוואָרען.

שלעזינגער האָט אויך איינגעלאַדען פיינבערג׳ען אָנצופירען אַן אויפקלערונג־אַרבעט צווישען די קלאָוקמאַכער איבער די אורזאַכען

און רעזולטאַטען פון דער קאָמוניסטישער שפּאַלטונג. פיינבערג האָט די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. אַ רייע שטורמישע מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פאַרשידענע טיילען פון שטאָט. באַזונדערס איז געבליבען אין פיינבערג׳ס זכרון דער איינדרוק פון אַן איבערגעפּילטען מיטינג אין בראַיענט־האַל. די וויכטיגע קאָמוניסטישע טוער צווישען די קלאָוקמאַכער זיינען דאָרטען געווען און האָבען זיך באַטייליגט אין דער דיסקוסיע. פיינבערג באַמערקט מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, אַז די קאָמוניסטען זיינען אַרויס פון מיטינג מיט צובראָכענע ביינער. (אידעאָלאָגיש באַטירלאַך).

קענעדע, נאָר מיט אַ האַנד אויסצוציהען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, איז געווען פון די שוואַכע ערטער אין דער אינטערנעשאָנאַל. און ניט בלויז אין דער אינטערנעשאָנאַל. קענעדע איז געווען צווישען די שוואַכע ערטער אין דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל. דער עקאָנאָמישער מצב אין קענעדע איז געווען היבש נידעריגער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. נאַטירלאַך האָט זיך דאָס אָפּגערופען אויף דעם מאַטעריאַלען און קולטורעלען צושטאַנד פון די אַרבעטער.

אָפיציעל האָט די אינטערנעשאָנאַל געהאַט אַ יוניאָן אין טאָראָנטאָ. די יוניאָן האָט עקזיסטירט מער אויף פּאַפּיר ווי אין די שעפּער. אין די איבעריגע גרויסע שטעדט פון קענעדע איז בכלל ניט געווען קיין אָרגאַניזאַציע פון די פרויען קליידער אַרבעטער.

פיינבערג האָט זיך גענומען טיכטיג צו דער אָרגאַניזיר אַרבעט. ער האָט צונויפגענומען דאָס ביסעל אַקטיווע מענשען וואָס ער האָט געפונען און מיט זייער הילף אָנגעהויבען צו בויען אַ פעסטע יוניאָן. עס האָט געדויערט אַ שטיקעל צייט און אים איז געלונגען אונטערצושרייבען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך מיט דער אַסאָסיאיישאָן. דאָס איז געווען אַ גרויסער אויפטו. דער אָפּמאַך האָט אַביסעל סטאַביליזירט די לאַגע אין די שעפּער, און געהייבען דעם לעבענס סטענדאַרד פון די קלאָוקמאַכער. צום ערשטען מאָל איז די יוניאָן געוואָרען אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע.

פיינבערג איז אויך טעטיג געווען אין דער אָרטיגער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז שוין דענסמאָל געווען אַ מיטגליד פון דעם סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד. אין אַ געוויסען פּרט האָבען די פּאָליטישע באַדינגונגען אין דעם ענלישען טייל פון קענעדע אים דערמאָנט אָן ענגלאַנד. דער אונטערשייד איז געווען וואָס קענעדע איז געווען קאָנסערוואַטיווער און אָפּגעשטאַנען פּאָליטיש און קולטורעל פון איר אָפיציעלער מוטער־לאַנד.

אין דער קאַטויליש־פראַנצויזישער מאָנטרעאָל.

פון טאָראָנטא איז פיינבערג געפאָרען אין מאָנטרעאָל. דאָ האָט ער שוין געטראָפען אַ גאַנץ אַנדערע סיטואַציע. מאָנטרעאָל איז די גרויסע שטאָדט אין דער פראַנצויזישער פּראָווינץ, קוויבעק. זאָל אָבער קיינער ניט זוכען צו פאַרגלייכען די הערשענדיגע סאָציאַלע באַדינגונגען אין דער פראַנצויזישער קענעדע מיט דעם סאָציאַלען לעבען אין פראַנקרייך. מאָנטרעאָל איז באַהערשט געוועזן פון דער קאַטוילישער קירך וואָס איז דורך און דורך קאָנסערוואַטיוו.

די קאַטוילישע קירך איז אויך אַ גרויסע ביזנעס אונטערנעמונג אין קוויבעק. זי קאָנטראָלירט אויך די דערציהונג אין די קינדער־שולען. אויפ'ן שטייגער פון געוויסע אייראָפּעאישע לענדער, האָט זי געשאַפען קאַטוילישע טרייד־יוניאָנס. אין יענע יאָרען זיינען אָט די טרייד־יוניאָנס געווען הויפּטזעכלאַך אַ מיטעל צו האַלטען די פרומע אַרבעטער איזאָלירט פון דעם איינפלוס פון דער וועלטלאַכער אַרבעטער באַוועגונג מיט אירע סאָציאַליסטישע נייגונגען און טענ־דענצען.

מאָנטרעאָל איז איינע פון די קאָלירפולסטע שטעדט אין דעם צפון אַמעריקאַנישען קאָנטינענט. טוריסטען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען געפעלט די שטאָדט צוליב דער אַלטער פראַנצויזישער אַרכיטעקטור, דעם באַרג אין מיטען און די אויסגעצייכענטע רעסטאָ־ראַנען. די טוריסטען האָבען אָבער וויניג געוואוסט פון דער ווייט פאַרשפרייטער אָרימקייט, אומוויסענהייט און הילפלאָזיגקייט וואָס האָט געפלאָגט דער אַרבעטער באַפעלקערונג. אָן צווייפעל, מאָנטרעאָל האָט זיך אויסגעצייכענט מיט די נידעריגסטע אַרבעטס באַדינגונגען וואָס האָבען געהערשט אין די גרויסע שטעדט פון צפון אַמעריקאָ. די גרונט פראָבלעמען פון הויבען דעם סטענדאַרד פון די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער אין מאָנטרעאָל, איז באַשטאַנען אין אָרגאַניזירען די פראַנצויזישע פרויען וואָס זיינען די מערהייט אין דער אינדוס־טריע. אָן זיי איז אַ יוניאָן מאַכטלאָז איינצופירען אַ ווירקלאַכען קאָנ־טראָל אין די שעפּער .

דער גוטער אָנהייב אין מאָנטרעאָל.

די בעלעבאַטים אין די קליידער אינדוסטריע זיינען אידען. דאָס שטערט זיי ניט צו ווערען גאַנצע שמעלקעס מיט קאַטוילישע יוניאָנס אַזוי שנעל ווי זיי דערשמעקען אַז עס האַלט באַם געבוירען

ווערען אַן אמת'ע טרייד־יוניאָן. אין יענע יאָרען זיינען די קאַטוילישע טרייד־יוניאָנס געווען אין אַ פּאָזיציע פון אַ טאָרמאָז — (אַ ברייק) וואָס דאַרף אָפּהאַלטען דעם אָטאָמאָביל.

אין מאָנטרעאָל האָט זיך געפּאָדערט אַ סך דיפּלאָמאַטיע און בויגזאַמקייט. אַ פראָנט אַטאַקע וואָלט זיך געענדיגט מיט אַ מיאוסען דורכפאַל. פיינבערג האָט געמוזט זוכען אַרויסהעלפער צווישען די איינפלוסרייכע ליבעראַלע מענשען. ער האָט אויך, און מיט דער־פאָלג, געזוכט אָפּצורייסען גרופּעס באַלעבאַטים און זיי באַוועגען צו שליסען אַן אָפּמאַך מיט דער יוניאָן.

ווי געווינלאַך אין אַזאַ לאַגע, טרעפט מען עטלאַכע איבערגעבענע יוניאָן פריינט וואָס זיינען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות איינצו־פעסטיגען אַ יוניאָן. פיינבערג האָט אויפגעזוכט עטלאַכע ליבעראַלע מענשען, צווישען זיי אַ יונגען רעפאָרמיסטישען ראַבאַי, וואָס האָט אים ענערגיש אַרויסגעהאָלפען אין יעדער שוועריגקייט. נאָך גרויסע אָנשטריינגונגען איז געלונגען צו קריגען אַ גרופּע אַרבעטסגע־בער וואָס זיינען איינגעגאַנגען צו פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן. צו די פאַרהאַנדלונגען איז געקומען ב. שלעזינגער פון ניו־יאָרק. די באַלעבאַטים האָבען אָרגאַניזירט אַן אַסאָסיאיישאָן. צום ערשטען מאָל איז אין מאָנטרעאָל געשלאָסען געוואָרען אַ קאָלעקטיווער אָפּמאַך און אָן אַ סטרייק. דער אינטערנעשאָנאַל איז געלונגען אַריינצו־שטעלען אַ פוס אין דער פעסטונג פון קאַטוילישען אַנטי טרייד יוניאָניזם.

די לאַגע אין קוויבעק בכלל און אין מאָנטרעאָל בפרט האָט זיך שפּעטער שטאַרק געענדערט צום גוטען. מאָנטרעאָל איז איצט אַ יוניאָן שטאָדט. די שטעלונג פון דער קאַטוילישער קירך צו יוניאָנס האָט זיך אויך געביטען. אָבער צום סוף פון די צוואַנציגער יאָרען איז די זאַך געווען גאַנץ אַנדערש. די אַלגעמיינע אָפּגעשטאַ־נענקייט פון דער באַפעלקערונג און די קאַטוילישע טרייד־יוניאָנס, זיינען געווען צוויי וואָגיגע שטערונגען אויפ'ן וועג פון אָרגאַניזירען אַרבעטער פאַר מענשלאַכע אַרבעטס־באַדינגונגען.

פיינבערג האָט פאַרבראַכט אין קענעדע נאָענט פון צוויי יאָר. זיין אַרבעט איז געווען זייער צופרידענשטעלענדיג. שלעזינגער האָט אים דאַן געשיקט אין באָסטאָן וואו ס'האָט עקזיסטירט אַ יוניאָן, וואָס האָט זיך געבויטיגט אין פאַרשטאַרקונג.

דער קריזיס וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ביים ענדע פון יאָר 1929 איז נאָך דאַמאָלט געווען אין זיין ערשטער פאַזע. עס זיינען דאַמאָלט נאָך געווען מענשען וואָס האָבען זיך פאַרלאָזט אויף פרעזידענט הוא־

ווערס אָפּטימיסטישע פֿאַרשפּרעכונגען, אַז די גוטע צייטען וואַרטען אויפ'ן שוועל. פיינבערג האָט אַריינגעלייגט אַ סך כּח צו קרעפּטיגען די יוניאָן און זי אויפצוהאַלטען געגען נייע אָנקומענדיגע כוואַליעס פון אַרבעטסלאָזיגקייט. דער קריזיס האָט זיך אָבער פאַרטיפּט און אויסגעשפּרייט. באָסטאָן, ווי אַלע אַנדערע פרויען קליידער צענטערן, זיינען געטראָפען געוואָרען אומ'ברחמנות'דיג שווער. די יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל און די אינטערנעשאָנאַל גופא האָבען שטאַרק געליטען. די אָרגאַניזיר־אַרבעט איבערן לאַנד האָט זיך פאַקטיש אָפּגעשטעלט.

דובינסקי, פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל.

אַ וויכטיגע געשעהעניש אין דעם לעבען פון דער אינטערנע־שאָנאַל איז געווען דובינסקי'ס גרויסער אויפשטייג. ער איז געוואָ־רען סעקרעטער־טרעזשורער אין דעצעמבער 1929. אין אַפּריל 1930, איז דובינסקי באַשטימט געוואָרען עקטינג־פּרעזידענט פאַר דער צייט פון שלעזינגער'ס קראַנקהייט. נאָך פריהער האָט דובינסקי טיכטיג געהאָלפען שלעזינגער'ען אין דער אינטערנעשאָנאַל און אין איבער־בויען די קלאָוקמאַכער יוניאָן. דובינסקי האָט געהאָלפען דורכפירען די פאָרברייטונגען צום גענעראַל סטרייק פון 1929 וואָס האָט זיך געענדיגט שנעל און מיט דערפאָלג. די יוניאָן האָט צוריקגעקריגען עטלאָכע געווינסען. דער גרעסטער געווינס איז פאָרט געווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן וואָס איז געראַטעוועט געוואָרען פון דעם אָפּ־גרונד פון בירגער־קריג.

דער פינאַנציעלער קראַך אויף וואָל סטריט, אין אָקטאָבער 1929, וואָס איז באַגלייט געוואָרען פון דעם שווערסטען פיינלאַכסטען און ערגסטען קריזיס אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט צונישט געמאַכט אַלע געווינסען. די פרויען קליידער אינדוסטריעס זיינען פון קריזיס געטראָפען געוואָרען וואָרשיינלאַך שווערער ווי די איבעריגע אינדוסט־ריען. דער סאַמע כאַראַקטער פון דער אינדוסטריע מאַכט זיי אָפּהיינ־גיג אויף דעם קויף קראַפט פון גרויסע שיכטען פון דער באַ־פעלקערונג. ווען מיליאָנען אַרבעטער זיינען ארויסגעפאַלען פון באַ־שעפטיגונג, האָבען זייערע פרויען אויפגעהערט קויפען קליידער. קלאָוקמאַכער זיינען געבליבען אָן אַרבעט.

ניינטער קאַפּיטעל.

דער פּאַראַליז פון אינדוסטריע אין 1930־32. — רוזוועלט און זיין נייער דיעל בלאָזען אַריין פרישען גייסט. — אינטערנעשאָנאַל וואַרט ניט אויף נ. ר. א. — דער פאַרצווייגטער אָרגאַניזיר־פּלאַן. — יוניאָן געווינט צוריק פּאָזיציעס אין ניו־יאָרק. — פיינבערג אויפ'ן פּאַסיפישען ים ברעג. — דער אָפּמאַך פון די קלאָוקמאַכער און דער גענעראַל סטרייק פון די דרעסמאַכער. — ווי אַזוי פיינבערג פירט פאַרהאַנדלונגען. — צוריק אין ניו־יאָרק.

אויפלעבונג.

דער קריזיס וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט סוף 1929 איז געקומען, פאַר די גרעסטע טייל פון די איינוואוינער פון לאַנד, ווי אַ דונער אין אַ לויטערען הימעל. ווי געווינלאַך, איז די שטימע פון די איינצעלנע וואָס האָבען געוואָרענט אַז דער „בום" מוז פירען צו אַ „באָסט" (פון קינסטלאַכען אויפשטייג צו אויפרייס) איז ניט דערהערט געוואָרען. פון אָנהייב האָבען זיך געשעפטסלייט געטרייסט מיט הואָווערס פאַרזיכערונג, אַז גוטע צייטען רוקען זיך ווידער אָן. ביסלאַכווייז האָט זיך פאַרשפּרייט פּעסימיזם און הילפלאָזיגקייט. די אינדוסטריעלע רעדער האָבען קוים זיך געשאַרט.

אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע איז דער חורבן געווען גרויס. די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער יוניאָנס האָבען קוים צייט געהאַט איבערצוכאַפּען דעם אָטעם נאָך דעם פאַרניכטענדיגען בירגער קריג. ניט געווען קיין מעגלאַכקייט צו באַפעסטיגען די צוריקגעוואָנענע פּאָזיציעס. באַדינגונגען זיינען ווידער אַרונטערגעזעצט געוואָרען.

אין ניו־יאָרק, וואו די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט אַריינגעהאַקט טיפע וואָרצלען איז די לאַגע געווען שלעכט גענוג. דאָ אָבער איז ווייניגסטענס פאַרבליבען אַ געזונטע קאַדרע יוניאָן מיטגלידער וואָס האָבען געטראָגען אויף זיך דעם לאַסט פון גרעאַנגעל אויפצוהאַלטען כאָטש אַ סקעלעטאָן פון דער יוניאָן. דאָס איז זיי געלונגען. די יוניאָן איז ניט אינגאַנצען אָבגעווישט געוואָרען ווי אַ פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע. אין אַנדערע שטעדט, וואו די יוניאָן איז ניט געווען אַזוי איינגעוואָרצעלט און עס האָט געפעלט די טראַדיציעס פון ווידערשטאַנד און אויסדויער, איז די לאַגע געווען פיל ערגער.

אין אַ סך פּלעצער איז געבליבען בלויז אַ זכר פון אַ יוניאָן און דאָס אויך ניט.

אין 1932 האָט דער קריזיס דערגרייכט זיין טיפסטען אָפּגרונט. אין לאַנד זיינען געווען אַרום 14 אָדער 15 מיליאָן אַרבעטסלאָזע. פון דער איצטיגער סיסטעם פון אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג האָט מען דענסמאָל ניט געוואוסט. די אַרבעטסלאָזיגקייט און די מאָגערע פאַרדינסטען, פון די וועלכע האָבען געאַרבעט, האָבען אָבגעשניטען דעם יוניאָן איינקונפט. די קלאָוקמאַכער יוניאָן און די אינטערנע־שאַנאַל האָבען קוים געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלען זייער רענט און אויפהאַלטען זייערע העדקוואָדערס. די באַאַמטע האָבען לאַנגע וואָכען ניט געקראָגען קיין געהאַלט. דער מאַנגעל אין געלד־מיטלען האָט פאַראַליזירט יעדע מעגלאַכקייט אויפצוהאַלטען די יוניאָנס ווי פונקצי־אָנירענדיגע אָרגאַניזאַציעס. *)

רוזוועלט׳ס נייער דיל.

אין דער דראָהענדיגער סיטואַציע אָנגעזאָפּט מיט דעם אָטעם פון פאַרנאַנדערפאַלונג פון דער סאָציאַל פּאָליטישער סטרוקטור פון לאַנד, איז פרענקלין ד. רוזוועלט געוואָרען פרעזידענט. זיין „נייער דיעל", פּראָקלאַמירט גלייך נאָך זיין אַריינקומען אין ווייסן הויז, האָט דעמאָנסטרירט דעם כח פון פּלאַנירונג און די לעבענס־זאַפט פון ווייט־געהענדיגע, ווייט־זיכטיגע רעפאָרמעס.

רוזוועלט האָט געבאָרגט פון דעם סאָציאַליסטישען אַרסענאַל, פון דער אַזוי־גערופענער מינימום פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זיינע רעפאָרמעס האָבען אַריינגעבלאָזען אַ פרישען ווינטעל אין דעם פּעסעמיסטיש־אומרוהיגען גייסט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. אמת, קאַפּיטאַליזם האָט באַקומען אַ נייע בלוט איינשפּריצונג אין זיינע פאַרהאַרטעוועטע אָדערן; אָבער די אַרבעטערשאַפט, אויס־געצויגען און אויסגעצערט, האָט באַקומען אַ שטויס צו אויפלעבונג.

די ניט־פריינדלאַכע טענות פון די קאָנסערוואַטיוועך, אַז דאָס האָט רוזוועלט אָרגאַניזירט מיליאָנען אַרבעטער, זיינען אַן אומזין. די מיליאָנען אַרבעטער האָבען שוין פריהער געמאַכט עטלאַכע אומ־

---

*) אין 1932 האָבען די טעטיגע מיטגלידער פון קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק פרייווילליג זיך בייגעשטייערט מיט אַ טאָג פאַרדינסטען פאַר דעם גענעראַל אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל, מעגלאַך צו מאַכען כאָטש אַ מינימום טעטיגקייט.

געלונגענע פאַרזוכען זיך צו אָרגאַניזירען געגען די גרויסע קאָרפּאָ־ריישאָנס. ריכטיג איז, רוזוועלט איז געווען שטאַרק באַהילפיג אין דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע. זיין פּראָגראַם האָט באַפרייט די אַר־בעטער פון דער אומגלייכער און אומגינסטיגער לאַגע, אין וועלכע זיי האָבען זיך ביז דאַן געפונען אין יעדען פאַרמעסט מיט זייערע מעכטיגע באַלעבאַטים. אין דעם ליגט רוזוועלטס גרויסער פאַרדינסט בנוגע די אַרבעטערשאַפט. צום ערשטען מאָל האָט די מלוכה אויפ־געהערט צו זיין אַן אינסטרומענט פון די אַרבעט־געבער געגען זייערע אַרבעטער. געגוג אַפילו אַן אויבערפלעכלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט אַמעריקאַנישער געשיכטע, צו באַגרייפען וואָס די ענדערונג אין דער ראָלע פון דער מלוכה האָט געמיינט פאַר די אַרבעטער.

אינטערנעשאָנאַל נוצט אויס ניי געשאַפענע לאַגע.

די אינטערנעשאָנאַל, מיט פּרעזידענט דובינסקי אין דער שפּיץ האָט ניט געוואַרט ביז וואַנען דער נייער דיעל און די נ. ר. א. (ניישאָנאַל רעקאָווערי אַדמיניסטריישאַן) וועלען איר אַריינוואַרפען אין די הענד ניי־געשאַפענע יוניאָנס. די אינטערנעשאָנאַל, וואָס האָט גלייך געזעהן די נייע געלעגענהייט, האָט צוזאַמענגענומען אַלע אירע טוער און זיי אַריינגעוואָרפען אין אַ שנעל־אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם פון אָרגאַניזאַציע אין אַלע טיילען פון לאַנד. די יוניאָנס פון דער אינטערנעשאָנאַל זיינען דאַריבער ניט קיין נ. ר. א. „בייביס”, נאָר דער רעזולטאַט פון אַ וואַכזאַמער, צייטיגער און פלייסיגער אויסנוץ פון אַ גינסטיגער אָביעקטיווער סיטואַציע.

די קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק אונטער דער פירער־שאַפט פון וויס־פּרעזידענט איזידאָר נאַגלער — דזשענעראַל מע־נעדזשער פון דער דזשאָינט באָארד — האָט שנעל אָנגעהויבען אַ קרעפטיגע אָרגאַניזאַציע קאַמפּאַניע. אין אַ קורצער צייט האָבען די קלאָוקמאַכער צוריקגעוואונען די געווינסען וואָס זיי האָבען פאַרלאָרען אין קריזיס. איבערן לאַנד האָבען פאַרשטעהער פון דער אינטער־נעשאָנאַל מיט באַגייסטערונג און ענערגיע זיך גענומען צו דער זעלב־בער אויפגאַבע.

אין ניו־יאָרק האָט די יוניאָן פאַרצייכענט אַזאַ נייע באַדייטענ־דיגע דערגרייכונג ווי די איינפירונג פון די 35 שטונדע אַרבעט וואָך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען אַרבעטער אין לאַנד איז געלונגען צו פאַרקלענערען די אַרבעט וואָך אויף 35 שטונדען. אויך אין דעם פּרט איז די קלאָוקמאַכער יוניאָן געווען אַ פּיאָנער. דער

צוועק איז געווען, אויסצושפּרייטען די אַרבעט צווישען מער קלאָוק־מאַכער און צו פאַרלענגערען ווי ווייט מעגלאַך די סעזאָנען.

אין יענער צייט איז איינגעפירט געוואָרען די „לימיטיישאָן אָוו קאָנטראַקטאָרס". דער דזשאַבער איז אויך, צום ערשטען מאָל, געוואָרען פולשטענדיג פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די באַדינגונגען וואָס הערשען אין די שעפּער פון די קאָנטראַקטאָרס. די נייע איינפירונגען האָבען אָבגעשאַפט צוויי פון די פאַקטאָרען וואָס האָבען פאַראורזאַכט שטייגענדיגע דעמאָראַליזאַציע און כאַאָס אין דער אינדוסטריע.

אונטער י. נאַגלער'ס פירערשאַפט איז פאַרווירקלאַכט געוואָרען אין לעבען דער „קאָוד" פּראָגראַם פאַר דער קלאָוק אינדוסטריע. ווען דער סופרים־קאָורט האָט, אין 1935, דערקלערט די נ. ר. א. ניט קאָנסטיטוציאָנעל, האָט נאַגלער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יוניאָן־פירערשאַפט, אויפגעשטעלט אַ פריוויליגע „קאָוד" פּראָגראַם פאַר דער אינדוסטריע, מיט דער באַטייליגונג פון די אַרבעט־געבער. אַט דער פּלאַן, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען: נעשאָנאַל קלאָוק און סוט אינדוסטריע ריקאָווערי באָארד, האָט געהאָלפען אויפצוהאַלטען די געווינסען פון דער נ. ר. א. און האָט געפירט צו אַ גרעסערער מאָס סטאַביליזאַציע אין דער אינדוסטריע.

אין יאַנואַר 1939, האָט י. נאַגלער רעזיגנירט פון זיין אַמט ווי גענעראַל מענעדזשער און איז געוואָרען מענעדזשער־סעקרעטאַר פון דער קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10. אַ קאָמיטע פון דזש. ברעסלאָו, ר. צוקערמאַן, (ציטווייליגער מענעדזשער פון לאָקאַל 117) י. סאָרקין, י. נאַגלער און עדוואַרדאָ מאָליסאַני, האָט ציטווייליג איבערגענומען די פירערשאַפט פון דזשאָינט באָארד. דזש. ברעסלאָו איז געווען טשערמאַן פון דער קאָמיטע.

אונטער י. ברעסלאָו'ס איניציאַטיווע איז די פּראָגראַם פון ווייטערדיגער באַפעסטיגונג פון די פּאָזיציעס פון דער יוניאָן, געטריבען געוואָרען מט אַ סך ענערגיע. ברעסלאו האָט אויך געשלאָסען, צום ערשטען מאָל, אָפּמאַכען מיט עטלאַכע וויכטיגע „טשיין"־געשעפטען, צווישען זיי: די לערנער־פירמע.

די דערמאָנטע קאָמיטע האָט פונקציאָנירט ביז וואַנען פיינבערג איז איינגעלאַדען געוואָרען צו ווערען גענעראַל מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד אין זעלבען יאָר.

פּרוכטבאַרע רעזולטאַטען אויף דעם פּאַסיפישען ים ברעג.

אין דעם פאַרצווייגטען אָרגאַניזיר פּלאַן איז אויף פיינבערג'ן אויסגעפאַלען די טעריטאָריע פון דעם פּאַסיפישען ים־ברעג, קאַלי־

פאָרניא הויפטזאַכלאַך. פיינבערג האָט געטראָפען אַ שוואַכע יוניאָן אין לאָס־אַנדזשעלעס, צוקריפעלט פון קריזיס און ברודער־קאַמף. ער האָט נאָך אויך געטראָפען די קאָמוניסטישע אינדוסטריעלע יוניאָן. לאָס־אַנדזשעלעס האָט שוין פאַרנומען אַ פלאַץ אויף דער מאַפע פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע פון לאַנד. אויסער לאָס־אַנדזשעלעס זיינען פאַקטיש אויפ׳ן פאַסיפישען ים ברעג ניט געווען קיין יוניאָנס.

מיט זיין געוויינלאַכער ענערגיע און אַרבעט־פייאיגקייט, האָט פיינבערג זיך גענומען צו זיין אויפגאַבע אויפצובויען אַ ווירקזאַמע, טיכטיגע אינטערנעשאָנאַל אָרגאַניזאַציע אין דרום קאַליפאָרניא. מיט דער הילף פון דער גרופע אַקטיווע מיטגלידער, קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער, מיט וועלכע פיינבערג האָט זיך אַרומגערינגעלט, איז געלונגען אויפצושטעלען אַ קרעפטיגע יוניאָן איןביידע טיילען פון דער אינדוסטריע. קאָלעקטיווע אָפמאַכען זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען מיט די באַלעבאַטים. די אויפגאַבע איז ניט געווען אַזוי גרינג, טראָץ דער ג .ר. א.. קאַליפאָרניא בכלל און לאָס־אַנדזשעלעס בפרט זיינען באַוואוסט געווען ווי די „אָפענע”, ניט־יוניאָן שטעט פון אַמעריקאַ. די אויסבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע, די פריינדלאַכע האַלטונג פון די באַטרעפענדיגע רעגירונגס אָרגאַנען און הויפטזאַכלאַך דער נייער מוט צווישען די אַרבעטער, האָט גובר געווען אַלע שוועריגקייטען. די דרעס פאַבריקאַנטען האָבען נאָכגעגעבען ערשט נאָך אַ גרויסען גענעראַל סטרייק, דער ערשטער אין זייער שטאָדט.

דערזעלבער דערפאָלג איז פאַרצייכענט געוואָרען אין סאַן־פראַנ־ציסקאָ. פיינבערג האָט באַוויזען אַרויסצוקריגען פון די באַלעבאַטים אַ אָפמאַך מיט דער יוניאָן. טויזענדער נייע מיטגלידער זיינען אַריינ־גענומען געוואָרען אין קאַליפאָרניא.

שווער איז אָנגעקומען צו אָרגאַניזירען אַזעלכע נייע פלעצער ווי פאָרטלאַנד, אָרעגאָן און סעאַטעל, וואַשינגטאָן. דאָרטען איז די אַרבעט געווען אין גאַנצען ניי. אויך דער מענשען מאַטעריאַל איז געווען אומבאַקאַנט מיט אַ יוניאָן. נאָך עטלאַכע יאָרען פון אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אויך אין די צוויי שטעט אויפגעבויט געוואָרען יוניאָנס וואָס זיינען אנערקענט פון די אַרבעט־געבער ווי די פאָרשטעהער פון די אַרבעטער אין די שעפער.

פאַרהאַנדלונגען מיט באַלעבאַטים איז אַ וויסענשאַפט.

ראוז פעסאָטע, דענסמאַל וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל און איר פאַרטרעטער צו אָרגאַניזירען די דרעסמאַכער אויף דעם פאַסיפישען ים־ברעג, האָט געזעהן פיינבערג׳ען ביי דער אַרבעט. פריהער האָט זי אים געקענט פון וויטען; מעגלאַך אַז זי האָט ניט באַגריפען פאַרוואָס פּרעזידענט דובינסקי האָט געשיקט אַ קלאָוקמאַכער צו דרעסמאַכער.

שרייבט ראָוז פעסאָטא*—

„אָבער אין לאָס אַנדזשעלעס, אין דעם היסטאָרישען גענעראַל סטרייק פון די דרעסמאַכער האָב איך איינגעזעהן, אַז פּרעזידענט דובינסקי האָט ניט געמאַכט קיין טעות. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים — הערבסט, 1933 — האָב איך זיך איבערצייגט אַז פאַרהאַנדלונגען מיט אַרבעטס־געבער איז ביי אים אַ באַזונדערע וויסענשאַפט. ער האָט שטודירט די פאַרשידענע טיפען אַרבעט־געבער, די שטאַרקע און שוואַכע שטריכען פון זייער כאַראַקטער, זייער פאַרלאַנג אויסצומיידען די וויכטיגע פּראָבלעמען וואָס רוקען זיך אַרויס אין די פאַרהאַנדלונגען. אויף אַזעלכע קאָנפערענצען איז פיינבערג דער אמת׳ער פּראָלעטאַריער, דער אידעאַליסט פון זיין יוגענט, וועלכער פילט אַז די אַרבעטער האָבען אים אָנפערטרויט מיט אַ מאַנדאַט וואָס ער איז פאַרפליכטעט דורכצופירען. איך האָב געהערט פאַבריקאַנטען באַמערקען, אויב זיי וואָלטען אים געהאַט אויף זייער זייט וואָלט זייער זייט געווען דער געווינער. זיי זיינען גערעכט; ווען ניט פיינבערגס ווייטזיכטיגקייט אין פאַרלויף פון דעם היסטאָרישען סטרייק, וואָלט דער יוניאָן וואַרשיינלאַך ניט געלונגען אַזוי זיך צו באַפעסטיגען שפּעטער.

ווען די נ.ר.א. אַרביטריישאָן באָארד האָט אונז באַוויליגט נאָר אַ מאָגערן פּרעפערענשעל יוניאָן שאַפּ אָפּמאַך, און דער א.ל.ג.וו.יו. בלויז ווי דער באַרגעין־אַגענט פאַר די אַרבעטער, האָט פיינבערג דאָס באַטראַכט ווי אַ זיג. לויט זיינע ווערטער: „ווען זיי עפענען די טיר נאָר אַ ביסעל, וועל איך אַריינשטופּען מיין פוס דאָרטען, שפּעטער וועל איך שוין באַווייזען אַריינצוקומען אין צימער דורך אַן אָפענער טיר.״

אַ צווייטער עדות פון פיינבערג׳ס טעטיגקייט אין קאַליפאָרניא איז י. לוטסקי, דענסמאַל מענעדזשער פון דער לאָס־אַנדזשעלעס דזשאָינט באָארד קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן. אין זיין באַגריסונג צו פיינבערג׳ס פופציג יאָריגען יובליי שרייבט לוטסקי:

---

*) ראָוז פעסאָטא, „איזראַעל פיינבערג, אַ פופציגער,״ לאָס אַנדזשעלעס, 1937.

איך קען בר. פיינבערג׳ן בלויז עטלאַכע יאָר. געווען איז דאָס אין די אומרוהיגע טעג ווען דער רוף פון דער יוניאָן האָט דורכגעשניטן דעם טומאַן פון צומישונג און אַפּאַטיע און האָט אויפגעוועקט אונזערע קלאָקמאַכער פון זייער לעטאַרגישען שלאָף. מיר זיינען געווען אין מיטען פון אַן אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניע צווישען די קלאָוקמאַכער און האָבען אויסגעאַרבעט די פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים. מיר האָבען איינגעלאַדען די באַלעבאַטים צו אַ קאָנ־פערענץ. קיינער פון די אָרטיגע טוער האָט ניט פאַרמאָגט אַ לענגערע דער־פאַרונג אין פאַרהאַנדלונגען. מיר האָבען שוין פאַרצייכענט אַ היבשען דער־פאָלק אין אָרגאַניזירען די קלאָוקמאַכער, אָבער די פאַרהאַנדלונגען האָבען אונז באַאומרוהיגט. פּרעזידענט דובינסקי האָט אונז דענסמאָל געשיקט ברודער פיינבערג אַרויסצוהעלפען אין די פאַרהאַנדלונגען.

איך האָב גענוי זיך צוגעקוקט צו דעם מייסטערהאַפטען אופן מיט וועלכען פיינבערג גייט צו די פאַרהאַנדלונגען ; אויך זיין גלענצענדיגע טאַקטיק וואָס ער באַנוצט צו די איינגעשפּאַרטע באַלעבאַטים. אַ גינסטיגער פּאַר אונז אָפּמאַך איז געשלאָסען געוואָרען. צום ערשטען מאָל אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרען, האָבען די קלאָוקמאַכער זיך צוריקגעקערט אין די שעפּער אונטער יוניאָן קאָנטראָל פון די אַרבעט־באַדינגונגען און מיט באַדייטענדיגע אויסבע־סערונגען און דערגרייכונגען.

גלייך נאָך דעם קלאָוקמאַכער זיג איז אונטערגעקומען דער דרעסמאַכער גענעראַל סטרייק. אויך דאָ האָט פיינבערג אַרויסגעוויזען אמת׳ע פירערשאַפט. צום ערשטען מאָל אַז מיר האָבען געקראָגען אַן אָפּמאַך אין דער דרעס אינדוסטריע.

זינט ברודער פיינבערג איז אָנגעקומען אַהער, זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען צוויי אָפּמאַכען אין דער קלאָוק אינדוסטריע און צוויי אין דער דרעס אינדוסטריע. ענלאַכע אָפּמאַכען זיינען דערגרייכט געוואָרען אין די גרויסע שטעדט פון דעם פּאַסיפישען ים־ברעג. אונזער יוניאָן איז איצט אַ קאָנסטרוק־טיווער שטענדיגער פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע. מיר האָבען אויף אַ באַדייטענדיגען אופן געהויבען דעם לעבענס סטאַנדאַרט פון דער אינדוסטריע. מיר האָבען געבראַכט די קלאָוק און דרעסמאַכער פון פּאַסיפישען ים־ברעג אין איין פאַמיליע אונטער דער פאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַר־מענט וואָרקערס יוניאָן. די אויפגאַבע איז געווים אַ שווערע, אָבער זי איז דורכגעפירט געוואָרען. אַ מיליטאַנטישע און אַגרעסיווע אַרמיי פון די קלאָוק און דרעסמאַכער איז באַשאַפען געוואָרען אין אונזער טעריטאָריע. אין שפּיץ פון דער אַרמיי שטייט ברודער פיינבערג. אַנערקענט און אויפגענומען מיט ליבע און רעספּעקט פון אַלעמען.

געפינט צייט און ענערגיע פאַר אַלגעמיינער טעטיגקייט.

ווען פיינבערג איז פאַרנומען מיט אַן ערנסטען יוניאָן פּראָבלעם, איז ער אַריינגעטאָן אין איר מיט מאַרך און האַרץ. וועגען אים איז דער אויסדרוק, זיך אַריינגעוואָרפען אין דער אַרבעט, ניט קיין אָפּגעריבענע, אויסגעדראָשענע פראַזע. פונדעסטוועגען, און דאָס איז אָפּט צו באַוואונדערען, געפינט ער צייט, ענערגיע און אויפמערק־

זאַמקייט צו טעטיגקייט אויסער די ראַמען פון זיין אוממיטעלבאַרער אויפגאַבע — די יוניאָן. אויך אין קאַליפאָרניא האָט פיינבערג באַוויזען זיך צו אינטערעסירען מיט די אַלזייטיגע געביטען פון טעטיגקייט אין און אַרום דער אַרבעטער באַוועגונג. פיינבערג האָט אָנטייל גענומען אין דעם געזעלשאַפטלאַכען און פּאָליטישען לעבען פון פּאַסיפישען ים ברעג און אין די פּראָבלעמען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. ער האָט אויך ניט פאַרפעלט צו לייענען, באַזוכען לעקציעס און זיך צוהערען אַפילו וואָס אַ געגנער האָט צו זאָגען.

מיט'ן אויסנאַם פון זיינע באַזוכען אין מזרח, בייצוואוינען די זיצונגען פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט פיינבערג פאַרבראַכט אַרום זעקס יאָר אויפ'ן פּאַסיפישען ים־ברעג, ווי דער פאַראַנטוואָרטלאַכער פאָרשטעהער פון דער גרויסער פאָרגעשריטענער קערפּערשאַפט. דערפאַרונג האָט באַרייכערט זיין געדאַנק, און געהאָלפען צו שלייפען זיינע פעאיגקייטען אין פאַרהאַנדלונגען מיט באַלעבאַטים און אויך אין שליכטען פּראָבלעמען וואָס וואַקסען אַרויס אינווייניג; פּראָבלעמען וואָס זיינען אומפאַרמיידלאַך אין יעדער לעבעדיגער אָרגאַניזאַציע.

ווען די ניו־יאָרק'ער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד האָט אים איינגעלאַדען צו קומען און איבערצונעמען צום צווייטען מאָל דעם העכסטען אַמט, גענעראַל מענעדזשער, איז פיינבערג שוין געווען אַן אָנערקענטע פיגור, אין פולער רייפקייט און גלייכצייטיג נאָך אַלץ אין וואוקס. ער איז אַריבערגעטראָטען די ערשטע פופציג יאָרען פון זיין לעבען. מיט'ן עלטער קומט אויך איבערלייגטקייט. אין זיין פאַל ,איז דאָס פייער פון יוגענט ניט אויסגעלאָשען געוואָרען. אימפּעט, וויזיע און לאָיאַליטעט זיינען פאַרבליבען טרייב־כוחות וואָס האָבען אים געשטויסען, שוין אין ניו־יאָרק, צו ווייטערע שריט אויפ'ן לייטער פון דערגרייכונגען פאַר די אַרבעטער אין זיין אינדוסטריע.

צענטער קאַפּיטעל.

צוריק אין ניו־יאָרק, די פּראָבלעם פון אַרבעט אויסער ניו־יאָרק. — ברוקלין אַ נעסט פון ניט־יוניאָן שעפּער. — דער פיינבערג פּלאַן. — קלאָוקמאַכער באַשיצט פון שטייגענדיגען יקרות אין מלחמה צייט. — די נייע אידעע פון פּאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון די אַרבעטער געבער. — דער סקעפּטעציזם צו געוואַגטער אידעע פון אַ ריטייערמענט פאָנד. — דער העלט און וואַקאַציע פאָנד. — אַ וועג אויסגעטראָטען פאַר אַנדערע יוניאָנס. — דער לאַנג טער־מיניגער אָפּמאַך מיט די באַלעבאָטים. — נייע צייטען, אַ נייער צוגאַנג.

אויף נייע וועגען.

ווען פיינבערג האָט זיך צוריקגעקערט אין ניו־יאָרק (אויגוסט 1939), איז איבער דער יוניאָן געהאנגען עטלעכע ערנסטע פּראָב־לעמען. די וואונדען פון ברודער קריג און קריזיס זיינען פאַרהיילט געוואָרען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. אָבער נייע שוועריגקייטען זיינען אַרויסגעשוואומען. די צוויי וויכטיגסטע, זיינען געווען די „אוט אָוו טאון” לאַגע און ברוקלין.

„אוט אָוו טאָון”, ניט קיין נייער פּראָבלעם איז אָבער פאַרשאַרפט געוואָרען אין יענער צייט. די דזשאָבערס פון די ביליגערע מלבושים האָבען אַרויסגעשיקט די גרעסטע טייל פון זייער אַרבעט אויסער ניו־יאָרק, אין די צענדליגע שטעדטלאַך פון אָפּסטייט, ניו־דזשערסי און קאָנעקטיקוט, וואו די אַרבעטס באַדינגונגען זיינען געווען אַ סך נידע־ריגער פון ניו־יאָרק. דער רעזולטאַט איז געווען, די סעזאָנען אין ניו־יאָרק זיינען שטאַרק איינגעשרונקען. די קלאָוקמאַכער באַשעפּ־טיגט באַ די ביליגערע קליידער, האָבען גאַרבעט זייער ווייניג און ניט באַוויזען צו פאַרדינען אויף אַ מינימום עקזיסטענץ.

ברוקלין ווידער איז אויסגעוואקסען צו אַ צענטער פון קאָנ־טראַקטאָרס אין וועמענס שעפּער, ווי אַ כלל, האָט געהערט ניט־יוניאָן באַדינגונגען. דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער און זייערע באַלעבאָטים זיינען געווען איטאַליענער. אַ קאָנטראַקטאָר פלעגט אַריינגעמען אַ באַקאַנטען אָדער אַ פריינד, אים צוזאָגען אויסצולערנען די מלאכה פון נייען, און דערווייל אים צאָלען אַ פּיל קלענערען גע־האַלט. יענער האָט ביסלעכווייז אַריינגענומען זיינע אייגענע באַקאַנטע און קרובים. אַזוי איז אויסגעוואקסען אַ ניט־יוניאָן צענטער אויף

יענעם זייט איסט ריווער, אָדער ווי מען רופט דאָס אויף טרייד יוניאָן לשון, אַן אָפּען־שאָפּ שטאָדט; אַן ערנסטע געפאַר פאַר די שווער דערוואָרבענע באַדינגונגען אין מאַנהעטען און אַן אומגליק פאַר ברוקלין גופא. די שעדלאַכע לאַגע האָט אָנגעהאַלטען ניט געקוקט אויף די ענערגישע פאַרזוכען, אין 1931, ווען ב. קאַפּלאַן איז געווען סופּערווייזאָר אין ברוקלין; און שפּעטער, 1938, אונטער דעם צענטראַליזאַציע פּלאַן.

דער נייער גענעראַל מענעדזשער, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דער יוניאָן פירערשאַפט, האָט באַלד זיך גענומען צו לייזען די צוויי פּראָבלעמען וואָס האָבען געפּלאָגט די יוניאָן פאַר אַ לאַנגער צייט.

דער „פיינבערג פּלאַן" פאַרגרינגערט די אַוט אָוו טאַון לאַגע.

די ערשטע לייזונג וואָס איז באַקאַנט געוואָרען מיט'ן נאָמען דער „פיינבערג פּלאַן", איז באַשטאַנען אין באַוואָרענען דורך אַן אָפּ־מאַך, אַז די דזשאָבערס זיינען פאַרפּליכטעט צו גאַראַנטירען ניו־יאָרק אַ געוויסע פּראָפּאָרציע פון זייער אַרבעט. צו מאַכען מעגלאַך אָט די נייע איינאָרדנונגען, האָט פיינבערג געענדערט דעם סיסטעם פון שליכטען פּרייזען. דער פריהערדיגער סיסטעם איז געווען הויכע פּרייזען — אויף פּאַפּיר. און כאָטש אין דער ווירקלאַכקייט זיינען די געצאָלטע פּרייזען געווען נידעריגער, האָבען אָבער די באַלעבאַטים מורא געהאַט טאָמער באַשליסט די יוניאָן זיי האַלטען פאַראַנטוואָרט־לאַך פאַר די געשליכטעטע הויכע פּרייזען. די יוניאָן קען דאָך צו יעדער צייט ברייגנען אַ דזשאָבער צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן און צווינגען אים נאָכצוקומען די פאַרשטענדיגונג, דערגרייכט אָנהויב פון סעזאָן. די דערקלערונג פאַר אַזאַ אומרעאַלער סיסטעם, האָט געשטאַמט פון דעם גלויבען, אַז הויכע פּרייזען, אַפילו ווען בלויז אויפ'ן פּאַפּיר, מיינט אויפהאַלטען דעם הויכען סטענדאַרד פון די קלאָוקמאַכער. אין דער ווירקלאַכקייט האָט די מעטאָדע געאַרבעט געגען די קלאָוק־מאַכער. „באַנדלאַך" פון ביליגערער אַרבעט הויפּטזאַכלאַך, האָבען זיך נאָכאַנאַנד אַרויסגעשאַרט פון ניו־יאָרק'ער שעפּער.

רעדט צו אַרבעטער פון אָוט אָוו טאָון.

פיינבערג האָט געענדערט די סיסטעם פון שליכטען פּרייזען: איינגעפירט אַ פּרייז ליסטע אין איינקלאַנג מיט דער ווירקלאַכקייט.

דערפאַר האָט דער דזשאָבער זיך פאַרפליכטעט, אַז ווייניגסטענס דרייסיג פּראָצענט פון זיין אַרבעט וועט אויפגעגעבן ווערען אין ניו־יאָרק׳ער שעפּער. דאָס האָט אָפּגעשטעלט דעם ריזיגען שטראָם פון אַרבעט פון ניו־יאָרק און געהאָלפען צו נאָרמאַליזירען די לאַגע. די סעזאָנען אין די שעפּער וואָס אַרבעטען אויף די ביליגערע סאָרטען מלבושים זיינען געוואָרען לענגער און במילא די פאַרדינסטען גרעסער.

אין 1943 האָט פיינבערג אַריינגעשטעלט אָט די גאַראַנטיע אין דעם אָפּמאַך מיט דער אַסאָסיאיישאָן פון קינדער קליידער, וועמענס מיטגלידער זיינען געווען די גרעסטע ליפעראַנטען פון אַרבעט אויסער ניו־יאָרק. דער אָפּמאַך האָט פאַרפיקסירט דעם פיינבערג פּלאַן און אים געמאַכט אָפיציעל. פאַר ניו־יאָרק האָט דאָס געמיינט אַרום הונדערט טויזענד מלבושים מער — אין פרילינג סעזאָן אַ קענטיגע פאַרבעסערונג.

פיינבערג האָט זיך ניט באַנוגענט מיט דעם דרוק אויף באַלע־באַטים. פאַר אים איז קלאָר געווען: אַזוי לאַנג ווי אַרבעטער אַוט אָוו טאַון, יונג אין דער אינדוסטריע, זיינען וויליג צו אַרבעטען אויף נידעריגע פּרייזען, וועלען זיי און די ניו־יאָרק׳ער קלאָוקמאַכער זיין קרבנות פון ביליגער אַרבעט. ער האָט דעריבער אונטערנומען אַ רייזע איבער דער טעריטאָריע פון אויסער ניו־יאָרק און גערעדט צו די אַרבעטער. פיינבערג האָט זיי דערקלערט די לאַגע און זיי אויפגעפאָדערט צו פאַרלאַנגען אַ לוין העכערונג פון פינף דאָלאַר אַ וואָך. זיין רוף האָט געפונען אַ טיפען אָפּקלאַנג. די אַרבעטער פון אַוט־אָוו־טאַון האָבען אים געפאָלגט. די פינף דאָלאַר העכערונג האָט נאָך מער געהאָלפען צו נאָרמאַליזירען די לאַגע. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צוטרויען פון די אַרבעטער אין פיינבערג׳ס רייד: עס זיינען געווען איינצעלנע פאַלען וואו אַן אָרטיגער ביזנעס־אַגענט האָט פּרו־בירט צו שליכטען מיט׳ן באַלעבאָס פאַר ווייניגער פון פינף דאָלאַר, די אַרבעטער האָבען דורכאויס באַשטאַנען אויף דער פולער העכע־רונג.

אַ גאַנץ אַנדערע באַהאַנדלונג האָט זיך געפאָדערט אָפּצואווישען דעם אָפּען־שאָפּ נעסט וואָס האָט זיך צוזאַמענעקסען אויף יענער זייט בריק, אין דער אויסגעשפּרייטער ברוקלין. די שעפּער אַוט־אָוו־טאַון האָבען שוין באַלאַנגט צו דער אינטערנעשאַנאַל; ברוקלין איז געווען אַ ווילדער פעלד, נאָר ענערגישע דראַסטישע מיטלען האָבען געקענט איינפלאַנצען דאָרטען אַ טיכטיגען יוניאָן קאָנטראָל.

ברוקלין ווערט אַ יוניאָן שטאָדט.

דער פאַקט וואָס די מערסטע קאָנטראַקטאָרס און אַרבעטער זיינען געווען איטאַליענער האָבען געגעבען די לעצטע די מעגלאַכ־קייט אַנצוטרייבען אַ העצע געגען דער יוניאָן, וואָס איז אַריינגעקומען אין ברוקלין מיט אַן אָרגאַניזיר קאַמפּאַניע. די קאָנטראַקטאָרס האָבען געזוכט איינצורײדען זייערע אַרבעטער אַז די גאַנצע קאַמפּאַניע איז בלויז אַ כיטרער שריט מצד די ניו־יאָרק׳ער קלאָוקמאַכער אַרויס־צורייסען דעם ביסען ברויט פון מויל פון די ברוקלינער איטאַליענישע קלאָוקמאַכער. העצען איז נישט שווער. העצע, פאַרדראָסלאַך, געפינט אָפט אַ טיפערען אָפּקלאַנג אין מאַסען מענשען ווי אויפקלערונג, געצילט זיי אַרויסצופירען פון אַ שלעכטער לאַגע. דאָס מאָל איז די העצע ניט געווען פרוכטבאַר.

די דזשאָינט באָארד האָט אַריינגעוואָרפען אַ גרופּע טעטיגע טוער אין ברוקלין. נאָך אַ צוגרייטונג אַרבעט איז אָנהייב 1940, אַרויסגע־רופען געוואָרען אַן אַלגעמיינער סטאָפּעדזש, (אָפּשטעל פון אַרבעט). אַלע זייערע באַוואָרענישען האָבען די קאָנטראַקטאָרס ניט געהאָלפען. אַפילו די „שטאַרקע״ פון זיי, וואָס האָבען געגלויבט אַז זיי געניסען אַ ספּעציעלען שוץ און אימיוניטעט פון דער יוניאָן, האָבען זיך געמוזט בויגען. די זאַך איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג ווי די ווערטער קומען אַרויס אויפ׳ן פּאַפּיר. יוניאָן טוער און סטרייקער זיינען אַ סך מאָל צושלאָגען געוואָרען פון געדונגענע פּראָפעסיאָנעלע שלעגער. די פּאָליציי האָט אויך דאָ און דאָרטען געזוכט צו באַשיצען די באַלע־באַטים. אָבער די צוגרייט־אַרבעט און די שטאַרקע מיה וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרען אין ברוקלין האָבען געבראַכט די געוואונשטע רעזולטאַטען. ברוקלין איז געוואָרען אַ יוניאָן שטאָדט. דער איטאַ־ליענישער לאָקאַל 48 האָט צוגעפּאַסט זיין טעטיגקייט צו דער נייער סיטואַציע. אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרען איז דער לאָקאַל געוואַלטיג אויסגעוואַקסען הויפּטזאַכלאַך צוליב די נייע אַרבעטער, איטאַליענער, וואָס זיינען אַריין אין דער אינדוסטריע. וויס־פּרע־זידענט עדוואַרדאָ מאָליסאַני, איז סעקרעטער־מענעדזשער פון דעם לאָקאַל.

איצט געפינט זיך ברוקלין אונטער יוניאָן קאָנטראָל. די אַרבע־טער דאָרטען געניסען פון דיזעלבע יוניאָן דערגרייכונגען ווי די אַרבעטער אין ניו־יאָרק. דאָסזעלבע איז ריכטיג וועגען זייער בייטראָג צו דער יוניאָן. ברוקלין איז איצט אַ ספּעציעלער דעפּאַרטמענט פון דער יוניאָן מיט אָפּטיילונגען אין אירע פאַרשידענע טיילען.

די געשטיגענע פאַרדינסטען אין די מלחמה יאָרען.

סוף 1941 איז געקומען די יאפּאַנעזישע אַטאַקע אויף פּערל האַרבאָר. אַמעריקאַ איז אַריין אין דער וועלט מלחמה. מיליאָנען יונגע לייט זיינען צוגענומען געוואָרען אין די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון מיליטערישער דינסט. נאָך מיליאָנען מענער און פרויען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער אינדוסטריע. די צאָל באַשעפטיגטע האָט דערגרייכט קרוב צו זעכציג מיליאָן. אַ סך נויטווענדיגע זאַכען זיינען פאַרשוואונדען פון מאַרק. די מלחמה־אָנפירונג האָט זיך געגויטיגט אין זיי. די מיליאָנען פרויען אין דער אינדוסטריע, און אין הויז האָבען באַקומען אַ הויכען קויף־מעגלאַכקייט און ווייניג זאַכען צו קויפען. אין דער קליידער אינדוסטריע איז געוואָרען זעהר ביזי. קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער וועלכע האָבען יאָרען לאַנג זיך צוגעוואוינט צו קורצע סעזאָנען, האָבען פּאַקטיש פאַרגעסען וואָס צווישען סעזאָנען מיינט. די פולע באַשעפטיגונג האָט אויך אַריינגעבראַכט נייע טויזענדער מיטגלידער אין דער יוניאָן. אַלע לאָקאַלען האָבען אַריינגענומען נייע מיטגלידער. שטאַרק געוואַקסען האָט לאָקאַל 23 סקוירט און ספּאָרטוועער אַרבעטער, פון וועלכען לויס ריעס איז מענעדזשער.

די יוניאָן האָט געטאָן איר פליכט צו באַפעסטיגען די גינסטיגע פּאָזיציעס פון אירע מיטגלידער. די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט באַשריינקונגען אויף לוין פאָדערונגען. סטרייקס האָבען באַדאַרפט אויסגעמידען ווערען. יעדע לוין העכערונג האָט געמוזט באַשטעטיגט ווערען פון דער נײשאָנאַל וואָר לייבאָר באָארד. פונדעסטוועגען איז די קלאָוקמאַכער געלונגען צו הויבען זייערע פאַרדינסטען אויף אַ באַדייטענדיגער מאָס. ווען דער יקרות האָט באַוויזען זיין פינסטערען פּרצוף, האָט די יוניאָן אָנגענומען מיטלען אויפצוהאַלטען דעם לעבענס סטענדאַרד פון די קלאָוקמאַכער. אַלגעמיינע לוין העכערונגען און אינדיווידועלע אויסגלייכונגען אין שעפּער זיינען דורכגעפירט געוואָרען ביז סוף פון 1946. די פאַרדינסטען פון די קלאָוקמאַכער האָבען ניט געליטען.

לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון דער פעדעראַלער לייבאָר ביוראָ און פון דעם סטייט לייבאָר דעפּאַרטמענט, זיינען די פאַרדינסטען פון די קלאָוקמאַכער, לויט דער שטונדע, געווען צווישען די סאַמע העכסטע אין לאַנד. נאַטירלאָך דאָ און דאָרטען זיינען פאָרגעקומען קלענערע רייבונגען מיט באַלעבאַטים, סיכסוכים איבער „סטאָפּעדזשעס" אין איינצעלנע שעפּער, וועלכע די יוניאָן האָט

געזוכט אויסצומיידען. די אַלע זאַכען זיינען געווען אומפּאַרמיידלאַך אין אַזאַ אָנגעשטריינגטער צייט. גוטע בעלי־מלאכות האָבען אויס־געפעלט ; און די אַרבעטער האָבען געפילט אַז זיי זיינען בארעכטיגט צו אַ עטוואָס גרעסערען חלק, פון די פעטע פּראָפיטען וואָס זייערע אַרבעטער־געבער מאַכען.

אין דער ביאָגראַפיע איז ניט מעגלאַך זיך אָפּצושטעלען לייגער אויף דעם פעריאָד מיט אַלע זיינע אַנטוויקלונגען. דאָס באַלאַנגט צו געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאַן. אין ראַמען פון דעם בוך קען אַרויסגעבראַכט ווערען נאָר דאָס געשטאַלט פון איזראַעל פיינבערג אויף וויפיל עס האָט געפונען אויסדרוק אין באַפרוכפערען די קלאָוקמאַכער יוניאַן און אין העלפען זי אויסצוטרעטען נייע וועגען פאַר אירע מיטגלידער און פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבעטער בכלל.

דער רעטייערמענט פאָנד אַ צירונג אין אַ לאַנגער קאַריערע.

נאָך זייענדיג אין קאַליפאָרניא, האָט פיינבערג זיך אַרומגעטראָגען מיט אַן אידעע וואָס האָט דענסמאָל אויסגעזעהן ווי אַ וויזיע פון אַן אוטאָפּיסט. די אידעע האָט אָבער געעגבערט אין זיין מאַרך און פון אים ניט אָפּגעטראָטען. ווען די פּראָספּעריטי פון די מלחמה יאָרען איז אָנגעקומען, האָט פיינבערג דערזען אַ מעגלאַכקייט צו פאַרוואַנדלען זיין אידעע אין אַ שטיקווירקלאַכקייט.

אין די פאָרגעשריטענע יוניאָנס איז אַ געוויסער עלעמענט פון אַ וואוילזיין־פּראָגראַם שוין לאַנג אַריינגענומען געוואָרען ווי אַן אינ־טרעגאַלער טייל פון זייער טעטיגקייט, פונקט ווי אַלגעמיינע געזעל־שאַפטלאַכע פונקציעס. מיטגלידער האָבען באַקומען הילף און שטיצע ניט בלויז אין זייערע פאַרזוכען צו הייבען זייער לעבענס סטענ־דאַרד דורך בעסערע באַדינגונגען אין שאַפּ, נאָר אויך אויסערן שאַפּ. יוניאָנס האָבען אויפגעהאַלטען ספּעציעלע פאָנדען פאַר קראַנקע און נויטבאַדערפטיגע מיטגלידער. אַ סך יוניאָנס, צווישען זיי לאָקאַלען פון דער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד האָבען אויפגעשטעלט פאָנדען פאַר קראַנקע. די מיטגלידער האָבען געצאָלט צו די פאָנדען.

אין די לעצטע יאָרען איז עטלאַכע יוניאָנס, (הויפּטזאַכלאַך דער דרעסמאַכער יוניאָן, און לאָקאַל 23 פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן) געלונגען אַריינצושרייבען אין די אָפּמאַכען מיט די באַלעבאַטים אַ פונקט וועגען אַ העלט און וואַקאַציע פאָנד. דאָס איז געווען אַ נייער, זייער וויכטיגער אָפּנויג פון דער אַלטער פּראַקטיקע. דאָס האָט

אויסגעברייטערט די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון דעם אַרבעט־געבער. ער איז געוואָרען אַ שותף אין דער אויפגאַבע אויפצוהאַלטען זיינע אַרבעטער אין אַ בעסערען געזונט צושטאַנד דורך באַצאַלטער וואַקאַציע. ער איז אויך אָנגעלאָדען געוואָרען מיט דער באַדייטענדיגער פליכט זיי צו באַזאָרגען מיט אַ מינימום מעדיצינישער הילף אין פאַל פון קראַנקהייט.

די עטאַבלירונג פון אַ פאָנד פאַר געזונטהייט און וואַקאַציע, אויפגעהאַלטען אויסשליסלאַך דורך ביישטייערונגען פון די באַלעבאַטים, איז געווען אַ לאַנגער שריט אויפ'ן וועג פון אַ וואוילזיין פראָגראַם פון גרויס נויטווענדיגקייט פאַר די אַרבעטער. די אויסגאַבען פאַרבונדען מיט קראַנקהייט און מעדיצינישער אויפפאַסונג פאַלען ווי שווערע לאַסט אויף מענשען מיט אַ דורכשניטלאַכען איינקונפט. די נייע פאָנדען, צוליב זייער קאָלאָסאַלען נוצען האָבען זיך פאַרשפרייט מיט אַ בליציגער שנעלקייט איבערן לאַנד.

פיינבערג'ס געדאַנק איז געגאַנגען ווייטער און טיפער. זיין אידעע האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע סאָרט פאַראַנטוואָרטלאַכקייט מצד דעם אַרבעטגעבער, געבויט אויף אַ רעוואָלוציאָנערען פּרינציפּ, אַז די אינדוסטריע איז שולדיג אַ מינימום עקאָנאָמישע זיכערקייט צו די יעניגע אַרבעטער, וועלכע האָבען אַוועקגעגעבען אַ לעבען זיי אויפצובויען. פיינבערג האָט געפּילט דעם פּיין פון „אַל תשליכנו לעת זקנה", וואָס פּלאָגט אַזוי פיל עלטערע אַרבעטער. אַ באַדייטענדיגער טייל פון די אַרבעטער אין דער קלאָוק אינדוסטריע זיינען אין מיטלען עלטער און העכער. נאָך צענדליגער יאָרען אין שאָפּ, פאַרבלייבען זיי הילפלאָז און אין נויט. דורך זייער שווערער פּראַצע האָבען זיי געהאָלפען דער ראַשיגער אויסשפּרייטונג און וואוקס פון דער אינדוסטריע; ווען די כוחות דערלויבען זיי ניט ווייטער אַרבעטען, פאַלען זיי אַרויס פון שאָפּ ווי איבעריגע, אָן דער מינדעסטער באַזאָרגונג אויף זייער עלטער. די אינדוסטריע דרייט אָפּ איר קאָפּ פון זיי און לאָזט זיי איבער צו זייער שיקזאַל.

באַזיגט סקעפּטעציזם; רעטייערמענט פאָנד איינגעפירט אין 1943.

די אָריגינעלע און געוואַגטע אידעע האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ דאָפּעלטער שווערוגקייט: אויסער די באַלעבאַטים, האָט פיינבערג געהאַט די אויפגאַבע צו איבערצייגען זיינע אייגענע קאָלעגען אין דער פּראַקטישער דורכפירבאַרקייט פון דער געוואַגטער אידעע. די

נייגקייט האָט, ווי אַלעמאָל, געמאַכט מענשען סקעפּטיש. צווישען אַ טייל פון די יוניאָן טוער האָט געהערשט אַ צווייפעל, צי עס איז מעגלאַך פאַר דער יוניאָן צו גאַראַנטירען אירע עלטערע מיטגלידער די צאָלונגען פון דעם געפּלאַנטען ריטייערמענט פאָנד. געווען אויך אַזוינע וואָס האָבען געטראַכט אַז עטלאַכע דאָלאַר אַ וואָך מער אין וועכענטלאַכע פאַרדינסטען איז וויכטיגער און זיכערער ווי אַ צוזאָג פון צאָלונגען אויף דער עלטער.

די באַלעבאַטים האָבען פון אָנהויב בכלל ניט געוואָלט הערען פון אַזאַ מין פאַרפליכטונג פון זייער צד. פיינבערג האָט ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אומדערמידלאַך געשטופּט דעם פּלאַן פאָרויס. צו הילף זיינען געקומען די סטאַטיסטישע אונטערזוכונגען פון די גרויסע לעבענס פאַרזיכערונג קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען באַוויזען אַז דער פּלאַן קען זיין רעאַליסטיש. אויסנוצענדיג די פּראָספּעריטע פון די מלחמה יאָרען, איז דער יוניאָן געלונגען אין די פאַרהאַנדלונגען צו באַנייען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך, דורוצוזעצען איר פאַרלאַנג און איינצו־פירען דעם ריטייערמענט פאָנד ווי אַ טייל פון דעם אָפּלאַך. דאָס איז געווען אין 1943.

די באַלעבאַטים צאָלען צום פאָנד דריי פּראָצענט פון זייער אַלגע־מיינער אַרבייט־קאָסט. אַן אַרבעטער וואָס דערגרייכט זיין 65־טען געבורטסטאָג און וויל זיך צוריקציהען פון אַרבעט איז באַרעכטיגט אַרויפגעשטעלט צו ווערען אויף דער ליסטע פון די פּענסיאָנערען. ער באַקומט פופציג דאָלאַר אַ מאָנאַט, זעקס הונדערט דאָלאַר אַ יאָר, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט.

די פולע באַשעפטיגונג און די גינסטיגע פאַרדינסטען פון די קלאָוקמאַכער אין די מלחמה יאָרען האָבען געהאָלפען אָנצוזאַמלען אַ גרויסען רעזערוו פאָנד וואָס פאַרזיכערט די פאַרפליכטונגען פון דעם ריטייערמענט פאָנד. אין פאַרלויף פון די צוויי און אַ האַלב יאָרען, וואָס די באַלעבאַטים האָבען געצאָלט די דריי פּראָצענט צום פאָנד ביז יולי, 1946, ווען דער פאָנד האָט אָנגעהויבען זיינע אָפּע־ראַציעס, זיינען אָנגעקליבען געוואָרען גענוג רעזערוון, וואָס האָבען מעגלאַך געמאַכט דעם ערשטען יאָר צוריקצוציהען אַרום 750 עלטערע קלאָוקמאַכער. די קוואָטע פאַר דעם צווייטען יאָר — יולי 1947־יוני 1948 איז שוין 950 קלאָוקמאַכער. צוזאַמען מיט די מאָנאַטלאַכע אַפּליקאַציעס וועט דער פאָנד אין 1948 האָבען אויף זיין ליסטע אַרום 1700 צוריקגעצויגענע אַרבעטער. פאַר יעדען איינעם פון זיי איז אַוועקגעלייגט די סומע פון זעקס טויזענד דאָלאַר צו גאַראַנ־טירען די צאָלונגען. צוזאַמען מיט דער פּענסיע וואָס די פעדעראַלע

רעגירונג צאָלט, איז דער עלטערער קלאָוקמאַכער איצט באַוואָרענט מיט אַ מינימום עקאָנאָמישער זיכערקייט. ער דאַרף זיך אויף דער עלטער ניט אַרויסיאָגען די כוחות, ווען די אַרבעט פאַלט אויף אים זייער שווער. וואָס אָנבעלאַנגט דעם פאָנד האָט זיין סורפּלוס קאַפּי־טאַל באַטראָפען, ווען די שורות ווערען געשריבען, אַרום צוועלף מיט אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר. פיינבערג׳ס הייסער באַגער איז באַקליידט געוואָרען מיט בלוט און פלייש.*)

דער גרויסער דערפאָלג פון דעם ריטייערמענט פאָנד, דער ערשטער פון דעם סאָרט אין אַמעריקאַ, האָט אַרויסגערופען אַ סך אָנזעהן אין דער טרייד־יוניאָן וועלט און אין געזעלשאַפטלאַכע קרייזען. עטלאַכע יוניאָנס, צווישען זיי די דרעסמאַכער און די „אַמאַלגאַמיי־טעד" האָבען אויך איינגעפירט אַ ריטייערמענט פאָנד. די פאַר־וואַלטונג פון פאָנד באַקומט אַ סך אָנפראַגעס פון פאַרשידענע יוניאָנס, אוניווערזיטעטען און געזעלשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס וועגען דעם אופן און כאַראַקטער פון דעם פאָנד.

איזראַעל פיינבערג, איז מיט רעכט באַטראַכט ווי דער פאָטער פון אָט דער אָריגינעלער און זייער וויכטיגער אינסטיטוציע. די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז ווידער געווען דער פיאָנער, וואָס האָט צואַקערט אַ נייעם פעלד פאַר דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג.

דער העלט און וואַקאַציע פאָנד.

די ראָלע פון דעם איניציאַטאָר איז ווידער אויסגעפאַלן פיינ־

דער רעטייערמענט פאָנד ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַ באָארד אָוו טראָסטיס, וואָס באַשטעהט פוןביידע צדדים, די יוניאָן און די אַסאָסיאיישאָנס פון די אַרבעט־געבער, און דריי מיטגלידער וואָס פאַרטרעטען די עפענטלאַכע מיינונג. דער טשערמאַן פון דער באָארד, איז דער טשערמאַן פון דער פעדעראַלער אָלד איידזש סעקיוריטי באָארד, אַרטור דזש. אָלטמייער. די אַנדערע צוויי פאָר־שטייער פון פובליקום זיינען מרס. ריימאָנד וו. אינגערסאָל און ריכטער דזשע־ראמאַיע ט. מאַהאָני. די פאָרשטייער פון דער יוניאָן אין דער פאַרוואַלטונג זיינען : איזראַעל פיינבערג, סעקרעטער טרעזשורער פון פאָנד, בענדזשאַמין קאַפּלאַן, טשערמאַן אַדמיניסטראַטיווער קאָמיטע, איזידאָר נאַגלער, טשערמאַן רולס און רעגוליישאָנס ; דזש. ברעסלאָו, טשערמאַן פענשאָן קאָמיטע ; לואיס היימאַן און עדוואַרדאָ מאַליסאַני. הערבערט זעם איז פאַרוואַלטער פון פאָנד. די ערשטע טשעקס זיינען אויסגעטיילט געוואָרען אין אַ פייערלאַכער צערעמאָניע, דורכגעפירט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג יולי דעם 11־טען 1946 אין דער סענטראַל נידעל טריידס האַי־סקול. פּרעזידענט דייוויד דובינסקי איז געווען דער הויפּט רעדנער.

בערג'ן אין 1946. דער יקרות איז נאָכאַנאַנד געשטיגען און די יוניאָן האָט זיך באַנוצט מיט דעם באַוואוסטען „עסקאַלייטאָר" (באַוועגלאַכע שטיגען) פונקט פון אָפּמאַך, צו פאַרלאַנגען אַן ענדערונג אין דעם פרייז סיסטעם. די זאַך איז געגאַנגען צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן. דאָ האָט פיינבערג געזען אַ מעגלאַכקייט דורכצופירען אַ צווייטען פּלאַן, געזונדהייט און וואַקאַציע פאַנד. אויך דאָס איז ניט אַנגעקומען גרינג. אין מיטען פון אַן אָפּמאַך זיינען אַרבעטגעבער ניט שטאַרק להוט צו נעמען אויף זיך נייע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען. (זיי זיינען קיינמאָל ניט להוט דאָס טאָן). די יוניאָן ווידער פאַרמאָגט דאַן ניט קיין וואָגיגען מיטעל ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגען אַזאַ נייע אינסטיטוציע; זיינען טאַקע געווען צווייפלער אין דעם דערפאָלג פון אַזאַ פאַרלאַנג.

פיינבערג מיט זיין שטענדיגען ברען און ענערגיע האָט געשטויסען די זאַך פאָרויס. ער האָט איבערגעוואונען אויף זיין זייט די צווייפלענדיגע קאָלעגען. די יוניאָן האָט באַגלייט איר פאַרלאַנג מיט איבערצייגענדיגע פאַקטען און דער אומפּאַרטייאישער אויסגלייכער אַרטור ס. מייער, טשערמאַן פון דער סטייט לייבאָר מעדיאיישאָן באָארד האָט ענטשידען צו גונסטען דעם העלט און וואַקאַציע פאַנד. די קלאָוקמאַכער האָבען געוואונען זיבען דאָלאַר און פינף דאָלאַר אַ וואָך אַ לוין העכערונג, פּלאָס דעם פאַנד. די באַלעבאַטים צאָלען צום פאַנד דריי און אַ האַלב פּראָצענט פון זייערע אַרבעט־קאָסטען.

זעקס מאָנאַטען שפּעטער, דעם ערשטען יאַנואַר, 1947, האָט דער פאַנד שוין אָנגעהויבען אויסצוצאָלען קראַנקייט בענעפיטען און האָספּיטאַל אויסגאַבען. יוני פון זעלבען יאָר זיינען אויסגעטיילט געוואָרען די ערשטע וואַקאַציע צאָלונגען וואָס באַטרעפען פאַר יעדען קלאָוקמאַכער פון די גרעסטע פאַכען צו זעכציג דאָלאַר. צוויי און אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר איז אויסגעצאָלט געוואָרען. די ברייטע, סיסטעמאַטישע פּראָגראַם פון מעדיצינישער אויפּפּאַסונגען און וואַקאַציע, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזען צו זיין פון געוואַלדיגער באַדייטונג פאַר טויזענדער קלאָוקמאַכער. די צאָלונגען פאַר דער האָספּיטאַליזאַציע אַליין קענען באַטרעפען ביז 300 דאָלאַר פאַר אַן איינצעלנעם חולה. דער העלט און וואַקאַציע פאַנד איז פאַרוואַלטעט אויסשליסלאַך פון דער יוניאָן. *)

פיינבערג'ס באַשטעהן אויף די צוויי פאָנדען האָט געשטאַמט פון צוויי מאָטיוען. ערשטענס, זיין טיפע איבערצייגונג אַז די צוויי נייע

---

*) פאַרוואַלטער פון פאַנד איז הערי קרוגמאַן.

אינסטיטוציעס זיינען פון אומגעהויער פרינציפּיעלער און פּראַקטישער באַדייטונג פאַר דער יוניאָן און פאַר אירע מיטגלידער; וויכטיגער ווי מיט אַ פּאָר דאָלאַר מער אַ וואָך. צווייטענס, זיין לאַנגע דערפאַ־רונג אין דער יוניאָן האָט אים איבערצייגט, אַז אַ פּרייז סיסטעם אָדער אַ וועכענטלאַכער פאַרדינסט איז סוף כל סוף אַ פּליסיגע זאַך. אין נאָרמאַלע צייטען ווערט דאָס אויפגעהאַלטען און אין שלעכטע צייטען זוכען די באַלעבאַטים (און אַ מאָל טאַקע מיט דערפאָלג) אַרונטער־צוקוועטשען די פאַרדינסטען. אַנדערש איז מיט אַן אינסטיטוציע וואָס פאַרטרעט אַ וויכטיגען פּרינציפּ. אַפּצושאַפען אַן אינסטיטוציע וואָס איז שוין איינגעפירט אין לעבען און איינגעפעדעמט אין קאָלעק־טיוועו אָפּמאַך, וועלען די באַלעבאַטים קיינמאָל ניט באַוויזען אַזוי לאַנג ווי די יוניאָן וועט עקזיסטירען. די קלאָוקמאַכער יוניאָן — זאָגט פיינבערג — פאַרמאָגט אַזאַ טבע, זי לאָזט ניט צוריקנעמען אירע פּאָזיציעס; דאַריבער, איז די איינפירונג פון אַ פאָנד פאַר עלטערע אַרבעטער און די איינפירונג פון אַ פאָנד פאַר קראַנקע אַרבעטער און באַצאָלטע וואַקאַציע פאַר אַלע אַרבעטער פיל וואָגי־גער און סאָלידער ווי נאָך אַ פּאָר סענט באַם שליכטען פּרייזען, אַ זאַך וואָס איז נאַטירלאַך אויך גאַנץ וויכטיג.

די נייע היים און דער 35־טער יובליי.

די וואַקסענדיגע צווייגען פון טעטיגקייט האָבען געמאַכט שאַר־פער די ענגשאַפט אין דער יוניאָן קוואַרטיר. אַן ענגשאַפט וואָס האָט זיך געפילט שוין אַ לענגערע צייט. אַ נייע גרעסערע און באַ־קוועמערע העדקוואָדערס איז געוואָרען אַ נויטווענדיגקייט. דער הערשענדיגער ווידערגעפיל צו „ריעל עסטייט" איז פאַרביטען געוואָ־רען מיט אַ רעאַליסטישען צוגאַנג צו דעם ענין. די אינטערנעשאָנאַל אַליין און אַ פּאָר פון אירע יוניאָנס, האָבען געקויפט הייזער און די רעזולטאַטען זיינען געווען גוטע. די יוניאָן פירערשאַפט האָט באַ־שלאָסען צו קויפען אַן אייגענע היים. ניט גרינג איז געווען דורכ־צופירען אַזאַ באַשלוס אין אַ צייט פון אַ שווערען מאַנגעל אין הייזער. דאָס הויז איז פאָרט געקויפט געוואָרען. די קלאָוקמאַכער האָבען בייגעשטייערט מיט אַ טאָג אַרבעט פאַר דער נייער יוניאָן היים. אַזוי האָט די אַלטע יוניאָן באַקומען נייע פונקציעס און אַ נייע היים פון וואַנען צו קענען די פונקציעס בעסער דורכפירען.

געשטויסען פון אַ דראַנג צו נייע געווינסען, האָט די יוניאָן ניט פאַרזעהן אַ וויכטיגע צייט אָפּשניט אין דעם לעבען פון די קלאָוק־

מאַכער, דעם היסטאָרישען גענעראַל סטרייק פון 1910. דער 35 יאָר־טאָג איז געפייערט געוואָרען אויף אַ גרויסאַרטיגען שטייגער, אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, מיט אַ רייכער אינטערעסאַנטער פּראָגראַם. אַ גרויסער און פּרעכטיגער בוך איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צו פאַרצייכענען די קאָלאָסאַלע געשעהענישען וואָס האָט אָוועקגעשטעלט די קלאָוקמאַכער יוניאָן אויף אַ פעסטען באָדען. דאָס בילד פון יענע היסטאָרישע טעג איז אויפגעלעבט געוואָרען דורך וואָרט און דורך צייכנונג. די פייערונג האָט געדינט ווי אַ סטימולאַנט און האָט אַריינגעבראַכט אַ סך קוראַזש און אויפלעבונג אין די רייען פון דער יוניאָן.

אַ פינף יאָריגער קאָלעקטיווער אָפּמאַך.

צו פיינבערג׳ס איניציאַטיווע באַלאַנגט אויך דער לאַנג־טער־מיניגער אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים. ביז 1943 האָט מען אין דעם פאַרגעשריטענעם טייל פון דער אַרבעטער באַוועגונג, צו וועלכער אַזאַ יוניאָן ווי די קלאָוקמאַכער באַלאַנגט, ניט געוואוסט און ניט געטראַכט פון אַ פינף יאָריגען אָפּמאַך. אַזאַ טערמין איז באַטראַכט געוואָרען ווי אַ קאָנסערוואַטיווער שריט וואָס איז אַפילו שעדלאַך.

פיינבערג האָט זיך אָריענטירט אויף דער גרעסערער מאָס סטאַ־ביליטעט וואָס אַזאַ לאַנגער אָפּמאַך וועט ברענגען דער אינדוסטריע. און סטאַביליטעט אין אַ האַלז־שניידענדיגער, מאָדע אינדוסטריע, איז לעבענס זאַפט. די מורא אַז אַ לאַנגער טערמין וועט בינדען די יוניאָן הענד און פיס ווי די פּראַקטיקע האָט באַוויזען אין אַ פּאָר קאָנסערוואַ־טיווע יוניאָנס, איז באַזייטיגט געוואָרען דורך דעם „עסקעלייטאָר״ פונקט וואָס באַוואָרענט פאַר דער יוניאָן די מעגלאַכקייט צו פאַרלאַנ־גען ענדערונגען, ווען די לאַגע ענדערט זיך, אַ זאַך וואָס איז פריהער קיינמאָל ניט איינגעפירט געוואָרען אין די לאַנג טערמיניגע אָפּמאַכען פון יענע יוניאָנס.

די פאַרגאַנגענע פיר יאָר פון דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך האָבען באַשטעטיגט די איינשטעלונג. די קלאָוקמאַכער זיינען ניט ענטוואפענט געוואָרען צוליב דעם לאַנגען טערמין. די יוניאָן האָט אין די פיר יאָר אַרויסגעקראָגען פון די אַרבעט־געבער דורך דעם רעגולערען און איינגעשטעלטען קאַנאַל, דעם אומפּאַרטייאישען טשערמאַן, צוויי אַלגע־מיינע לוין העכערונגען, אַ רייע אויסבעסערונגען, און דעם העלט און וואַקאַציע פאָנד. עס ווייזט זיך אַרויס אַז דער געפאַר ליגט ניט אין אַ לענגערען אָפּמאַך גופא, נאָר אין דעם אופן ווי ער איז געשלאָסען

און אין דעם גראַד וואַכזאַמקייט און ענערגיע וואָס די יוניאָן ווייזט אַרויס צו אַ געענדערטער סיטואַציע, וואָס פאָדערט ענדערונגען אין די אַרבעט באַדינגונגען. דער חסרון פון יענע אָפּמאַכען וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען ווי אַ שטריק אויפ׳ן האַלז פון די אַרבעטער, (די דרוק אַרבעטער אין ניו־יאָרק אין 1918 צום ביישפּיל) איז באַשטאַנען אין דעם מאַנגעל פון באַוואָרענישען און אין דעם עצם כאַראַקטער פון דער קאָנסערוואַטיווער יוניאָן פירערשאַפט.

אַ פינף יאָר אָפּמאַך מיט אַרבעטער־געבער האָט פאַרענדיגט מיט אַן איינגעוואָרצעלטען פאַראורטייל וואָס האָט עקזיסטירט אין פאַר־לויף פון אַ לאַנגער צייט אין דער פּראָגרעסיווער טרייד יוניאָן וועלט. עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אַ צווייטער ענלאַכער פּרעצעדענט איז צושמעטערט געוואָרען ווען די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט, אין 1921, אַרויסגענומען אַ געריכט־פאַרבאָט (אינדזשאַנקשאַן) געגען די באַלעבאַטים פאַר זייער אָפּברעכען דעם אָפּמאַך. אויך דענסמאָל זיינען געווען ראַדיקאַלען וואָס האָבען זיך געקרימט געגען אַזעלכע „קאַפּיטאַליסטישע” מעטאָדען וואָס פּאַסען ניט כלומרשט אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. איצט, איז ווענדען זיך אין געריכט געגען באַלעבאַטים — אַ פּראַקטיקע וואָס די באַלעבאַטים האָבען דערפונדען און טיכטיג באַנוצט געגען זייערע אַרבעטער — געוואָרען אַן אַלגע־מיינע דערפאַרונג אין יוניאָנס, אונאָבהייניגיג ווער זייערע פירער זיינען.

אויף דעם גורל פון פיינבערג, זיינע קאָלעגען, — די באַאַמטע געגען פון דזשאָינט באָאַרד* און די לאָקאַל־מענעדזשערס איז אויס־געפאַלען ניט בלויז אויסצוטרעטען נייע וועגען, נאָר אויך אָפּצושאַפען איינגעזעסענע פאַראורטיילען און טראַדיציעס וואָס האָבען אָפּגעלעבט זייער נוצלאַכקייט.

אין אונזער קאָמפּליצירטער און נאַכאַנאַנד פליסיגער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געזעלשאַפט, מוזען די מענשען וועלכע שטעהען באַם רודער פון אַ טרייד יוניאָן אַרויסווייזען אַ סך בויגזאַמקייט, אויב זיי

---

*) אויסער דעם דזשענעראַל מענעדזשער, האָט די דזשאָינט באָארד אַ פאָר־זיצער, מאָו דיימאָנד ; אַ סעקרעטער, לואיס ע. לאַנגער ; און אַ טרעזשורער, מאָריס דזש. אַשביז. דיימאָנד איז אַ קאַטער (אַ צושניידער) און אַרבעט אין שאָפּ. לאַנגער און אַשביז, פיינבערג׳ס נאָהענסטע מיטאַרבעטער, זיינען געוואָרען טעטיג אין דער יוניאָן יונגערהייד. לאַנגער, פאַרנעמט זיין איצטיגען אַמט זינט 1934 ; אַשביז, זינט יוני 1930.ביידע זיינען אַקטיוו אין דער אידישער און אַלגעמיינער באַוועגונג. עס דאַרף אויך באַטאָנט ווערען, אַז פיינבערגס באַציהונגען מיט זיי און מיט די מענעדזשערס פון די לאָקאַלס זיינען די סאַמע פריינדלאַכסטע.

ווילען ניט, אַז זייער אָרגאַניזאַציע זאָל ווערען פאַרגליווערט און זאָל זיך קייקלען באַרג־אַרונטער. געענדערטע סאָציאַלע כוחות־פאַרהעלטענישען און באַציהונגען, פאָדערען אַ נייעם באַגריף און צוגאַנג, און אַ געענדערטע טאַקטיק. די קלאָוקמאַכער יוניאָן פאַרמאָגט אַזאַ פירערשאַפט.

עלעפטער קאַפּיטעל.

פײַנבערג לעבט זיך אויס אין זײַן אַרבעט. — אַ דעמאָקראַט לויט טיפער איבערצײַיגונג. — זײַן לעבענס פילאָסאָפיע. — לייענט אַ סך. — איז טעטיג אין אידישע קולטור אינסטיטוציעס. — זײַן גרויסע אַרבעטזאַמקייט. — האָט אויסגעמידען די גלגולים פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. — די קלאָוקמאַכער האָבען מיר אַלצדינג געגעבען און אַלצדינג אין מיר באַלאַנגט צו זיי, איז זײַן מאָטאָ.

גאַנצקייט און אָפּטימיזם.

עס ליגט אין סאַמע וועזען פון דער אַרבעטער באַוועגונג אײַנצושלינגען דאָס לעבען פון אירע טוער. באַזונדערס איז דאָס אָנגעמאָסטען אויף די טוער פון דער פּראָגרעסיווע און אידישער אַרבעטער באַוועגונג. דאָ איז טראַדיציאָנעל די אײַנשטעלונג — אויך די לאַגע — אַז דער טוער איז ניט בלויז אַ פירער פון זײַן טרייד־יוניאָן; ער רעאַגירט אויף די פּראָבלעמען וואָס שטעהען אויפ'ן טאָג אָרדנונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד. ער איז טעטיג אין אידישע ענינים וואָס זײַנען אין די לעצטע יאָרען אַזוי צאַפּעלדיג־טראַגיש. ער טראָגט אויף זיך אַ סך פליכטען פון וועלכע די מערסטע בירגערלאַכע טוער זײַנען באַפרייט. צייט און ענערגיע ווערען אויסגעגעבען איידער מען באַוויזט זיך אַרום צו קוקען. דאָס לעבען, ווי אינטענסיוו עס זאָל ניט זײַן, ווערט הויפּטזאַכלאַך אַן אײַנזײַטיגע זאַך; דאָס געזעלשאַפטלאַכע פאַרטונקעלט דאָס פּערזענלאַכע.

ווי אין יעדען כּלל זײַנען פאַראַן אויך אויסנאַמען. פײַנבערג געהערט ניט צום כּלל; גיכער איז ער אַן אויסנאַם צווישען דער קאַטעגאָריע טוער. די געזעלשאַפטלאַכע פליכטען פאַרברענען זײַן צייט און ענערגיע. אויף אים קען מען זאָגען אַן איבערטרייבונג, זײַן פּערזענלאַכער לעבען איז אויסגעפילט אין זײַן אַרבעט.

דאַריבער איז געווען אומפאַרמיידלאַך אַז אין דער ביאָגראַפיע זאָל כּמעט אינגאַנצען פעלען דאָס פּערזענלאַכע לעבען פון איזראַעל פײַנבערג, ווי דאָס איז פאַרשטאַנען אין דער ליטעראַטור פון ביאָגראַפיעס. פײַנבערג איז געוואַקסען, זיך אַנטוויקעלט און איז רייף געוואָרען אין זײַן אַרבעטער טעטיגקייט. דאָרטען האָט ער אָפּגעהאַלטען זײַנע נצחונות און דאָרטען האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון מפּלות.

דאָרטען האָט ער — צו באַנוצען אַן אָפּגעריבענעם וואָרט — זיך אויסגעלעבט. פאַרכאַפּט און מיטגעריסען פון סאָציאַלע האָריזאָנטען אין זיין יוגענט, וויקעלט זיך זיין לעבען אַנטקעגען זיי ווי, דער גאַנג פון בילדער אויף אַ לאַנגער פילם. ענטוזיאַזם און געדריקטע שטימונג, האָפענדיגקייט און אָבהענגיגקייט, דערגרייכונג און צוריקטריט, אַלץ קייקעלט זיך הויפּטזאַכלאַך אַרום דעם סאָציאַלען אָביעקט (געגענשטאַנד). דאָרטען וואו אינערלאַכע קאָנפליקטען רייסען זיך אַרויס און דראָהען דעם גלייכגעוויכט פון אַ מענשען, זיינען זיי אויך אַרויסגערופען, אין דער גרעסטער צאָל פאַלען, פון דעם זעלבען סאָציאַלען אָביעקט וואָס האָט זיך אָנגעשטויסען אויף די שטיינער און דערנער וואָס באַפּאַלען דעם וועג פון אַ פירער.

פונדערסטוועגען פאַרלירט ניט דער עכטער טוער זיין פּערזענלאַכקייט. ער גיסט איר אַריין אין זיין סאָציאַלען לעבען. זי באַווירקט זיין געזעלשאַפטלאַכען וועג און קאָלירט זיין צוגאַנג צו זאַכען און זיין באַנעמונג צו מענשען.

אַ דעמאָקראַט ניט בלויז אין איבערצייגונג.

אויב מען זאָל אורטיילען פיינבערג'ס כאַראַקטער, לויט דעם „גוט מאָרגען" וואָס ער זאָגט און דערזאָגט ניט, דאַרף ער זיין אַ האַרטער און אַ קאַלטער מענש. ער איז ביידע זאַכען ניט; כאָטש אָפט איז דעם גוט מאָרגען שווער צו דערהערען פון אים. דאָס מוז שטאַמען פון אינערלאַכער קאָנצענטרירקייט אָדער איינגעבאָרענער שעמעוודיגקייט וואָס אַפילו לאַנגע יאָרען אין דעם עפענטלאַכען לעבען קענען ניט איינגאַנצען אויסוואָרצלען.

פיינבערג איז אַ דעמאָקראַט ניט בלויז דורך טיפער איבערצייגונג, נאָר טאַקע אין כאַראַקטער. ער באַלאַנגט ניט צו די יעניגע פירער וואָס האָבען אַ געוויינשאַפט צו קלאַפּען, גוט־ברודעריש, דעם אַרבעטער אין פּלייצע. דאָס איז ניט זיין נאַטור. ער קען זיך צושרייען, זיין שטריינג, אָבער דאָס זיינען נאָר פאָרמעלע אויסערלאַכע אויסדרוקען. באמת איז ער אַ צוגעלאָזטער, פריינדלאַכער און נאַטירלאַך־דעמאָקראַטישער מענש. אַלעמאָל גרייט צו זיין באַהילפיג. פאַריסענקייט איז זייער ווייט פון אים. ער פאַרטראָגט ניט קיין ביוראָקראַטען און איז אַליין מיילען ווייט פון דעם.

פיינבערג איז ניט קיין דאָגמאַטיקער. ער היינגט זיך ניט אָן אויף אַ קוצי־של־יוד פון אַ וועלט אַנשויאונג אָדער פון אַ פּראָגראַם. מיט אים קען מען דיסקוטירען פראַגען, מען קען מיט אים ניט

זיין איינשטימיג. זיינע איבערצייגונגען זיינען איינגעוואָרצעלט בלויז אין פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען. קומט צו ווייניגער פונדאַמענטאַלע זאַכען, אָדער צו לויפענדיגע פּראָבלעמען, הערט ער זיך צו צו מיי־נונגען פון מענשען, וועלכע גייען זיך פאַנאַנדער מיט אים. אויב ער פילט אַז יענע זיינען גערעכט, וועט ער דאָס צוגעבען.

פיינבערג איז אַ מענש מיט אַ ברייטען פאַרנעם. זיין געדאַנק איז רירעוודיג און באַפליגעלט. ווען ניט אָט די מעלה וואָלט זיין יוניאָן וואַרשיינלאַך געפעלט אַ פּאָר זייער וויכטיגע דערגרייכונגען. ניט אַלע מאָל געלינגט אים צו פאַרווירקלאַכען אַ וויט־גייענדיגען פּלאַן. די האַרטעווירקלאַכקייט איז אָפט גובר וויט־גייענדיגע פּלע־נער. דאָס איז דער גורל פון יעדען איינעם וואָס זיצט ניט אויף אַ הויכען טורעם און חלומ׳ט, נאָר וואָס פילט די שטייפע ערד, אונטער זיינע פיס. אַזאַ מענש מוז זיך ראַנגלען פאַר זיין ווייטזיכטיגקייט; און עקשנותדיג שטופען אַ גרויסען פאַרנעם אין פורעם פון פּראַק־טישער מעגלאַכקייט. ניט אַלעמאָל געלינגט דאָס. דער עצם פאַקט וואָס דער פאַרנעם איז פאַראַן איז פון טיפער באַדייטונג. פאַרנעם אין געזעלשאַפטלאַכע טעטיגקייט, איז אַ טרייב־קראַפט וואָס באַוועגט צו נייע צילען.

די חשיבות פון יחיד — סך הכל פון זיין לעבנס פילאָסאָפיע.

דער גרונטשטיין פון פיינבערג׳ס גייסטיגען באַגאַזש, אָדער אי־דעאָלאָגיע, איז זיין אונטערשטרייכען די חשיבות פון דעם איינצעל־נעם אין דעם סאָציאַלען קיבוץ. דערפון איז אויסגעוואַקסען דער אויסדרוק: ברויט אַליין איז ניט גענוג, דער מענש דאַרף זיין פריי!

נאָך אין חדר האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיגער איינ־דרוק דער פּסוק „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" (ניט אויף ברויט אַליין קען אַ מענש לעבען). דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין מאַרך און איז דאָרטען פאַרבליבען. דעריבער ווען עס איז אים ניט געפעלען געוואָרען די לאַגע אין דער דזשאָינט באָארד, אין אָנ־הייב פון דעם שטורעם אין 1925, האָט ער רעזיגנירט און איז צוריק־געגאַנגען אין שאָפּ.

דער פילאָזאָפישער אַנאַרכיזם האָט אים אימפּאָנירט אין זיין יוגנט; צוליב זיין איינשטעלען זיך פאַר פרייהייט און פאַר די שעפעריש־קייט פון דעם יחיד. די אַלע אַנדערע סאָציאַלע לערעס האָבען, אין זיינע אויגען פאַרקלענערט אָדער אַרונטערגעלאָזט פון דעם ווערט פון דעם יחיד. און די בייזע באַשרייבונג וואָס דער פאָטער פון

מאַרקסיזם האָט באַקומען אין דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור האָט געהאַט אויף פיינבערג'ן אַ ווירקונג. דער אַנאַרכיסטישער טעאָרע־טיקער קראָפּאָטקין, ווידער האָט אים באַצויבערט סאַי מיט זיין קאַמף געגען דער פאַרשקלאַפונג פון דעם יחיד און סאַי מיט זיין פערזענ־לאַכקייט, — אַ מענש אָן גאַל און אָן פּערזענלאַכע אַמביציעס. הײנט ווייסט פיינבערג בעסער. צום באַדויערן, שטימט ניט אָפּט איי־נעמס טעאָריע מיט זיין אויפירונג און אַמביציעס. אין אַנדערע ווערטער, די אידעאָלאָגיע ברעכט זעלטען איבער די איינגעוואָרצעלטע נייגונגען פון אַ מענשען. דער דראַנג צו פּערזענלאַכער פרייהייט איז פאַרבונדען מיט בונטאַרישקייט. דאַריבער האָבען רעוואָלוציאָנערען ווי מאַלעטעסטאַ, טשערקאַסאָוו געהאַט אַ ווירקונג אויף אים. דאָס זעלבע שרייבער ווי איבסען און בערנאַרד שאָו, וויליאַם מאָריס, ניט קיין רעוואָלוציאָנער נאָר אַ הומאַניטאַרישער סאָציאַליסט, האָט אים אימפּאָנירט מיט זיין פאַרביגער אוטאָפּיע „ניוס פראָם נאָווער" (נייעס פון ערגעץ ניט), דאָס זעלבע דער ענגלישער אַנאַרכיסט מעקעי, מיט זיין גרויסער ווערק וועגען דער קולטור־געשיכטע פון נײנצענטען יאָרהונדערט.

אונז איז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אַז קאַרל קאָוטסקי איז גערן געלייענט געוואָרען פון פיינבערג דעם פילאָזאָפישען אַנאַר־כיסט צוליב זיין קלאָר אַקאַדעמישען צוגאַנג צו פראַגען און צוליב זיין פרייהייטלאַכען, ניט־שטייפען באַגריף איבער דער מלוכה'שקייט אין דער קינפטיגער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. פיינבערג האָט געפילט אַז קאָוטסקי לאָזט איבער מער פּלאַץ פאַר דעם איינצעלנעם ווי אַנ־דערע מאַרקסיסטען האָבען עס געטאָן.

שרייבער וועלכע האָבען אים שטאַרק באַאיינפלוסט.

אין ענגלאַנד האָט פיינבערג זיך צוגעכאַפּט צו דער ענגלישער ליטעראַטור. לאָרד בייראָן און שעלי האָבען אים באַגייסטערט מיט זייער גרויסען פאַרנעם און הויכען טאָן. בייראָן האָט אָנגערירט די ראָמאַנטישע סטרונע וואָס כמעט יעדער אידישער בחור'ל פון מזרח־איירָאָפּאַ האָט פאַרמאָגט ; און שעלי — מיט זיין לירישער צאַרטקייט און גלייכצייטיג מיט זיינע טראַציגע סאָציאַלע לידער. דאָסטאָיעוו־סקי'ס „פאַרברעכען און שטראָף" האָט אים צוטרייסעלט. טאָלסטאָי'ס מאָנומענטאַלע ווערק „קריג און פרידען", האָט אים געהאַלטען געשפּאַנט מיט דער קינסטלערישקייט און מיט דער מלחמה־געגנער־שאַפט מיט וועלכען דאָס ווערק אָטעמט. טאָלסטאָי איז באַטראַכט

געוואָרען, ריכטיג אָדער ניט, ווי אַ שטיקל קרוב צום פילאָסאָפישען אַנאַרכיזם.

אין זיין יוגענט האָט פיינבערג ניט געלייענט קיין סך אידיש. בכלל איז ער און זיינע פריינד געווען דורכאויס קאָסמאָפּאָליטיש. אָדער אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט. דערצו איז ענגלאַנד ניט געווען דער פּאַסיגער פּלאַץ צו האָדעווען אַ געפיל צו דער אידישער ליטעראַטור. ערשט אין אַמעריקאַ איז ער געקומען אין באַרירונג מיט אידישער ליטעראַטור און קולטור. זיין ערשטער קאָנטאַקט מיט קולטור־ווערק זיינען געווען הויפּטזאַכלאַך אין ענגליש. אַן אויסנאַם איז געווען די „צוקונפט". מיט שטאָלץ דערמאָנט פיינבערג, אַז ער איז אַ לייענער פון דער „צוקונפט", זעקס און דרייסיג יאָר. איצט אינטערעסירט אים אידישע קולטור־פּראָבלעמען. ער באַלאַנגט צו די קליינע גרופּע אַרבעטער טוער, וועלכע העלפען אַרויס ענערגיש אַזעלכע קולטור אינסטיטוציעס, ווי די „איוואָ", „ציקאָ", „צוקונפט", די אידישע ענציקלאָפּעדיע אויף אידיש און אויף ענגליש א. א.. ער איז אַ פלייסיגער איינקויפער פון ביכער. די יוגענטלאַכע טבע אַריינצוקוקען אין אַן ערנסטען בוך איז פאַרבליבען אין אים אין אַ גרויסער מאָס.

בכלל איז פיינבערג אַ מענש וואָס רעאַגירט אויף סאָציאַל פּאָליטישע דערשיינונגען און פאַרמאָגט אַן אויער אויפצוכאַפּען אָנרוקענדיגע טענדענצען און ריכטונגען. פון די אידישע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס איז אים נאָהנט דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט. ער איז טעטיג אין דער ליבעראַל־פּאַרטי און אין דער באַוועגונג פאַר אַ נאַציאָנאַלער דריטער פּאַרטיי, און איז פאָרזיצער פון דער אינטערנעשאַנעל רעסקיו קאָמיטע.

זיין גרויסע אַרבעטזאַמקייט.

פיזיאָלאָגען באַהויפּטען, אַז איינער פון די סודות פון אַרבעטזאַמקייט איז די פעאיגקייט פון אַ מענשען איינצוזאַמלען נייע ענערגיע ווען ער שלאָפט. אַ רוהיגע נאַכט פרישט אָפּ דעם מענש, מאַכט אים גרייט פאַר אַ נייעם אַרבעט טאָג.

פיינבערג'ס אונערמידלאַכע ענערגיע מוזען שטאַמען אויסער זיין אומרוהיגער מאַרך, אויך פון דער זעלטענער פעאיגקייט זיך אויסצוטאָן פון דעם זאָרג פון טאָג, ווען דער טאָג איז פאָריבער, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט: — „ער נעמט ניט זיינע זאָרגען אין בעט". נאַכט מיינט רו, און טאָג־אַרבעט. אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין,

אָבער ווייט ניט אַלע מענשען פאַרמאָגען אָט די אייגענשאַפט, זיך אויסצוטאָן פון פּראָבלעמען, ווען זיי טוען זיך אויס צו גיין שלאָפען.

מרס. פיינבערג דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישען פאַל: ווען זיי האָבען געלעבט אין קאַליפאָרניא, וואו פיינבערג איז געווען דער פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, איז איינמאָל געקומען די צייט צו פאָרען צו אַ זיצונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד אין ניו־יאָרק. מרס. פיינבערג האָט פאָרגעשלאָגען צו נעמען דעם באָס אַנשטאַט דעם באַן. די ביליגערע רייזע הוצאות וועלען מעגלאַך מאַכען פאַר איר מיטצופאָרען. איר מאַן האָט איינגעשטימט. די רייזע דויערט זעקס טעג און נעכט. זי איז אויסגעמאַטערט געוואָרען. אָבער פיינבערג, מיט׳ן אויסנאַם פון די קורצע אָפּשטייגען, ווען ער האָט געכאַפּט אַ שטיקעל שפּאַציר, איז געשמאַק געשלאָפען. פון באָס איז ער אַרויס אויסגערוט און אָפּגעפרישט.

זיין גאַנצקייט און אָפּטימיזם.

אַ כאַראַקטער ווערט אויסגעפורעמט פון צוויי פאַקטאָרען, גלויבען געלערענטע, ערשטענס ירושה, — די שטריכען וואָס איינער ירש׳נעט פון זיינע עלטערען און צווייטענס די סביבה, וואָס שמידט אויס איינעמ׳ס אויפירונג, זיינע באַגריפען און מיינונגען, זיין צוגאַנג צו זאַכען און זיין באַנעמונג צו מענשען. דעם צווייטען פאַקטאָר, סביבה, האָט פיינבערג צו פאַרדאַנקען אין אַ היבשער מאָס זיין גאַנצקייט און אָפּטימיזם.

פיינבערג באַלאַנגט צו דער קליינער גרופּע אַרבעטער פירער וואָס האָבען ניט דורכגעמאַכט די גלגולים פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. יונגערהייד האָט ער אויסגעמידען דעם הויכען עקסטאַז פון די הערלאַכע טעג אין 1905—1906 און שפּעטער דעם יאוש וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַזוי פיל אַנטיילנעמער ווען רעאַקציע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט אַ בלוטיגען קולאַק און פּאָגראָמען. פיינ־בערג האָט דיסקוטירט די אורזאַכען פון דורכפאַל, אין דער וויטער מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, וואו טאָלעראַנץ און גוטער טאָן האָבען געהערשט דענסמאָל צווישען די פאַרשידענע ריכטונגען. זיינע נערווען האָבען אויסגעמידען די קאָלאָסאַלע אָנשטריינגונגען וואָס אַנדערע יונגעלייט האָבען איבערגעלעבט. בכלל איז די גאַנצע אומגעבונג אין ענגלאַנד מסוגל געווען איינצופלאַנצען אין אים די זוימען פון האָפער־דיגקייט און אָפּטימיזם. זיין פעריאָד אין ענגלאַנד איז געווען דער גאָלדענער פרימאָרגען פון דער ענגלישער אַרבעטערשאַפט. ליכטיגע

האָפענונגען האָבען שעמערירט פאַר די אויגען פון די ענגלישע סאָ־ציאַליסטען. די אומגעהויערע שוועריגקייטען, שטרויכלונגען און אַנטוישונגען וואָס האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויף זיי שפּעטער, ווען זיי האָבען איבערגענומען די רעגירונג, זיינען, ווי געוויינלאַך אין דער געשיכטע, ניט פאָרויסגעזען געוואָרען.

אַ יונגע סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע, אין באַדינגונגען פון דע־מאָקראַטיע, איז גאַנץ אַנדערש אין כאַראַקטער און אין אויפפירונג ווי די זעלבע באַוועגונג וואָס מוז זיך ראַנגלען אין אומלעגאַלע באַדינ־גונגען. דער וואָס האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון געפיינקניש, וואָס האָט זיך ניט באַדאַרפט אויסצובאַהאַלטען פון פּאָליציי, וואָס האָט ניט דורכגעלעבט דעם שוידער פון אַ פּאָגראָם, האָט אויסגעמידען די טראָפּענס גיפט וואָס האָבען אַריינגעדרונגען אין אַ מענשען׳ס האַרץ און איבערגעלאָזען דאָרטען אייביגע, כאָטש אָפט, ניט קענטיגע סמנים.

צו פיינבערג׳ען איז דער גורל געווען אַ סך מילדער. זיין יוגענט, ניט געקוקט אויף פערזענלאַכע שוועריגקייטען, האָט געשפּאַנט אויף אַ סאָלידען באָדען, אַרומגערינגעלט אין אַן אַטמאָספערע פון אַכטונג צום מענש און צו זיינע מיינונגען. ניט געווען אין אים די אינער־לאַכע צוריסענקייט וואָס האָט געפּלאָגט אַ סך פון די יונגע אַנטייל־נעמער אין דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָך איר דורכפאַל. די גאַנצקייט אין דער יוגענט שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין לאַנגער טעטיגקייט וואָס איז באַשפּרינקעלט מיט אַ שטענדיגען שטראָמיגען אָפּטימיזם.

דאָס אויבענגעזאָגטע דאַרף ניט אָנגענומען ווערען ווי אַ כלל וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פיינבערג׳ס לאַנגע קאַריערע. יוגענט איז איין זאַך און רייפער לעבען איז אַ צווייטע זאַך. קיין יוניאָן פירער קען ניט באַהויפּטען, אַז ער האָט שטענדיג געשפּאַנט אויף אַ סאָלידען באָדען. געווען צייטען, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווען אירע פירער האָבען געפילט ווייניג באָדען אונטער זייערע פיס. געווען מאָמענטען ווען געפאַר און שטרויכלונגען האָבען געלויערט פון אַ סך ווינקלען. מען קען זאָגען אַז שטרויכלונגען ליגען אין דער טבע פון יוניאָן פירערשאַפט. אָבער קיינער, אַפילו פיינבערג׳ס געגנער פון אַ געוויסען לאַגער, וועלען ניט וואָגען צו וואַרפען דעם קלענסטען פלעק אויף זיין כאַראַקטער און אויפפירונג. זיין אָרענטלאַכקייט און גייסטיגע אַנשטענדיגקייט זיינען אויסער דעם מינדעסטען צווייפעל.

פיינבערג האָט אַריבערגעטראָטען דעם זעכציגסטען געבורטס־טאָג. זיין ענערגיע, האָפערדיגקייט און אַרבעטזאַמקייט זיינען אויף אַ

האָר ניט געמינערט געוואָרען. ער באַלאַנגט ניט צו די פירער וועלכע ווילען רוהען אויף די לאָרבער־קראַנצען פון זייערע דערגרייכונגען. ער קען ניט רוהען. פלענער שטראָמען פון אים ווי פון אַ קוואַל.

פיינבערג האָט אין די קורצע ווערטער אויסגעדריקט זיין איצ־טיגען צוגאַנג צו דער אויפגאַבע פון זיין לעבען:

— „אַלצדינג וואָס איך פאַרמאָג האָבען מיר געגעבען די קלאָוק־מאַכער און אַלצדינג וואָס עס איז אין מיר — באַלאַנגט צו זיי.”

אַ סך שעפערישע כוחות ליגען אין פיינבערג'ן, פונקט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי אויך אין דער נאָענטער צוקונפט וועלען די קלאָוקמאַכער פילען די פרוכטבאַרע רעזולטאַטען פון אָט דער שעפע־רישקייט.

della sua giovinezza, e' stata interamente consacrata a tutte le grandi e nobili iniziative.

Feinberg non crede nei dogmas. Non e' schiavo di ideologie o di programmi, e malgrado le sue fossero convinzioni ferme, egli e' tollerante delle idee altrui, se onestamente professate.

La pietra miliare della fede di Feinberg e' la sua credenza nella dignita' umana. Da qui la sua insistenza che il pane non e' sufficiente senza la liberta'. Anche nella sua fanciullezza, quando frequentava la scuola del Talmud, egli era stato colpito dal verso biblico: "L'uomo non vive di solo pane". Quelle parole rimasero impresse nella sua mente, e spiegano il perche' egli non transige mai con le dottrine totalitarie che imprigionano lo spirito umano.

Ora Feinberg e' d'una sessantina d'anni passati, e la sua irreprimibile fede nel suo lavoro rimane intatta. Mai per un momento egli e' tentato a cullarsi sugl'allori. La sua mente fertile e' sempre in cerca di nuove idee che daranno per frutto una vita migliore per i suoi fratelli.

"Tutto quello che ho, me l'hanno dato i Cloakmakers; e tutto quello che sono, appartiene a loro," dice Feinberg.

plasmarono l'Union di oggi. E la massa alla celebrazione rivisse quelle storiche giornate nei discorsi e nelle fotografie.

Tra le grandi conquiste dell'Unione dei Cloakmakers Iraele Feinberg ci tiene ad annoverarvi il contratto collettivo per la durata di cinque anni che, secondo lui, e' un fattore di stabilita' nell'industria e non intacca affatto l'indipendenza dell'organizzazione, ne' la lega mani e piedi, come i fautori dei contratti a breve scadenza opinano, dato che il contratto a lunga durata contiene la clausola degli aggiustamenti salariali ed altre modifiche alle vigenti disposizioni, e in questa sua posizione Feinberg e' stato rivendicato dal fatto che nei primi quattro anni del contratto in vigore, l'Unione ha ottenuto dall'Impartial Chairman due aumenti generali di salario, un numero di miglioramenti sulle condizizoni di lavoro e l'Health and Vacation Fund. Feinberg concepisce il sindacato operaio come un'istituzione combattiva della classe operaia diretta da Leaders progressivi e lungimiranti, che riconoscano che le organizzazioni di mestiere, come tutte le istituzioni sociali, debbono mantenersi all'altezza dei nuovi sviluppi in un mondo che si rinnova giorno per giorno.

Il Valore della sua Individualita'

Da Leaders operaio di vaste vedute sociali Feinberg non sa disassocciare le attivita' sindacali da quelle politiche e culturali della classe laboratrice. Ed e' percio' che milita in movimenti politici e sociali a tendenza e con finalita' progressive ed emancipatrici. E' per le stesse ragioni che egli si tiene a contatto con personalita' politiche e del campo educativo interessate all'azione politica indipendente della classe lavoratrice. Si ricordera' che nell'autunno del 1946 egli rappresento' l'AFL in un importante missione compiuta in Germania e avente lo scopo di studiarvi le condizioni locali e suggerire i mezzi per venire in aiuto del movimento sindacale libero e democratico di quel paese. Feinberg e' pure attivo nella League for Industrial Democracy, nel Jewish Labor Committee, nell'International Solidarity Committee e in moltissime associazioni ebraiche. La sua vita, ispirata dagli ideali sociali

al suo funzionamento da parte di sindacati, universita' ed altre istituzioni. Piu' tardi la Dressmakers Union e l'Amalgamated Clothing Workers seguirono l'esempio, istituendo simili sistemi di pensione.

Giustamente, Israele Feinberg e' riconosciuto come il padre del Retirement Fund. In questo campo, come in molti altri, la Cloakmakers Union aveva agito a spianare il terreno per il resto del lavoro organizzato americano.

Il primo gennaio 1947 va in effetti il programma del Vacation e Health Fund, il quale comprende visite mediche, pagamenti d'ospedalizzazione, sussidi malattie ed assistenza finanziaria nei casi di operazioni chirurgiche e di tuberculosi. Nel giugno del 1947 vengono fatti i pagamenti per la vacanza di $60.00 ciascuno ai Cloakmakers. Complessivamente $2,250,-000.00 erano stati pagati dal fondo.

L'Health e Vacation Fund e' amministrato esclusivamente dal Cloak Joint Board con la cooperazione delle Locali affiliate. Harry Krugman e' il Direttore del fondo.

La Nuova Sede Sociale e Il 35mo Anniversario

Ultimamente il Joint Board, tenendo presente che le sue attivita' s'estendono sempre piu', s'e' visto forzato a trovare nuovi e piu' ampi locali. Finalmente l'Unione ha una casa propria, uno stabile acquistato con il contributo degli iscritti dell'equivalente paga d'una giornata di lavoro ed altre iniziative finanzziarie delle varie Locali. La nuova casa del Cloakmakers Joint Board consiste di un edificio a dodici piani, e vi fanno sede tutti i dipartimenti del Joint Board e gli uffici di diverse Locali, e trovasi al No. 22 W. 38th St., nella citta' de New York.

Sebbene l'organizzazione fosse andata molto avanti sulla via del progresso, pure i dirigenti non possono mai dimenticare i giorni di lotta e lo storico sciopero generale del 1910, che nel 1945, il 35mo. anniversario della strepitosa vittoria dei Cloakmakers, viene celebrato con pompa nella grande arena del Madison Square Garden. Per l'occasione fu pubblicato un bellissimo volume rievocante i grandi eventi del passato che

caro della vita — l'Unione dei Cloakmakers a piu' riprese ha ottenuto degli aumenti salariali. Secondo le statistiche compilate dai Dipartimenti del Lavoro — Statale e Federale — le paghe dei Cloakmakers negl'ultimi anni sono tra le piu' alte nel paese.

Assistenza per la Vecchiaia

L'Unione ha, altresi', stabilito il Fondo Assistenza per gli operai divenuti vecchi e desiderosi di ritirarsi dal lavoro. Come pure il Fondo Sussidi per Malattie e Vacanza, una conquista, questa, ritenuta veramente radicale, dal momento che addossa una piu' ampia responsabilita' ai padroni verso il benessere delle maestranze, una responsabilita' che richiede il loro contributo ad un fondo che prenda, almeno, cura della salute dei produttori e garentisca loro una vacanza retribuita. Questa nuova forma di beneficio e sussidio sul lavoro, alla quale soltanto i padroni contribuiscono, e' stata, poi, gradamente adottata in tutti i centri del paese che producono abiti da donna. Feinberg nella realizzazione di questa importante conquista ha dovuto superare molte obbiezioni e milti ostaccoli, non solo nel campo padronale ma anche tra gli stessi suoi colleghi, alcuni dei quali non ritenevano importanti abbastanza simili sussidi e fondi di pensione per la vecchiaia; ma animato dal precetto dell'antica preghiera degli ebrei: "Non mi abbandonare nella mia vecchiaia" — egli s'e' battuto con tenacia fino a raggiungere lo scopo.

Approfittando delle condizioni economiche favorevoli degli anni di guerra, l'Unione nel 1943 riesce, finalmente, a stipulare un nuovo contratto contenente la clausola per la creazione del "Retirement Fund", al quale i padroni s'impegnano di versare il tre per cento della somma totale dei salari. Un operaio che desidera ritirarsi dal lavoro dopo il suo 65mo compleanno, ha diritto ad una pensione di $50.00 al mese, o a $600.00 all'anno per tutto il resto della sua vita.

Il successo del Retirement Fund, il primo di questo genere negli Stati Unitifi, sollevo' grande scalpore. Giunsero all'Unione numerose richieste di schiarimenti intorno al fondo e

Manager del Joint Board per assumere la carica di Segretario-Manager dell'Unione dei Tagliatori Locale 10. In linea provvisoria, un comitato composto da Joseph Breslau, Chairman, Rubin Zuckerman, Joseph Sorkin, Iradore Nagler ed Eduardo Molisani, regge le sorti del Joint Board, ed e' in questo periodo d'interregno che vengono per la prima volta stipulati gli accordi con un numero d'importanti negozi a catena compresi i negozi Lerner. Questo Comitato Provvisorio funziona fino a quando, verso la fine di quell'anno, Feinberg e' invitato ad assumere la carica di General Manager del Joint Board.

Ritornato a New York nel Agosto del 1939, Feinberg trova un'organizzazione confrontata da un numero di gravi problemi. Le ferite della lotta fratricida e della depressione erano gia' cicatrizzate, ma nuove difficolta' erano sorte, delle quali le piu' importanti erano le fabbriche di fuori citta' e la situazione di Brooklyn.

Coadiuvato dagli altri dirigenti dell'Unione, il nuovo Manager-Generale intraprende la lotta per risolvere questi due problemi che da tempo affliggevano l'Union dei Cloakmakers.

Sotto la guida di Feinberg il Joint Board dei Cloakmakers e' riuscito a porre sotto controllo i jobbers, che s'impegnano di supplire le fabbriche di New York di un certo minimo del loro volume totale di lavoro. E sono state pure organizzate le fabbriche di fuori citta' che costituivano una minaccia seria alle conquiste unioniste che tante lotte e sacrifici costarono ai Cloakmakers unionisti. E quanto alla deporevole situazione di Brooklyn, si puo' ora dire che, dopo un'energica e serrata compagna, quella piazza non e' piu' un covo di "fabbriche aperte" e di crumiraggio, bensi' un centro dove le fabbriche che manifatturono abiti da donna sono sotto l'assoluto controllo dell'organizzazione, e migliaia di Cloakmakers son venuti ad ingrossare le file unioniste, specie quelle inquadrate sotto la bandiera della Locale 48, Cloakmakers Italiani, della quale e' Manager Eduardo Molisani.

In virtu' della clausola inserita nel contratto di lavoro, la clausola degli aggiustamenti salariali da adeguarsi al rin-

nella California meridionale, che infatti, aiutato da attivi unionisti Cloakmakers e Dressmakers, dei quali s'era circondato, riusciva a stabilire delle potenti Locali in questi due rami dell'industria, le quali, alla loro volta, stabiliscono delle relazioni contrattuali con i datori di lavoro, sebbene i manifatturieri di Dresses fossero venuti a termini, in seguito ad uno sciopero generale, il primo avutosi in quella citta'. Era questo un gigantesco passo in avanti se si considera che in quell'epoca la California, e specialmente la citta' di Los Angeles, erano famosissime attraverso l'America come un rocca forte antiunionista. Naturalmente, le migliorate condizioni, l'atteggiamento di cooperazione delle agenzie governative e, sopratutto, la solidarieta' dei lavoratori, il tutto messo insieme, era riuscito a superare tutti i vecchi ostacoli.

Un successo del pari importante si registrava in San Francisco. Appoggiato dagli operai, Feinberg, anche qui costringe i manifatturieri a venire a patti con l'Unione. Le fabbriche situate in comunita' piccole, come Portland, Oregon e Seattle, Washington, offrirono una forte resistenza. Li' gli operai non avevano mai ascoltato il messaggio dell'unionismo, e ci vollero diversi anni di attivita' organizzativa prima che i padroni riconoscessero quelle Locali come legittime rappresentanti delle maestranze.

Circa l'abilita' di Feinberg come organizzatore e come negoziatore, Rosa Pesotta, allora vice-presidentessa dell'Internazionale, scrivendo del di lui ruolo sulla Costa del Pacifico l'esalta con parole di alto elogio, dicendo che, "La nostra Unione e' assurta e fattore permanente e creativo nell'idustria. Abbiamo rialzato il tenore di vita dei nostri operai riunendoli attorno alla bandiera dell'ILGWU. Non fu facile il compito, eppure andammo avanti con il compagno Feinberg alla testa . . ."

Di Nuovo a New York

Feinberg ritorna a New York nel 1939 per assumere di nuovo la direzione del Cloakmakers Joint Board.

Nel gennaio del 1939 Isadore Nagler si dimette da General

cosidetto programma minimo. Le sue riforme portarano un soffio di spirito nuovo nei cuori disperati e paurosi della povera gente. E' vero che dalle riforme Rooseveltiane il capitalismo si ebbe una trasfusione di sangue; ma anche la classe operaia, ormai postrata e ridotta all'impotenza, fu rimessa in piedi e galvanizzata all'azione.

I Cloakmakers di New York, con alla testa il vice presidente dell'Internazionale e l'allora General Manager del Joint Board, Isadore Nagler, lanciano l'energica campagna d'organizzazione, nella quale non solo riprendono il terreno perduto nel periodo della despressione, ma aumentano la forza del sindacato come mai era stato fatto nel passato. Inoltre, approfittando dell'opportunita' che offriva la veramente momentosa vittoria, riescono ad introdurre l'innovazione delle 35 ore settimanali, innovazione che poi diviene esempio ed obbiettivo per le altre branche dell'industria del vestiario. La riduzione dell'orario settimanale rende facile il compito della distribuzione del lavoro tra tutti gli operai e ne allunga il periodo lavorativo.

Pure in quel frangente viene introdotta la riforma che definisce le responsabilita' dei contrattori, ed ora, per la prima volta, i "jobbers" si rendono responsabili per le condizioni di lavoro esistenti nelle fabbriche dei contrattori. Queste riforme vengono a mettere il dito su due piaghe ch'erano state causa di disordine e di caos nell'industria.

Feinberg Sulla Costa del Pacifico

Nella grande campagna d'organizzazione dell'Internazionale attraverso gli Stati, vi si trova, attivo partecipante, Israele Feinberg. A lui viene assegnata l'intera zona dello Costa del Pacifico della quale la California costituisce il settore principale, e la citta' di Los Angeles il centro piu' importante dell'industria dell'abbigliamento femminile.

La situazione era abbastanza incerta da scoraggiare qualsiasi altro al posto di Feinberg, il quale, con il suo naturale ottimismo e il suo zelo inizia il formidabile compito della creazione di una efficace organizzazione dell'Internazionale

nizzazione versava in cattive condizioni ed aveva bisogno d'una mano d'aiuto.

Siamo gia' alla tremenda crisi economica dovuta al colasso della stock market (Borsa) a cui seguiva la piu' grave a prolungata depressione che la storia americana ricordi. In quelmomento, nel dicembre del 1929, David Dubinsky assumeva la carica di Segretario-Tesoriere dell'Internazionale e nell'aprile dell'anno successivo veniva chiamato a far le funzioni di presidente, al posto di Schlesinger, ch'era infermo. La crisi economica veniva a colpire duramente l'industria dell'abbigliamento femminile; l'intera economia nazionale era demoralizzata e i sarti da donna stentavano disperatamente a mantenere in vita la propria organizzazione di mestiere.

Verso il 1942 la depressione era arrivata al livello estremo. Circa quindici millioni di lavoratori attraverso la nazione erano senza lavoro, e l'assicurazione contro la disoccupazione non esisteva ancora. L'ozio forzato di una gran parte dei sarti da donna e le magre mercedi dei pochi fortunati che rimanevano al lavoro avevano ridotto le entrate dell'Unione in maniera impressionante. L'Unione dei Cloakmakers e la stessa Internaionale, infatti, non disponevano di fondi sufficienti per pagare l'affitto dei loro uffici. Nel 1933 i membri attivi della Cloakmakers Union s'offrirono volontariamente di donare l'equivalente paga d'una giornata di lavoro per aiutare l'Internazionale a pagare la pigione. A volta delle settimane passavano senza che i funzionari percepissero stipendio alcuno. In queste circostanze l'Unione veniva meno nell'esplicazione delle sue funzioni.

Il "New Deal" di Roosevelt

A questa svolta critica, mentre il paese era confrontato da disintegrazione economica, sale alla presidenza degli Stati Uniti Franklin Delano Roosevelt. Il "New Deal" proclamato subito dopo il suo ingresso alla Casa Bianca, dimostro' l'effetto vivificatore delle sue riforme audaci, e dimostro' pure quanto necessaria fosse un'economia pianificata.

Roosevelt aveva preso a prestito dal partito socialista il

mati "Unioni Industriali" o "Unioni Nazionali". Nell'industria dell'abbigliamento femminile sorge la "Needle Trades Industrial Union".

